STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04662

TEG FUN YOM-TEV UN ZIKORN

Sara Rafalin-Lainer

Permanent preservation of this book was made possible by Bruce & Curtis Levinson in loving memory of their father, Jules Shlomowitz Levinson & his parents Mendel & Annie Shlomowitz. May their memory endure for a blessing.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שׂרה ראַפּאַלין־ליינער

✶

טעג פון יום־טוב און זכּרון

שׂרה ראַפּאַלין-ליינער

טעג פון יום-טוב און זכרון

פארלאג י.ל. פרץ ישׂראל

תל־אביב, תשמ״ח — 1988

שרה ראַפאַלין־לײַנער

טעג פון יום־טוב און זכרון

עסייען

אַרויסגעגעבן דורכן אינסטיטוט פאַר ייִדישער דערציִונג
Institute of Jewish Education
8339 West Third Str. Los Angeles, Calif
90048

Teg fun yomtew un zikorn
Printed in Israel, 1988

Sara Rafalin-Lainer
487 Spalding Drive
Beverly Hills, California 90212

©
ALL RIGHTS RESERVED

פאַרלאַג י. ל. פרץ, ישראל, רחוב ברנר 14 תל־אביב
I. L. Peretz Publishing House
14 Brener Str., Tel-Aviv, Israel

נסדר ונדפס בדפוס ״שמגר 1986״, ת״א טל. 828704

פאַר שׂמחהן, מיין געטרייען לעבנס־חבר,
צו אונדזער גאָלדענער חתונה
אַ מתּנה

דעם אָנדענק

פון מיין פאָטער ר׳ מאיר אַריה ראַפּאַלין
און מיין מוטער חנה גיטל,
וועמענס קברים עס זענען צעשטערט געוואָרן
אין דעם נאַצי־חורבן

פון מיין ברודער ר׳ חיים צבי ראַפּאַלין
און זיין פרוי טאָלצע מיט זייערע דריי קינדער:
שמואל־לייזערל, דודל און באַשע־רחלע,
פון מיין שוועסטער חיענע און איר מאַן זעליק סלאָמיאַנסקי,
פון מיין שוועסטער ביילע און איר מאַן הרב שמואל ליבלינג
און זייער טאָכטערל חנה־גיטעלע,
וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע רוצחים.

הי״ד.

אַרײַנפֿיר

ביי אַלע שווערקייטן, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַר דער ייִדישער פֿרוי צו ווערן אַ למדנטע, ווייסט דאָך אונדזער געשיכטע צו דערציילן וועגן פֿרויען, וועלכע האָבן דערוואָרבן באַדייטנדיקן ייִדישן וויסן, און אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן געלערנט. אַזעלכע פֿרויען זענען געווען ביי אונדז אין אַלע תּקופֿות, זיי זענען פֿאַראַן אויך אין אונדזער צייט. שׂרה ליינער, פֿון דער היים ראַפּאַלין, איז איינע פֿון זיי. זי איז אויפֿגעוואַקסן מיטן דורשט און מיט דער ליבשאַפֿט צו לערנען, און זי טראָגט אָט דעם ווילן כּסדר, באַרייכערנדיק זיך, אין איר דווערנדיקער באַגייסטערונג, מיט די אוצרות פֿון ייִדישן גייסט.

פֿון איר ביאָגראַפֿיע דערוויסן מיר זיך, אַז שׂרה ליינער שטאַמט פֿון אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער משפּחה אין פּונסק, אַ שטעטל אין דער געגנט פֿון סוּוואַלק, וואָס האָט פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געפֿונען אויף דער גרענעץ צווישן פּוילן און ליטע. אין דער דאָזיקער פֿאַמיליע האָט מען דערצויגן די טעכטער אין איינקלאַנג מיטן אָנווייז פֿון בן עזאי: „חייב אָדם ללמד את בתּו תּורה" (משנה סוטה ג, ד.). אויך מיט אַ מיידל איז מען, הייסט עס, מחוייב צו לערנען תּורה. שׂרה ליינער האָט באַקומען איר ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג אין די גלענצנדיקע חינוך־אינסטי־טוציעס, וואָס האָבן עקסיסטירט אין ייִדיש מיזרח־אייראָפּע. איר

אינטערעס פֿאַר ייִדישער קולטור, אין אַלע אירע אויסדרוקן, האָט זיך נישט באַנוגנט, פֿון דעסטוועגן, מיטן אָפֿיציעלן פּראָגראַם. זי האָט דאָס ספֿר, דאָס ייִדישע בוך, ממש נישט אַרויסגעלאָזן פֿון האַנט. דערצו האָט אין אַ שפּאָרער מאָס געווירקט אויף איר די אַטמאָספֿער, אין וועלכער זי האָט זיך באַוועגט. איינער פֿון אירע ברידער, ר' דוד שלמה ראַפּאַלין, איז געוואָרן דער הויפּט־רב פֿון מעקסיקע. תּורה האָט אויסגעפּילט דאָס לעבן, געגעבן אינהאַלט, אויפֿגעהויבן און דערהויבן.

דער ענטוזיאַזם פֿאַר ייִדישער גייסטיקייט איז מיט שׂרה ליינער מיטגעגאַנגען אין אַלע אירע וואַנדלונגען. זי האָט אויסגעוואַנדערט פֿון שטעטל, חתונה געהאַט, געבויט איר אייגענע פֿאַמיליע, געוווינט אין מעקסיקע, אין ווענעזועלאַ. שוין צענדליקער יאָרן ווי זי וווינט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין לאָס־אַנדזשעלעס. צייטן האָבן זיך געביטן. פֿאַרהעלטענישן האָבן זיך געענדערט. אָבער שׂרה ליינער האָט זיך נישט געשיידט מיטן ספֿר. ייִדישע גייסטיקייט איז פֿאַרבליבן איר נשמה־אוצר. זי האָט כּסדר אַליין געלערנט, און געלערנט מיט אַנדערע. אַ צייט איז זי געווען אַ לערערין אין ייִדישע שולן, אין סעמינאַרן. זי טרעט אַרויס מיט לעקציעס, פֿאַרזייט ייִדישן וויסן אין די אָרגאַניזאַציעס, וווּ זי איז טעטיק, און אויך אין אַלגעמיינע קולטור־צענטערס. שטאַרקע דערמוטיקונג אין איר ליבשאַפֿט צום ספֿר האָט זי געפֿונען ביי איר מאַן שׂמחה ליינער, וועלכער איז בזכות עצמו איינגעוואָרצלט אין דורותדיקער ייִדישקייט און צוגע־בונדן צו די ווערטן פֿון ייִדישער קולטור.

איצט טראָגט שׂרה ליינער צו דעם ייִדיש־לייענער איר בוך. אין אַ בריוו צו מיר שרייבט זי:

"איך קום דאָ נישט ברענגען קיין נייע בליציקע געדאַנקען און מחדש זיין טיפֿזיניקע חידושים. איך ווייס, אַז אַלץ וואָס איך שרייב אין דעם בוך, „טעג פֿון יום־טוב און זכרון", איז באַקאַנט דעם ייִדישן

מענטש. איך ווייס אויך, אַז שטודירנדיק דעם תּנך אין אָריגינאַל און לערנענדיק אונדזער געשיכטע, קען מען אַ סך מער דערגרייכן אין וויסן. אויב אָבער עמעצער, וואָס איז נישט באַהאַוונט אין די מקורות, וועט אַריינקוקן אין די בלעטלעך, וועט דאָס זיין מיין שׂכר״...

דאָס בוך איז אַ פּראָדוקט פון איר אָנשטרענג צו טרינקען פון אונדזערע אומאויסשעפּלעכע קוואַלן, פון איר פאַרערונג פאַר ייִדי־שער טראַדיציע און ייִדישן לעבנס־שטייגער, און פון איר טיפער איבערצייגונג, אַז ייִדישע קולטור איז נישט בלויז אַ יסוד, נאָר ברענגט אויך אַריין שיינקייט, וואַרעמקייט, זין און זון אין לעבן. די טעמעס זענען פאַרשיידענע, אַלט און ניי זענען צונויפגעוועבט: דער באַטייט פון אונדזערע ימים־טובים; די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין באַוווסטזיין פון אונדזער פאָלק; די פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל אין ייִדישן זיין; די לערע פון דער ייִדישער עטיק; די הייליקייט און אייבי־קייט פון ירושלים; און אויך דער בייטראָג פון דער מאָדערנער העב־רעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור צום ייִדישן געפיל ווערט באַהאַנ־דלט. דאָס, וואָס שׂרה ליינער האָט געלערנט און געלייענט, טיילט זי מיט אַנדערע. אַזוי, למשל, באַרירנדיק דעם יום־טוב פּסח, וויקלט זי פונאַנדער די דראַמע פון די געשעענישן, וואָס האָבן דערפירט צום יום־טוב, די דינים און טראַדיציעס, וועלכע זענען מיט אים צונויפגעבונדן, אָבער זי פאַרפעלט נישט צוצוגעבן, אַז פּסח איז פול מיט חן און רייך מיט סימבאָלן, וואָס באַצווינגען די פאַנטאַזיע. אָדער — בעת זי שילדערט דאָס לעבן אוןווירקן פון משה רבינו — גיט זי אָן וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט אין חומש און אין תּלמוד, און וואָס עס איז געשריבן געוואָרן שפּעטער אין די ספרים, אָבער זי שטרייכט דערביי אונטער די ליבשאַפט, וואָס ער האָט אין אַלע צייטן אַרויסגערופן אין אונדזער פאָלק, און אַז דאָס אַ געפיל פון ליבשאַפט און באַוווּנדערונג דאַרף כּסדר אָנהאַלטן.

און ווייל די קאַפּיטלען פֿונעם בוך זענען געשריבן מיט ערנסט־קייט און אַחריות, און אויך מיט וואַרעמקייט און ענטוזיאַזם, וועלן זיי זיכער געפֿינען דעם וועג צום לייענער. האָט מען דאָך ביי אונדז געזאָגט שוין אין די פֿאַרגאַנגענע צייטן: „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב״. רייד, וואָס פֿליסן אַרויס פֿונעם האַרץ, דרינגען אַריין אינעם האַרץ.

העשיל קלעפּפֿיש

א

פסח, דער יידישער פרייהייט־יום־טוב

פסח איז דער ערשטער פון אונדזערע דריי גרויסע, נאַציאָנאַל־רעליגיעזע יום־טובים, וואָס מען רופט שלוש רגלים; די אַנדערע צוויי זענען שבועות און סוכות, און אַלע דריי ווערן געפייערט ווי אַן אָנדענק פון דעם וויַיטן אַמאָל.

דאָס איז אַ יום־טוב וואָס איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תורה; ער פאַלט אויס דעם 15טן אין חודש ניסן און געדויערט זיבן טעג, אין חוץ־לאָרץ — אַכט טעג. דאָס איז דער עלטסטער פון אַלע יום־טובים אין אונדזער לוח.

ער ווערט אָנגערופן מיט פיר נעמען: חג האביב, חג החירות, חג המצות און חג הפסח.

1. חג האביב — דער פרילינג־יום־טוב, ווען די נאַטור שטייט אויף צום לעבן; זי ווערט אויסגעלייזט פון דעם שווערן ווינטער מיט די קעלטן, ווינטן און שנייען. צוזאַמען מיט דער נאַטור פילט זיך אויך דער מענטש פרייער, פריילעכער, און ס'איז אַ גוטע ציַיט צו יום־טובן.

2. חג החירות — דער יום־טוב פון פרייהייט; מיר פייערן אים מיט פּראַכט און גלאַנץ, צו דערמאָנען די דראַמע פון יציאת מצרים, ווען אונדזערע עלטערן זענען אַרויס מעבדות לחירות, משעבוד לגאולה — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. אין די תפילות זאָגן מיר „זמן חרותנו".

3. חג המצות — צו דערמאָנען אונדז, אַז אונדזערע עלטערן

זענען אַרויס פון מצרים אין גרויס אײַלעניש. נישט קענענדיק וואַרטן ביז דאָס טייג זאָל זויער ווערן צום באַקן ברויט, האָבן זיי עס מיטגענומען אויפן וועג אין מידבר, און געבאַקן אויף דער ברענענדיקער זון דינע קוכנס, מצות. ס׳איז אַן איסור צו עסן חמץ און אַ מצוות־עשׂה צו עסן מצה די זיבן טעג פונעם יום־טוב פּסח.

4. חג הפּסח — פּסח איז דער נאָמען פון דעם קרבן, וואָס די ייִדן האָבן מקריב געווען דעם 14טן טאָג אין ניסן, צו דערמאָנען דעם נס און אויסדריקן די דאַנקבאַרקייט פאַר גאָט, וואָס ביי די מכּות־בכורות, ווען יעדער בכור מצרים איז אין יענער נאַכט געשטאָרבן — „לא היה בית אשר אין בו מת״, האָט גאָט איבערגעהיפּט די ייִדישע הײַזער — „פּסח על בתּי ישׂראל״. און די ייִדן איז גאָרנישט געשען. טאַקע מיט דעם נאָמען ווערט דער יום־טוב אָנגערופן ביים פאָלק, „פּסח״, הגם אין דער תּורה ווערט ער אָנגערופן חג המצות.

ס׳איז אַ שיינער און אַ פּאָפּולערער יום־טוב, כאָטש אַ שווערער. מע דאַרף זיך צוגרייטן צום יום־טוב, ווי עס ווערט געזאָגט: „שלושים יום קודם הפּסח שואלים ודורשים בהלכות הפּסח״, דאָס הייסט, דרייסיק טעג פאַר יום־טוב דאַרף מען אָנהייבן לערנען די דינים און מנהגים פון פּסח.

דער חודש ניסן — דער חודש פון גאולה, פון אויסלייזונג — ווערט פאַררעכנט ווי דער ערשטער חודש פון יאָר — ראשון לחודשי השנה, כאָטש די מענטשהייט איז געבוירן געוואָרן אין חודש תּשרי, ווען מיר פּייערן ראש השנה. די חז״ל זאָגן: „בניסן נגאלו אבותינו ממצרים ובניסן עתידין הם להגאל״. אַזוי וויכטיק איז דער חודש ניסן.

דער חודש ניסן איז אויך די צייט פון מעות חיטין, ווען אַלע שולן און אָרגאַניזאַציעס קלייבן געלט, כּדי צו באַזאָרגן די נויט־באַדערפטיקע מיט מצות און וויין אויף פּסח, כּדי דער ייִד זאָל

הנאה האָבן פון דעם יום-טוב, מוז ער זאָרגן, אַז קיינער זאָל נישט בלייבן הונגעריק.

דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופן מיט אַ בכּבודיקן נאָמען: „שבת הגדול". פאַר וואָס הייסט ער אַזוי? דאָס איז דער שבת פון דעם גדול, פון דעם רב פון דער קהילה. ער האַלט דאַן אַ דרשה וועגן הילכות פסח. היינטיקע צייטן רעדט דער רב יעדן שבת, אָדער פרייטיק-צונאַכטס, אָבער אַ מאָל פלעגט דער רב רעדן נאָר צוויי מאָל אַ יאָר: שבת הגדול און שבת תשובה.

נאָך אַ טעם — דער שבת האָט זיך טאַקע פאַרדינט דעם טיטל „גדול", ווייל דאַן האָבן די ייִדן מיט מסירת-נפש צוגעגרייט עפנטלעך דעם שעפּס, דעם אָפּגאָט פון די עגיפּטער, כּדי אים צו שעכטן ווי אַ קרבן פסח; דערמיט האָבן זיי איינגעשטעלט דאָס לעבן.

איצט וועגן עיקר. כ׳וועל דאָ נישט ברענגען קיין גרויסע חידושים. אַלע ווייסן, אַז מיר פּייערן דעם יום-טוב אויפן יסוד פון יציאת מצרים, דער הויפּטזייל אויף וועלכן די גאַנצע ייִדישע געשיכטע איז אָנגעשפּאַרט. דאָס איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין תורת משה; אַלץ וואָס ס׳איז געווען פריִער פאַר יציאת מצרים איז נישט מער ווי אַ הקדמה, און אַלץ וואָס ס׳איז געקומען שפּעטער איז ווי אַ המשך פון יציאת מצרים. אַלע ייִדישע יום-טובים וויקלען זיך אַרום דער אָ געשעעניש, בעת די ייִדן זענען באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי און ווי פרייע מענטשן שוין געגאַנגען דורכן מידבר אויפן וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד. מיר דער-מאָנען דעם זעלבן מאָטיוו אפילו ביי שבת, וואָס איז געהייליקט געוואָרן נאָך ביי מעשׂה בראשית, אין די ערשטע טעג פון וועלט-באַשאַף. אויך אין קידוש זאָגן מיר „זכר ליציאת מצרים".

אויך דער ערשטער געבאָט פון די עשׂרת הדיברות, וואָס איז די קווינט-עסענץ פון אונדזער אמונה, הייבט זיך אָן מיט דעם

„אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״ — איך בין גאָט, דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פונעם לאַנד מצרים, פון שקלאַפנהויז. דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער פון גאָט ווען ער איז נתגלה געוואָרן אויף דעם פלאַמענדיקן באַרג סיני — איר זענט נישט מער די קנעכט פון פּרעהן, „כי לי בני ישראל עבדים״, און איך גיב אייך די תורה. מיר זענען אָנגעזאָגט געוואָרן ווי אַ מצוות־עשה: „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך״, דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג פונעם אַרויס־גיין פון מצרים אַלע דיינע טעג פון דיין לעבן, אים פייערן ווי אַ יום־טוב צו גאָט פאַר אַלע דורות, פאַר אַן אייביקן אָנדענק. דאָס מיינט אַן אָנזאָג, אַז יציאת מצרים און פּסח זענען נישט נאָר עפּיזאָדן פון אוראַלטן אַמאָל, פון דער גאָר אַלטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט אונדזער צייט, אָדער מיט אונדזער סביבה; נישט בלויז אַן איינציקער עפּיזאָד, אַן איבערגעריסענער מאָמענט אין דער געשיכטע פון פאָלק, נאָר דער אידעאַל פון פרייהייט און גלייכקייט פון מענטשן און פון שינאה צו קנעכט־שאַפט; און ס׳וועט זיך כסדר איבערחזרן; דערפאַר איז פּסח מצרים — פּסח לדורות. יציאת מצרים ווערט כסדר דערמאָנט אין דער תורה און גייט נישט אַראָפּ פון אונדזערע ליפּן זינט טויזנטער יאָרן.

דער יום־טוב פּסח לערנט אויך דעם ייִדן קיין מאָל נישט אַריינצופאַלן אין ייִאוש. ווען גזירות און רדיפות דריקן פון אַלע זייטן, דערמאָנט זיך דער ייִד אין דעם שיעבוד מצרים און גאולת מצרים און ער זאָגט מיט די ווערטער פון דער הגדה: „לא את אבותינו בלבד גאל הקב״ה, אלא אף אותנו גאל עמהם״. — נישט בלויז אונדזערע עלטערן האָט גאָט אויסגעלייזט, נאָר אויך אונדז האָט ער אויסגעלייזט צוזאַמען מיט זיי. דאָס איז די וויכטיקסטע דעקלאַראַציע פון ייִדן אין דער סדר־נאַכט; ס׳איז נישט נאָר אַ

דערמאָנונג, נאָר אַן איבערלעבונג; מיר פייערן אונדזער אייגענע גאולה.

פסח סימבאָליזירט די ייִדישע נצחיות, די אייביקייט וואָס גיט דעם ייִד אַ מין מיסטעריעזע גבורה, אַ מין געהיימען וואָפן, דעם ווונדערלעכן כּוח צו שפּאַנען איבער דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע; אַזוי ווי אַלע נאַטור־געזעצן וואָלטן נישט געהאַט קיין שליטה איבער אים, נאָר איבערצולעבן אַלע צרות און רדיפות און ווידער אַרויסקומען גאַנץ „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב״ה מצילנו מידם״.

יציאת מצרים איז געווען די ערשטע רעוואָלוציע קעגן קנעכט־שאַפט אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע און דער אָנהייב פון דער ערשטער גאולה־באַוועגונג ביים ייִדישן פאָלק. דער ייִד איז געווען דער ערשטער צו ווייזן ווי אַזוי מ׳צערייסט די קייטן פון שקלאַפעריי.

אַוודאי זענען געווען דאַן אין מצרים אויך אַנדערע פעלקער־שאַפטן אָדער שבטים וואָס האָבן געשמאַכט אונטער די פּרעהס, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט, זיי האָבן עס אָנגע־נומען ווי אַ נאַטירלעכן צושטאַנד און אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז עס קען געשען אַזאַ זאַך ווי רעוואָלט.

די ייִדן האָבן אָנגעהויבן מיט דער פיזישער גאולה, אַרויס־גייענדיק פון מצרים, אָבער מיט אַ פאַרבינדונג פון אַ גייסטיקער באַנייונג, ווי עס ווערט געבראַכט אין דער תורה: „בהוציאך את העם הזה תעבדון את האלקים על ההר הזה״. גאָט זאָגט צו משהן: ווען דו וועסט אַרויסנעמען די ייִדן פון מצרים, זאָלסטו זיי ברענגען צום געטלעכן באַרג, זיי זאָלן נעמען די תורה, ווייל פיזישע גאולה מוז צוזאַמענגיין מיט דער גייסטיקער גאולה.

פון דעמאָלט אָן זיינען ייִדן שוין מער נישט געווען קיין קנעכט, קיין מאָל נישט. אפילו ווען זיי זענען געווען אונטער אַ פרעמדער מאַכט, געפּייניקט, גערודפט, אפילו ווען זיי האָבן געמוזט

טאַנצן פֿאַרן פּריץ „מה יפית", זענען זיי געווען פּרייער ווי די פּייניקער גופא און זיי האָבן געהאַט דעם פּולן באַוווּסטזיין, אַז ער, דער ייִד, איז דער הערשער אויף זיין אינערלעכן „איך", טראָץ זיין אויסערלעכער שוואַכקייט.

אַזוי טראָגן מיר דאָס געדעכעניש פון דער מצרישער קנעכט־שאַפט און געטלעכער אויסלייזונג טויזנטער יאָרן.

נאָך אין בראשית, ביי אונדזער אורפאָטער אַברהם אָבינו, ביים „ברית בין הבתרים", ווערט אים אָנגעזאָגט, אַז זיינע קינדער וועלן זיין קנעכט ביי אַ פרעמדן פאָלק: „ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה... ויצאו ברכוש גדול".

ווי אַזוי זענען ייִדן געקומען קיין מצרים? — די מעשׂה מיט יוסף, ווי ער ברענגט זיי און באַזעצט זיי אין גושן. דאָרט אין גושן, (געטאָ), ווו זיי האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט, אין אַ באַזונ־דערער קערפּערשאַפט, האָבן זיי נישט אויפגעגעבן זייערע כאַ־ראַקטער־שטריכן און אייגנאַרט, זיי האָבן נישט געענדערט זייערע נעמען, זייערע קליידער און זייער שפּראַך, נאָר באַוויזן צו בלייבן אַ „גוי בקרב גוי" — אַ פאָלק צווישן אַ פאָלק. דאָרט אין גושן איז אויסגעשמידט געוואָרן דער ייִדישער כאַראַקטער, די פעיִקייט צו ליידן. מצרים איז געווען דער כּוּר הברזל; דאָרטן אין געלייטערט געוואָרן די ייִדישע נשמה איידער זיי זענען אַרויס אויף דער וועלט־אַרענע צו ווערן אַ נס לגויִים; ווייל נאָר דער, וואָס פילט די שיפלות פון גלות, דער וואָס מאַכט דורך די גלות־ליידן, דער קען באַגרייפן און פילן די פרייד פון גאולה און דעם טעם פון אַ בן־חורין.

„וזכרת כי גר היית בארץ מצרים". אַזוי ציט זיך דער ייִדישער וועג פון גושן צום באַרג סיני, פון דעם חושך מצרים צו דער ליכט פון דער תורה.

משה רבנו, דער מנהיג, דער הויפּטהעלד פון דער גאולה ווערט

נישט דערמאָנט אין דער הגדה, כּדי אויסצומיידן ער זאָל נישט פֿאַרגעטערט ווערן. ביי יידן איז קיין מאָל נישט אָנגענומען געוואָרן דער פּערזאָנען־קולט, ווי ס'איז ביי די אַנדערע פֿעלקער און זייערע אמונות, מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט יענע גאָט־מענטשן, יענע פּערזאָנען וואָס מאַכן קיין מאָל נישט קיין טעות. דער גרויסער משה, דער גרעסטער פון די נביאים, האָט געמאַכט טעותים און איז פֿאַר זיי באַשטראָפֿט געוואָרן. מיר ווייסן, אַז די היסטאָריע פון בלינדער פֿאַרהערלעכונג, פון בלאַנדזשענדיקע מענטשן, האָט געבראַכט גרויסע אומגליקן אויפֿן פֿאָלק. (די פֿאַלשע משיחים). דערפֿאַר האָבן די חז"ל ביים אָפּשליסן די הגדה אויסגעמיטן משהס נאָמען אין דעם טעקסט. כּמעט משה איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער באַרג סיני איז קליין געווען, ווער ער איז אויף אים געשטאַנען (היינע).

פּסח איז זייער אַן אייגנאַרטיקער יום־טוב, פול מיט חן, רייך אין ריטואַלן און צערעמאָניעס מיט אַן אַ שיעור סימבאָלן וואָס רעגן אָן די פֿאַנטאַזיע. ס'איז אַ פּאָפּולערער, פֿריילעכער יום־טוב, אומעטום, אין אַלע טיילן פון דער וועלט, ווו יידן געפינען זיך; ער פֿאַראייניקט אַלע יידן. נישט נאָר פֿרומע, נאָר אויך פֿרייע, וואָס אַ גאַנץ יאָר האַלטן זיי זייער ווייניק פון טראַדיציע, האַלטן זיי אָבער גאָר שטאַרק פון פּסח. זיי באַגנוגענען זיך נישט מיט די צוויי סדרים, נאָר מאַכן אויב אַ דריטן סדר, ווו זיי דערציילן אויף זייער אופן און אין זייער שטייגער דעם נס פון יציאת מצרים; זיי שטעלן צוזאַמען אַ הגדה צוגעפּאַסט צו זייער אידעאָלאָגיע. זיי טרינקען די פיר כּוסות וויין און אַוודאי האַלטן זיי פון די קניידלעך. דער סדר איז זייער אַן איינדרוקספֿולע טראַדיציע; פּסח איז דער איינציקער יום־טוב וואָס האָט אַ סדר.

ווער פון אונדז געדענקט נישט די סדרים פון דער אַלטער היים, אין דעם קליינעם שטעטל, אין דעם אָרעמען שטיבל! ווען מען האָט זיך געזעצט צום סדר, איז דער ייִד געוואָרן גאָר אַן אַנדער

מענטש, ער האָט אויסגעגלייכט זיין רוקן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַקומען גאָר אַן אַנדער שטימונג; דאָס געדריקטע געמיט פלעגט פאַרשווינדן און דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט און אייגן־ווערדע.

די שטוב איז געוואָרן אויסגעקאַלכט לכבוד יום־טוב, דער פּאָל איז געווען אויסגערייניקט, טאַקע נישט באַדעקט מיט פּערסישע טעפּיכער, אָבער ריין, אַ מאָל אַפילו באַשאָטן מיט געלן זאַמד, די כּלים געשייערט און געכּשרט, דער טיש באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך, אויפן טיש די מעשענע לייכטער וואָס בלישטשען ווי גאָלדענע; און די גוטמוטיקע גאַטספאָרכטיקע מאַמע, וואָס האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט אַריינצוברענגען דעם יום־טוב אין שטוב, בענטשט די ליכט און דאָס אָרעמע שטיבל ווערט פול מיט ליכטיקייט און פרייד.

אויך היינטיקע צייטן, אין אונדזערע אומשטענדן פון שפע, איז דער סדר־טיש איינדרוקספול, צי מען פייערט אים פּריוואַט אין דער פאַמיליע אָדער קאָלעקטיוו אין די שולן און קלובן. חוץ די עלעקטרישע לאָמפּן צינדט מען אָן חלבנע ליכט אין זילבערנע לייכטערס, די שענסטע כּלים און די טייערסטע געפעסן, זילבערנע בעכערס און קאָלירטע, קרישטאָלענע כּוסות, מיט גוטע ארץ־ישׂראל־דיקע ווייַנען, און די געשמאַקע פּאַטראַוועס — דאָס אַלץ צוזאַמען גיט צו דערהויבנקייט און הייליקייט.

דער טאַטע, דער מלך אין דעם ווייסן קיטל, פאַרנעמט דעם אויבנאָן אויף דעם ספּעציעל פאַר אים צוגעגרייטן היסב־בעט. צוזאַמען מיט דעם מלך זעצן זיך אַוועק אַלע משפּחה־מיטגלי־דער און די פאַרבעטענע געסט אַרום טיש און מען הייבט אָן צו זאָגן די הגדה מיט גרוים התמדה. אַ קוואַל פון ביטחון פליסט פון יעדן וואָרט. ס׳איז נישט גענוג נאָר צו דערציילן און לייענען, מען גיט אָן אַלע דעטאַלן, אַלע איינצלהייטן, און מען דערקלערט די

סימבאָלן פון יעדן קעגנשטאַנד פון דער קערה, דעם זרוע, דעם מרור, חרוסת און דעם איי; יעדע זאַך האָט אַ באַטייט און אַ סיבה פאַר וואָס מיר האָבן עס אויפן טיש. די צענטראַלע מיצווה פון פסח איז צו דערציילן דעם נס פון דער היסטאָרישער געשעעניש, יציאת מצרים; מען שפּילט עס אוים מיט געשפּאַנטקייט און מיט טעאַטראַלע עפעקטן. אַלע זענען מחויב צו זאָגן די הגדה, „אַפילו כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה, מצווה עלינו לספר... וכל המרבה הרי זה משובח". — כאָטש מיר זענען אַלע געלערנט, קולטורעל און מאָדערן, דאַרפן מיר רעדן און דערציילן וועגן דער גרויסקייט פון גאולת מצרים, כדי צו מאַכן דעם פאָלק באַוווּסטזיניק וועגן דעם באַטייט פון פרייהייט. די הגדה דערציילט, אַז די תנאים מיט רבי עקיבא בראש זענען זיך פאַרזעסן אין בני־ברק ביזן העלן טאָג אַריין, דערציילט די נסים, און זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט „עד שהגיע זמן קריאת שמע של שחרית".

דער סדר מיט אַלע זיינע איינריכטונגען, מיט אַלע זיינע צערעמאָניעס, איז געצילט צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון קינד. די גאַנצע הגדה האָט צו טאָן מיט חינוך בנים. די חז"ל האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער ריכטיקער אופן פון דערציִען אַ קינד איז נישט נאָר דורך זאָגן אים וואָס צו טאָן, נאָר וויַיזן אים אַ פערזענ־לעכן ביישפּיל, ממשותדיק, וואָס מען טוט אַליין. ס'איז נישט גענוג דאָס קינד זאָל הערן וואָס מען דאַרף טאָן, נאָר אויך זען. דער חוש פון זען איז שטאַרקער פאַרן חוש השמיעה, פון הערן. ביי מתן תורה, צווישן די קולות וברקים, האָט דאָס פאָלק געהערט גאָטס שטימע, האָבן זיי אָבער נישט נאָר געהערט די קולות, נאָר אויך געזען: „והעם רואים את הקולות". דורכן זען ווערט די זאַך מער איינגעקריצט אינעם קינדס מוח: „בעבור זה, לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך". ווען דאָס קינד זעט די קערה מיט די אַלע זאַכן אויסגעלייגט אויף איר און הערט די

מעשׂה װאָס דער טאַטע דערצײלט, און איז גלײכצײטיק אַלײן מקיים אַלץ, דאָן װעט דער „והגדת לבנך" דערגרײכן דעם אמתן ציל. דאָס קינד הײבט אָן פֿרעגן און זוכט דערקלערונגען פֿאַר יעדער זאַך.

דאָ, בײַם סדר, װערט דער בן־זקונים, דער מוזיניק, דער הױפּטהעלד. ער הערט און זעט, און װערט פֿאַראינטערעסירט; און ער פֿרעגט די פֿיר קשיות.

„והיה כי ישאלך בנך" — און עס װעט זײַן אַז דײַן זון װעט דיך פֿרעגן „מה זאת" — האָט שױן דער טאַטע אין דער הגדה דעם צוגעגרײטן ענטפֿער — זאָלסט אים זאָגן „עבדים היינו" און מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונדז גאָט אַרױסגענומען פֿון מצרים, פֿון דעם הױז פֿון קנעכטשאַפֿט... דעריבער דאַרפֿן די עלטערן זײַן מוכן ומזומן, גוט צוגעגרײט צו קענען געבן זײערע קינדער די ריכטיקע ענטפֿערס.

עס איז באמת אַ פֿרײד בײַ עלטערן װען זײ זענען זוכה, אַז די קינדער פֿאַראינטערעסירן זיך מיט ייִדישע יום־טובים, פֿאַרטיפֿן זיך אין ייִדישע פּראָבלעמען, װילן װיסן און פֿרעגן. לײדער זענען פֿאַראַן אַזעלכע קינדער װאָס זענען זײער װײַט אַװעק פֿון ייִדישן קװאַל, נישט זײ קומען, נישט זײ גײען אָן, זײ זענען אין גאַנצן אָפּגעפֿרעמדט.

„כנגד ארבעה בנים דיברה תורה" — אַקעגן פֿיר זין רעדט די תּורה: „אחד חכם, אחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול".* דאָס זענען די פֿיר טיפּן. דו דאַרפֿסט אָבער רעדן צו

* דרײַ פּסוקים מיט װעלכע די תּורה רעדט צו די זין געפֿינען זיך אין דער סדרה בא: „והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם" — בא י״ב כו; „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמור מה זאת" — בא, י׳ יד; „והגדת לבנך ביום ההוא לאמור בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים" — בא י״ג ח; דער פֿערטער פּסוק איז אין ספר דברים: „והיה כי שאלך בנך מחר".

אַלעמען; איינעם דערציילן און מיט דעם אַנדערן דיסקוטירן. אַפילו דעם רשע, וואָס לאַכט זיך אויס פון אַלעם, און דו זאָגסט — אַז ווען ער וואָלט געווען דאָרט, וואָלט ער נישט אויסגעלייזט געוואָרן — טאָר מען נישט אָפּשטויסן אין גאַנצן, ער איז דאָ צווישן אונדז, דאַרף מען אים מקרב זיין.

די הגדה דרייט זיך אַרום דער ציפער פיר; די פיר קשיות, די פיר בנים, די פיר הויפּט־מאכלים, וואָס מען דאַרף עסן, וואָס אָן זיי איז מען נישט יוצא — פסח, מצה, מרור און חרוסת, און די פיר כוסות וויין, וואָס מיר זענען מחויב צו טרינקען.

פאַר וואָס טאַקע פיר?

כ'האָב געהערט, אַז די ציפער פיר שטעלט פאַר דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין די אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד, אין ארבע פינות העולם. נאָר דער עיקר איז עס צוליב די פיר סטאַדיעס פון גאולה:

1. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — כ'וועל אייך אַרויסנעמען פון אונטער דער לאַסט פון מצרים, איר וועט נישט דאַרפן אַרבעטן פאַר פרעמדע צו בויען פּיתום און רעמסס;

2. „והצלתי אתכם מעבדות" — איך וועל אייך אַרויסראַטעווען פון שקלאַפעריי;

3. „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" — איך וועל אייך אויסלייזן מיט אַ פעסטן אָרעם;

4. „ולקחתי אתכם לי לעם" — איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, איר וועט קענען דינען אייער גאָט און זיך נישט באַהאַלטן מיט אייער ייִדישקייט.

צו די פיר כוסות וויין וואָס מיר טרינקען שטעלן מיר אויך אַוועק אין צענטער פון סדר־טיש אַ פינפטן כוס פאַר אליהו הנביא. ווי קומט אליהו הנביא צום סדר? אליהו הנביא ווערט דערמאָנט אין מלאכי ג' כג, אַז ער וועט ברענגען די בשורה פון דער ענדגיל־

טיקער גאולה, באחרית הימים, אַזוי ווי משה האָט געבראַכט די בשׂורה פון גאולת מצרים: „הנה אָנוכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד׳ הגדול והנורא" — איך שיק צו אײַך אליהו הנביא אײדער עס קומט דער גרויסער טאָג פון גאָט. ווען מיר פײַערן דעם אָנדענק פון דער אַמאָליקער גאולה פון פּסח, דערמאָנען מיר זיך אין דער הבטחה (צוזאָג) פון פּסח אין דער צוקונפט, מיר זינגען אויך וועגן אליהו הנביא יעדן שבת צו נאַכטס בײַ דער הבדלה־צערעמאָניע און זאָגן: „אליהו הנביא... יבוא אלינו עם משיח בן דוד" — ער באַגלייט משיחן און ער וועט אים ברענגען צו דער וועלט. אליהו הנביא ווערט פאַרגעשטעלט אין תנך (מלכים א) ווי אַ שטרענגער שטראָפער, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט, אַ קנאַישער באַקעמפער פון אומרעכט און געצנדינערײַ. ער דונערט אויס גאָטס וואָרט אַפילו קעגן דעם קעניג אחאב און זײַן קעניגין איזבל, וואָס האָבן דערהרגעט נבותן און צוגענומען זײַן ווײַנגאָרטן, און מיט די ווערטער „הרצחת וגם ירשת" זאָגט ער אָן אַ שלעכטן סוף פאַר זײ.

אין מדרש אָבער, אין אַגדה, און ספּעציעל אינעם יידישן פאָלקלאָר, ווערט ער פאַרגעשטעלט ווי אַ פרײַנדלעכער, מילדער, גוטהאַרציקער העלפער און טרייסטער. אָט אַ די מיסטעריעזע, לעגענדאַרע פיגור פון אליהו הנביא ווערט פאַראייביקט אין אונדזער ליטעראַטור. אַפילו אין די עקסטרעמסטע פאַלן פון פאַרצווייפלונג און יִיאוש באַווײַזט ער זיך, אין פאַרשיידענע געשטאַלטן, אין סאַמע לעצטן מאָמענט און ברענגט הילף די נויטבאַדערפטיקע. דאָס דערמאָנט אונדז די מעשׂה מיטן פּישוף־מאַכער בײַ פּרצן.

עס שטעלט זיך דאָרט פאָר, ווי חיים־יונה און זײַן ווײַב רבקה־ביילע זיצן פאַרזאָרגט און פאַרווײנט ערב פּסח אין זײער חושכדיק שטיבל, ווײַל זײ האָבן נישט קײן מצה און נישט קײן ווײַן צו פּראַווען דעם סדר. און פּלוצלינג עפנט זיך די טיר און עס קומט

אריין אַ מאָדנער פּאַרשוין: אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, ער זאָגט ער קומט פון לאָנדאָן און פּאַרט קיין פּאַריז, דערווייל האָט ער פּאַר־בלאָנדזשעט און איז אַריינגעפּאַלן צו חיים־יונהן אין שטוב אַריין כדי צו פּראַווען צוזאַמען דעם סדר. ער גיט אַ מאַך מיט דעם האַנט ווי משה רבינו מיטן שטעקן, און עס באַווייזן זיך זילבערנע לייכ־טער אויפן טיש, אין שטיבל ווערט ליכטיק און די איבערגעשראָ־קענע פאַרווונדערטע חיים־יונה און רבקה־ביילע זעען ווי דער טיש ווערט פול מיט כל טוב: מצה, מרור, חרוסת און וויין, אַפילו הגדות, און דער גאַסט אַליין ווערט פאַרשוווּנדן. ווער קען עס זיין? נאָר אליהו הנביא, געשיקט פון גאָט אַליין נישט צו פאַרשעמען אַ ייִדישע משפחה צו בלייבן אָן אַ סדר.

ס׳קען זיין אַז אונדזערע גוייִשע שכנים האָבן אונדז מקנא געווען מיט דער ליבער, היימישער געשטאַלט פון אליהו הנביא און האָבן פּרובירט אונדז נאָכמאַכן מיט זייער סאַנטאַ קלאַוס, וואָס ברענגט מתנות פאַר קינדער.

פאַראַן אַ פאָלקסגלויבן, אַז אין יעדן פּסח ביים סדר באַזוכט אליהו הנביא די ייִדישע הייזער, און ער איז טועם פון דעם וויין פון זיין כוס. מ׳עפנט די טיר פאַר אים, מע נעמט אים אויף מיט אַ האַרציקן ברוך הבא, און מע זאָגט „שפוך חמתך״.

דער וואָס בלייבט אַ ביסל אַנטוישט, איז דאָס קינד, וואָס וואַרט אויף אים מיט צוטרוי, מיט אַזוי פיל נייגער, און רייבט די אויגן נישט אַנטשלאָפן צו ווערן, אַבי אַ קוק טאָן אויף אים; אָבער אליהו הנביא איז אַ רואה ואינו נראה, מע זעט אים נישט. חלומט דאָס קינד וועגן אים, ווי שלום־עליכם זאָגט אין זיין מעשׂה „אליהו הנביא״: אַן אַלטער מאַן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, אַ שיינער ייִד מיט אַ הדרת פּנים, אַ זקן מיט אַ גרייזגרויער באָרד ביז די קני; דאָס פּנים אַלט, געקנייטשט, אָבער שיין און גוט אָן אַן עק, און אויגן האָט ער אַזעלכע ווייכע, פריינדלעכע.

נאָך אַ וואָרט וועגן אליהו הנביאס כּוס. מיר האָבן די פיר כּוסות וויין. הינטער די קוליסן פון דעם יומטובדיקן טיש גייט אָן אַ וויכוח וועגן אַ פינפטן כּוס, וואָס זאָל זיין פּאַראַלעל צום פינפטן לשון של גאולה. דער פּסוק זאָגט פאָרויס „והבאתי אתכם אל הארץ" — כ'וועל אייך ברענגען צום לאַנד. דעם פינאַל פון יציאת מצרים, דאָס ענדלעכע אָנקומען אין דעם אייגענעם לאַנד, אין ארץ-ישׂראל, וואָס פאַרדינט אויך אַן אייגענעם כּוס וויין, וואָרעם וואָס טויג דער גאַנצער נס פון יציאת מצרים, אויב גאָט וועט נישט ברענגען די ייִדן אין ארץ-ישׂראל. דערפאַר גיסט מען אָן אַ פינפטן כּוס וואָס סימבאָליזירט דעם „והבאתי", און מיר לאָזן אים איבער פאַר אליהו הנביא, ער זאָל אַנטשיידן, ווער עס איז גערעכט: תיק"ו — תשב"י יתרץ קשיות ובעיות".

פּסח איז דער יום-טוב פון דער גאַנצער משפּחה. דאָ קענען אַפילו די עקסטרעמע פעמיניסטן נישט האָבן קיין טענות. די פרוי ווי דער מאַן זענען גלייך. ביידע זענען וויכטיק אין דער באַטייליקונג פון דעם גרויסן פרייהייט-יום-טוב. די פרויען זענען אויך אָנגעזאָגט צו טרינקען די פיר כּוסות וויין און זענען מחויב אין אַלע מצוות וואָס ווערן דורכגעפירט אין דער סדר-נאַכט פון פּסח.

די פרויען האָבן געהאַט גאָר אַ באַדייטנדיקע ראָל צו שפּילן אין דעם נס. עס ווערט געבראַכט אין דער משנה זוטא י"א: „בשׂכר נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו ישׂראל ממצרים" — אין זכות פון די ייִדישע פרויען זענען די ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

אויך אין דעם אחד מי יודע-ליד ווערט די מאַמע אויסגעהויבן צוגלייך מיטן טאַטן. „ארבע מי יודע? — ארבע אמהות..." מיר זענען געווען די ערשטע ביי וועמען די מאַמע האָט אין דער היים געשפּילט אַן ענלעכע ראָלע ווי דער טאַטע. ביי ייִדן איז

געווען די משפּחה דער יסוד פון פֿאָלק און די משפּחה־געטריי־שאַפֿט — אַ מוסטער פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די מאַמע האָט צוזאַמענגעבונדן אַלע מיטגלידער פון דער פֿאַמיליע און אַזוי געהאָלפֿן איבערצוטראָגן די צרות און ממשיך זיין דעם קיום פון פֿאָלק. „אַרבע אימהות" זענען דער סימבאָל פון די ייִדישע מאַמעס פֿאַר הונדערטער דורות.

אין דער סדר־נאַכט איז צוזאַמען די גאַנצע פֿאַמיליע, אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, אַלע שפּילן זיי אויס די דראַמאַטישע דערציילונג פון דעם פּסח־נס. און אַז מען שטעלט פֿאַר דעם פרייהייט־סימבאָל פון דעם פֿאָלק, מוזן זיך באַטייליקן אין אים אַלע ייִדן.

די הגדה איז דער פּאָפּולערסטער ספר ביי ייִדן, נאָכן חומש און נאָכן סידור. עס הייסט אַזוי צוליב דעם פֿאַרזאָג „והגדת לבנך", דערצייל דעם יונגן דור. ס'איז געוואָרן אַ פֿאָלקס־ספר. יעדן יאָר פֿאַר פּסח קומט אָן אַ נייע אויסגאַבע מיט שיינע אילוסטראַציעס און מאָלערייען. ס'איז דאָ אָן אַ שיעור אויסגאַבעס און פּרושים. קינסטלערס האָבן געמאָלן די פּערסאָנאַזשן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער הגדה; חזנים און קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געשאַפֿן שיינע, האַרציקע ניגונים צו די לידער פון דער הגדה, צוגענגלעך פֿאַר אַלע מיטגלידער, קליין און גרויס. דאָס רוב לידער ווערן געזונגען צום סוף פון דעם סדר.

דער ביבליאָגראַף אַברהם יערי דערציילט אין זיין אויסגאַבע „ביבליוגרפיה של הגדות פסח", אַז די ערשטע געדרוקטע הגדה איז נאָך פון 1482 און זי געפינט זיך אין דעם ירושלימער אוני־ווערסיטעט. ער ציילט אָפּ אין די טויזנטער הגדות אין פֿאַרשיידענע נוסחאות. דער טעקסט פון דער הגדה איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן מיט אַ 700 יאָר צוריק.

מע האָט צוגעגעבן געוויסע הוספות אין איינקלאַנג מיט דער צייט און מיט די באַדינגונגען. אַזוי איז צוגעגעבן געוואָרן די הוספה אין דער אַראַמעיִשער שפּראַך „הא לחמא עניא״, ווייל דאָס איז געווען די שפּראַך, דער „ייִדיש״ פון די פאָלקסמאַסן, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען און האָבן אויסגעדריקט אין אַראַמעיִש דאָס לעכצן צו שיבת ציון און מתפלל געווען זוכה צו זיין צו גאולה: „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין״.

די ייִדן פון תימן, מאַראָקאָ און אַנדערע מיזרח־עדות ריכטן אָפּ דעם סדר מיט פּעקלעך אויף די אַקסלען און מיט שטעקנס אין די הענט, אויסשפּילנדיק דעם אַרויסמאַרש פון מצרים. איינע פרעגן די אַנדערע: „מאין באת ולאן אתה הולך״ — פון וואַנען קומסטו און וווּהין גייסטו. דער ענטפער: „ממצרים לארץ־ישראל״.

מיר שטעלן אַוועק ביים סדר אַ ליידיקע שטול און אַ מצה, וואָס דאַרף סימבאָליזירן די אַסירי־ציון, די רוסישע ייִדן און אַראַבישע ייִדן, וואָס זענען פאַרשקלאַפט און האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו פּראַווען דעם סדר אונטער דעם אַכזריותדיקן רעזשים. מיר פּראָקלאַמירן די פאָדערונג פאַר אויסלייז פון אַלע פאַרשקלאַפּטע, פון אַלע בענקענדיקע נאָך פרייהייט.

מיר דערמאָנען ביים סדר אויך די קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין די פאַרשיידענע תקופות פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, ווי די עשׂרה הרוגי מלכות, די גזירות פון ת״ח־ות״ט פון כמיעלניצקים באַנדעס, וואָס דער כראָנאָלאָג נטע האַנאָווער באַשרייבט אין זיין „יון המצולה״, און אַוודאי דערמאָנען מיר מיט ווייטיק די קדושים פון אונדזער אייגענעם פינצטערן חורבן. מיר זינגען דעם „אני מאמין״, אויסדריקנדיק דעם גלויבן, אַז אַ ישועה וועט פאַרט קומען און אויך דעם פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״.

די גויִישע וועלט פלעגט שטענדיק קוקן אויפן ייִדישן סדר ווי

אויף עפּעס אַ טיף־סודותדיקע געהיימעניש, אַ מין אינטערנאַציאָ־נאַלע יידישע פאַרשווערונג. די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען, בלוט־בלבולים אויף יידן זענען געמאַכט געוואָרן אין די טעג פון פּסח. טויזנטער יידן פון הונדערטער קהילות זענען אומגעקומען אויף קידוש השם אין די פּסח־טעג. די גויים אין זייערע אַנטיסעמיטישע אָבערגלויבנס פלעגן באַשולדיקן יידן אין שעכטן אַ קריסטלעך קינד, כּדי צו נוצן דאָס בלוט צו די פּסחדיקע מצות. אַזוי איז געווען אינעם פינצטערן מיטל־עלטער אין די שפּאַנישע אינקוויזי־ציעס, אויך אין די צייטן פון מהר״ל פון פּראַג, דער באַוווּסטער בלוט־בילבול אין דמשק אין 1840, דער ביילים־פּראָצעס אין 1911 אין רוסלאַנד, און נאָך צענדליקער אַזעלכע בלוט־בלבולים. אַפילו היינט ווען אַ „כּלומרשטע״ אינטער־רעליגיעזע פאַרשטענדעניש קומט פאָר צווישן די קאַטאָליקן, אָנהייבנדיק פון דעם פאַרשטאָר־בענעם פּויפּסט יוחנן דעם 23, מיט זיין באַשלוס אָראָפּצונעמען די קאָלעקטיווע שולד פון די יידן פאַר יעזוסעס קרייציקונג — איז נאָך אַלץ געבליבן דער בילבול, אַז יידן נוצן בלוט אויף מצות.

אין אַ שטעטל אין עסטרייך, אין טיראָל, שטייט נאָך ביז איצט אַ מאָנומענט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אינעם 15טן יאָרהונדערט, אין אָנדענק פון אַ קריסטלעך קינד וואָס יידן האָבן מכּלומרשט געשאָכטן צו נוצן זיין בלוט אויף מצות, און דער גייסטלעכער פון דאָרטן וויל אים נישט צעשטערן.

אונדזער אייגענער שווער־געפּרוּווטער דור האָט מער ווי אַלע פריִערדיקע דורות משיג געווען דעם קושי שעבוד מצרים, דעם גרויליקן סיסטעם נאָך אין אַ פּילפּאַכיק שרעקלעכער פאָרעם וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט אין זייער „ענדגילטיקער לייזונג״, און פאַרטיליקט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. איז דען אַ וווּנדער וואָס מיר זאָגן מיט כּוונה ביים סדר „שפוך חמתך אל הגויים״. די רעפאָרמער היפּן עס איבער. נאָך אוישוויץ און נאָך דאַכאַו דאַרף

מען זאָגן „וְנוֹדַע בגויים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך" (תהילים ע"ט ו).

פּסח האָט באַאײַנפֿלוסט דעם ייִד מיט אַן אומבאַגרענעצטער ליבע צו פֿרײַהייט און זעלבשטענדיקייט. פּסח שטעלט פֿאַר מיט זיך דעם אידעאַל פֿון פֿרײַהייט און גלײַכקייט און וועקט אין האַרצן דעם חלום פֿון גאולה און ישועה. די אומות העולם האָבן אויך נאָך יציאת מצרים געהאַט פֿרײַהייט־באַוועגונגען און מלחמות קעגן אונטערדריקערס, אָבער אַלע די, האָט היינריך היינע געזאָגט, טראָגן אַ העברעיִשן אַקצענט. נאָך דער אויסלייזונג פֿון מצרים איז גאולה געוואָרן דאָס צויבערוואָרט אין תנך, אין דער אגדה און אַפֿילו אין הלכה, ווּ עס רעדט זיך פֿון חירות הגוף און חירות הנשמה, פֿיזישע דערלייזונג צוזאַמען מיט גייסטיקער. אין אַלע צײַטן פֿון די שווערע גלות־יאָרן פֿלעגן ייִדן שטענדיק זיך מוסר נפֿש זײַן צו פּראַוון דעם סדר ביי די שווערסטע באַדינגונגען.

אין דער איצטיקער צײַט, אַז מיר גרייטן זיך אויפֿצונעמען דעם פֿריילעכן יום־טוב פּסח, גייט דער ייִד אויך אַרײַן אין טעג פֿון טרויער. מיר דערמאָנען די העלדישע אויפֿשטענדלער פֿון וואַרשעווער געטאָ און פֿון די אַנדערע געטאָס, ווילנע, ביאַליסטאָק, ריגע און מינסק, וואָס זענען אַרויס אין קאַמף, אין ווידערשטאַנד קעגן די נאַצישע רוצחים, אין שווידערלעכע באַדינגונגען, אָן געווער און אָן ברויט, אין דער בחינה פֿון „תמות נפשי עם פלישתים". ס'איז אַ דערמאָנונג און אַ מאָנונג נישט צו פֿאַרגעסן.

אינעם אַרכיוו ביי דעם קיבוץ בית לוחמי הגיטאות אין ישׂראל געפֿינט זיך אַ דאָקומענט, ווי אַזוי ייִדן האָבן זיך מוסר נפֿש געווען און אײַנגעשטעלט זייער לעבן מקיים צו זײַן די מיצווה פֿון עסן מצה אין די טויטלאַגערס. דאָרט ווּ זיי האָבן עס נישט געקענט טאָן, האָבן זיי געזאָגט אַ תפֿילה פֿאַרן עסן דעם חמץ אין פּסח. אַ סך ייִדן האָבן בשום אופֿן נישט געוואָלט נהנה זײַן פֿון חמץ.

זיי פלעגן פאַסטן די אַכט טעג און געוואָרן נאָך מער אָפּגעשוואַכט. דער קדוש הרב ר׳ יצחק ניסנבוים אין וואַרשעווער געטאָ האָט געגעבן אַ נייעם אויסטייטש פון קידוש השם זאָגנדיק, אַז איצט איז די שעה פון קידוש החיים און נישט פון קידוש השם דורך טויט. מע דאַרף טאָן אַלץ אַבי צו בלייבן לעבן להכעים דעם שונא. און זיי, די קדושים וואָס זענען אומגעקומען, אין שרעקלעכע מאַ־טערנישן, האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ צוואה אין ביאַליקס ווער־טער: „במותם צוו לנו את החיים, החיים עד עולם״ — דורך זייער טויט האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט צו לעבן.

פון דעם תהום פון פינצטערניש ווערט דאָס ליכט געבוירן. פון דעם טראַגישן העראָיזם אין פסח 1943 קומען מיר צום יום־טובדיקן ווידערגעבורט פון מדינת ישׂראל פסח־צייט 1948. חיים נחמן ביאַליק האָט געזאָגט אין זיין ליד „מתי מדבר״: „דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה אנחנו״ — מיר זיינען דער לעצטער דור פון פאַרשקלאַפונג און דער ערשטער דור פון גאולה.

פון דעם תהום פון אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע און נאַציאָנאַלער טראַגעדיע זענען מיר געשטיגן צו דער ווידער־אויפלע־בונג פון פאָלק אין מדינת־ישׂראל לעדי עד, אויף אייביק.

איז אפשר נישט קיין געשיכטלעכער צופאַל, וואָס ביידע ימים טובים, דער יום־טוב פון פסח און דער יום העצמאות, ווערן געפייערט כמעט אין דער זעלבער צייט. דער לעצטער אויסרוף מיט וועלכן די פסח־הגדה ווערט פאַרענדיקט איז דאָך דער ווונטש: „לשנה הבאה בירושלים״.

משה רבינו, אונדזער פאַרהייליקטער פאָלקסהעלד

אין וואָס באַשטייט זיין גרויסקייט?

ער איז אונדזער לערער, דער מנהיג, דער גואל, דער געזעצגעבער, דער אדון הנביאים.

ער ווערט געשילדערט אין דער רייכער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור מיט אַזוי פיל חן און אַזוי פיל ליבשאַפט; אַנאָנימע דיכטער ברענגען אַרויס די אייגנשאַפטן פון זיין קאָמפּליצירטער נאַטור, אין אַלע אירע פאַזעס, די דינסטע שטריכן און ניואַנסן פון זיין כאַראַקטער, אָבער זיי זוכן אים נישט צו פאַרגעטערן; פאַרגעטערן אַ מענטשן איז קעגן יהדות, קיין מענטש איז נישט קיין גאָט. זיי שילדערן אים טאַקע ווי דער בחיר המין האנושי — דער אויסדערוויילטער מענטשלעכער עקזעמפּליאַר, ווי ר' יהודה הלוי רופט אים אָן, דער אדם העליון, אָבער דאָך אַ מענטש; זיי זוכן נישט צו פאַרדעקן זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און אומבאַהאָלפנקייט. אַ מענטש איז זינדיק, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין. זעען מיר אים טאַקע מיט זיינע מעלות און חסרונות, שטרענגקייט און מילדקייט, צאָרן און מחילה, שטראָף און באַלוינונג, שטאָלץ און עניוות; דאָס אַלץ בייט זיך אין פאַרלויף פון דעם וווּנדערבאַרן עפּאָס, וואָס הייסט משה.

ווי אַ ליכטיקע זון שיינט אַרויס משהס נאָמען אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט; אירע שטראַלן דרינגען דורך די אַלע יאָרטויזנטער און וואַרעמען און באַלייכטן יעדעס

ווינקעלע פון דער וועלט זינט זיין געבוירן ביז איצט און וועט אַזוי שיינען ביז אַחרית הימים, ביז דעם סוף פון די טעג.

משהס געשטאַלט אינטריגירט, היינט ווי אַ מאָל, די פאַנטאַזיע און געמיטער פון פאָרשער און דיכטער אין אַלע צייטן, רייצט דעם דימיון פון דער גאַנצער מענטשהייט, סיי ביי יידן און סיי ביי די אומות העולם.

די גרויסע וועלט־חכמים האָבן געפּרוּווט אויסטייטשן די אַ גראַנדיעזע, איינמאַליקע פיגור אויף זייער אופן. פיל פון זיי מיט געהעריקער אָנערקענונג און אָפּשאַצונג פון זיין השפעה אויף דער וועלט־געשיכטע, אָבער אַנדערע — מיט אַ פיינטלעכער קריטיק, דורכגעפּרעסן פון קינאה און שינאה צום יידישן פאָלק.

היינט ווי אַ מאָל פאַלעמיזירן אָנהענגער פון פאַרשיידענע רעליגיעס; מאָלערס און סקולפּטאָרן פון אַלערליי פעלקער זוכן מיטן פּענדזל און דלאָטע צופּאַסן לויט זייערן כּוח הדמיון דעם מין מענטש, וואָס הייסט משה.

אַ ביישפּיל — ווער עס איז געווען אין רוים און באַזוכט די קירכע סאַן פּעטראָ אין ווינצולי, האָט אַוודאי געזען דאָרט די גראַנדיעזע סטאַטוע פון משהן פון דעם באַרימטן רענעסאַנס־קינסטלער מיקעל אַנדזשעלאָ. ער האָט אים פאַרגעשטעלט, אמת, ווי אַן איבערנאַטירלעכע, גיגאַנטישע פיגור, אָבער מיט הערנער אויפן קאָפּ, איבערן שטערן.

זאָל אונדז דער קינסטלער מוחל זיין — עס נעמט זיך פון זיין אומוויסנקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך. ער האָט געמאַכט אַ גראָבן טעות אינעם טייטש פון אַ וואָרט אין חומש, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע קריסטלעכע געלערנטע, אַפילו טעאָלאָגן מאַכן דעם זעלבן עם־הארצישן טעות, ווייל זיי קענען נישט לייענען העברעיִש אָן נקודות.

דער חומש דערציילט, אַז ווען משה איז אַראָפּגעגאַנגען פונעם

באַרג סיני מיט די צוויי לוחות, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגע־דרוקט די עשׂרת הדיברות, האָט זיין פּנים געשיינט מיט אַ געטלעך ליכט: „קרן עור פניו", האָט עס מיקעל אַנדזשעלאָ געלייענט מיט צוויי סגלן קרן, וואָס מיינט אַ האָרן; פון איין האָרן איז געוואָרן צוויי הערנער, איז משה אַרויסגעקומען מיט הערנער.

ווער איז געווען משה?

דאָס לעבן און מהות פון משה רבינו גייט דורך די פיר חומשים, אָנהייבנדיק פון די ערשטע פּסוקים פון ספר שמות, ביז דעם לעצטן פּסוק פון ספר דברים. נישט נאָר דער חומש, נאָר אויך דער תּלמוד בבלי און ירושלמי.

די בעלי אגדה און מדרשים האָבן דורך טויזנטער יאָרן נישט אויפגעהערט צו דרשענען יעדן פּסוק וועגן משהס לעבן און מעשׂים. זיי האָבן מיט ליבשאַפט נאָכגעפאָלגט יעדן שטריך, יעדער אות, און נישט אויפגעהערט צו פלעכטן קרוינען פאַרן קאָפּ פון דעם פאַרהייליקטן משהן, דעם געטלעכן מאַן, וואָס האָט פון האַלב־פּרימיטיווע שבטים, פאַרשקלאַפטע און פאַרפּייניקטע, אויסגעפּו־רעמט און אויסגעשמידט איין גאַנצקייט, אַן אייביקן בנין, אַ פאָלק מיט חוקים און משפּטים פאַר רעליגיעזער און סאָציאַלער גערעכ־טיקייט. משה האָט געלייגט זיין חותם אויפן געדאַנק און לעבן נישט נאָר פון די ייִדן, נאָר פון דעם גאַנצן מין מענטשן, צי די וועלט וויל עס אָנערקענען צי נישט.

דער חומש דערציילט, קורץ, לאַקאָניש, אַז משה איז געבוירן געוואָרן אין מצרים, ביי זיינע עלטערן עמרם און יוכבד, ביידע פונעם שבט לוי. און געבוירן געוואָרן איז ער אין אַ תּקופה פון אַן אומגעהויערער קנעכטשאַפט — שעבוד מצרים. פּרעה, דער נייער דעספּאָטישער קעניג, וואָס האָט שוין פאַרגעסן, וואָס יוסף האָט געטאָן פאַר זיין לאַנד, („אשר לא ידע את יוסף"), האָט זיך

מיט אַ מאָל דערשראָקן פֿאַר דעם דערפֿאָלג פֿון די ייִדן, וואָס זענען אים געוואָרן גרויס אין די אויגן, איז ער אַרויס מיט זײַן דעקלאַראַציע פֿון „הבה נתחכמה... פּן ירבה". כּדי אויפֿצוהעצן די מצרים קעגן די ייִדן, האָט ער זיי געשראָקן, אַז די ייִדן, די פֿרעמדע, קענען נאָך פֿאַרנעמען דאָס לאַנד, אויב מע וועט זיי דערלויבן צו וואַקסן. „הנה עם בני ישׂראל רב ועצום ממנו". ער האָט גענומען אָנווענדן פֿאַרשיידענע אַכזריותן, אַרויפֿגעלייגט אויף זיי שווערע שטייערן, פֿאַרפֿאָלגונגען און גזירות, וואָס האָבן געפֿירט צו אַבסאָלוטער פֿאַרשקלאַפֿונג. די פּייניקונגען זענען געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז די ייִדן האָבן אָפּט געזוכט זייער אייגן־פֿאַרניכטונג, אָפּזאָגנדיק זיך פֿונעם פֿאַמיליע־לעבן, כּדי נישט צו ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט און נישט דאַרפֿן צוזען זייער פּיין. אין אַזאַ תּקופֿה ווערט געבוירן אַ קינד אין אַ חושכדיקער שקלאַפֿן־הייזקע. די אַגדה דערציילט, אַז ווען משה איז אויף דער וועלט געקומען, איז דאָס שטיבל פֿול געוואָרן מיט ליכטיקייט. „ותרא אותו כי טוב הוא" — זײַן מוטער האָט געזען, אַז ער איז אַן אויסנאַם פֿון אַ קינד.

צוליב דער גזירה פֿון פּרעה מלך מצרים אַרײַנצוּוואַרפֿן יעדעס ניי־געבוירן ייִדיש ייִנגל אין טײַך, האָט יוכבד, זײַן מוטער, אים אויסבאַהאַלטן דרײַ מאָנאַטן צײַט. ווען זי האָט אים מער שוין נישט געקענט באַהאַלטן פֿון עגיפּטישע אויגן, האָט זי, אין איר גרויס פֿאַרצווייפֿלונג, אים אַרײַנגעלייגט אין אַ קעסטעלע און עס אָװעקגעלאָזט אויפֿן שטראָם פֿון דעם נילוס — אויף גאָטס באַראָט, אָבער מיט אַ טיפֿער תּפֿילה אין האַרצן, אַז גאָטס האַנט זאָל אָנצייכענען זײַן וועג, דאָס קעסטעלע זאָל שווימען אין זיכערע וואַסערן, אַ נס זאָל געשען, דאָס קינד זאָל לעבן בלײַבן. מיר קענען זיך פֿאָרשטעלן דאָס האַרץ פֿון דער מאַמען.

דעם קינדס שוועסטער מרים שטייט פֿון דער ווײַטן בײַם

ברעג טייך און קוקט זיך צו, וואָס דאָ וועט געשען... די מעשׂה גייט ווייטער און יעדעס חדר־ייִנגל ווייסט עס. פּרעהס טאָכטער, בתיה (אָדער „פּערמוטים" ווי יוסעפוס רופט זי) קומט צום טייך זיך באָדן מיט אירע באַדינערינס און זי דערזעט דאָס שווימענדיקע קעסטעלע. זי שיקט עס אַרויסנעמען פון וואַסער, עפנט אויף און דערזעט דאָס וויינענדיקע קינד מיט זיין שיין, ליכטיק פּנימל. זי פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַ ייִדיש קינד, זי האָט רחמנות און קעגן די עצות פון אירע באַדינערינס אים צו טייטן, באַשליסט זי עס צו לאָזן לעבן.

מרים גייט צו און פרעגט אויב זי וויל, זי זאָל גיין רופן אַ ייִדישע אַם אָנצוזויגן דאָס עופהלע. ווען זי באַקומט די צושטימונג פון דער פּרינצעסין, גייט זי אַוועק און ברענגט איר אייגענע מאַמע צו זייגן אים און איינצושטילן דאָס הונגעריקע קינד.

בתיה רופט אָן דאָס קינד מיטן נאָמען משה „כי מן המים משיתיהו". אַוודאי האָט ער געהאַט אַנדערע נעמען, ווען ער איז געווען ביי זיין מאַמען. יוכבד האָט אים גערופן יקותיאל, זיין פאָטער עמרם האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען חבר, זיין שוועסטער — ירד, די ייִדן האָבן אים גערופן שמעיה (בן נתנאל), וויל אין זיינע טעג האָט גאָט זיך צוגעהערט צו זייער געשריי.

אין דער גאַנצער תורה אָבער ווערט ער אָנגערופן נאָר מיטן נאָמען משה, ווי די פּרינצעסין האָט אים אַ נאָמען געגעבן, און גאָט אַליין רופט אים אָן מיט דעם נאָמען. פון דעם לערנען מיר, ווי גרויס עס איז דער שׂכר פון מענטשן וואָס טוען חסד. פאַר איר גוטסקייט איז בתיה די עגיפּטערין דורך דעם באַלוינט געוואָרן.

ווען דאָס קינד ווערט אַנטוויינט, ברענגט אים די פּרינצעסין אַריין אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, ווי איר אַדאָפּטירטן זון און ווי אַן אייניקל פון פּרעהן אַליין; ער ווערט דערצויגן ווי אַן עגיפּטער.

דער קליינער פּרינץ איז באַליבט ביי אַלעמען. פּרעה שפּילט זיך מיט אים, האַלט אים אויפן שויס.

די אַגדה דערציילט, אַז איין מאָל האָט משה אויסגעשטרעקט זיין הענטעלע, אַראָפּגענומען די קרוין פון פּרעהס קאָפּ און עס אָנגעטאָן אויף זיין אייגן קעפּעלע. דער מלך און זיין סוויטע ווערן דערשראָקן, זיי זעען אין דעם אַ שלעכטן סימן, אויסטייטשנדיק, אַז משה וועט צעברעכן פּרעהס מלוכה. עס האָבן זיך גלייך געיאָוועט די „גוטע יודעים" (צווישן זיי אויך דער מכשף בלעם) און געזאָגט, אַז עס איז טאַקע אַ געפאַר צו לאָזן לעבן דאָס קינד. האָט מען געמאַכט אַ פּרווו: מען האָט אַוועקגעשטעלט צוויי שיסלען, איינס מיט בלישטשענדיקע דימענטן און אַ צווייטס מיט ברענענדיקע קוילן. וועט דאָס קינד כאַפּן די דימענטן, איז אַ סימן, אַז ער איז זייער קלוג און איז טאַקע אַ סכּנה פאַרן טראָן; מע דאַרף אים הרגענען. די אַגדה אין שמות רבה פּ"א דערציילט ווייטער, אַז דער גוטער מלאך גיט אַ שטויס דאָס הענטעלע צו די ברענענדיקע קוילן. דאָס קינד כאַפּט אַ קויל, ברענגט עס צום מויל און בריט אָפּ זיין צונג. דערפאַר איז ער פאַרבליבן „אַ כבד־פּה און כבד־לשון". אָבער ער בלייבט לעבן, כּדי דורכצופירן זיין שליחות ווי דער צוקונפטיקער גואל פון זיין פאָלק.

אַ קאָמפּליצירטע פּערזאָן וואַקסט משה און די פּסיכאָלאָגן האָבן אַן אויסגעצייכנטן אָביעקט פאַר אַ פּסיכאָ־אַנאַליז. נישט קיין ווּנדער וואָס דער באַרימטער זיגמונד פרויד האָט זיך אַזוי פאַר־אינטערעסירט מיט אים. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אין דער היטלער־עפּאָכע, האָט פרויד זיך גענומען די טרחה צו באַווייזן, אַז אונדזער משה רבינו, דער גרעסטער ייִד פון אַלע דורות, איז לויטן אָפּשטאַם גאָר געווען אַ מצרי, און זיין גאָט־באַגריף, דעם מאָנאָטעיזם, האָט ער איבערגענומען פונעם עגיפּטישן הערשער

אכנאַטאָן. נו, מילא. פּראָפעסאָרן קענען אויך אַ מאָל פאַרבלאָנדזשען זייער ווייט...

משה וואַקסט אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, ער געניסט פון אַ צווייזייטיקער דערציִונג.

פון איין זייט — אַ שטאָלצער פּרינץ. ער געפינט זיך אינעם צענטער פון דער העכסטער ציוויליזאַציע פון יענער צייט — די מעכטיקע, רייכע מצרים; ער האָט אַ צוטריט צו אַלע דאָן באַוווּסטע חכמות, וואָס די פּריסטן־קאַסטע האָט געלערנט נאָר פאַר יחידי סגולה, הויף־פּריווילעגירטע אין פאָלק. אויסערלעך איז ער אין גאַנצן אַסימילירט. ער לעבט אין אַ מצרישער סביבה, טראָגט זייערע רייכע, מיט גאָלד באַהאָנגענע קליידער, פירט זייער אָרט לעבן פון געוואַלדיקן לוקסוס. אָבער, ווי די אַגדה זאָגט (סוטה י"ב): פון קיין מצרית האָט ער נישט געזויגן. זיין מויל, וואָס דאַרף שפּעטער רעדן מיט גאָט, קען קיין אומריינע מילך נישט זייגן; ער קען עס נישט פאַרדייען. צוזאַמען מיט דער מילך האָט ער איינגעזויגן אין זיך די ליבע צו דער פּשוטער, אָרעמער, חושכדיקער אָבער ערלעכער פרוי.

דער אַלטער עמרם, קומענדיק אַהיים, אַן אויסגעמאַטערטער פון דער שווערער אַרבעט, פלעגט אים אָפט דערציילן פאַרשיידענע מעשׂיות פון אַ סעמיטישן שבט, אַן עבֿרים־פאָלק, פון זיינע אָבֿות, וואָס האָבן געטאָן מעשׂים טובֿים; פון יוסף, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס מצרישע פאָלק פון הונגער און וואָס אַ דאַנק זיינע פעיִקייטן, האָט ער געגרייכט צו זיין מישנה למלך. ער האָט אים דערציילט, אַז די שבֿטים זענען נישט אַהערגעקומען אַן אַ דער־לויבעניש און פאַרכאַפּט די געגנט, נאָר זיי זענען איינגעלאַדן געוואָרן פון פּרעהן אַליין, און אַז ער, פּרעה, האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו פּייניקן זיי.

די דערציילונג פלעגט שטענדיק עמרם פאַרענדיקן מיט די

ווערטער: געדענק, משה, דו וועסט אַ מאָל זיין אַ גרויסער מאַן, דערמאָן זיך דאַן אין מיין דערנידעריקט פאָלק.

דאָס קינד פלעגט זיך צוהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די אַלע מעשׂיות און האָט זיי גוט אַריינגענומען אין זיין באַווּסטזיין. זיי האָבן געווירקט. אין זיין צערודערטער נשמה האָבן זיך צונויפגעגאָסן בילדער פון זיין רייכן מצרישן לעבן, מיט די מ״ט שערי טומאה פון אוממאָראַלישקייט און אויסגעלאַסנקייט אין זייער פּריוואַטן לעבן, מיט אומגערעכטיקייט, דעספּאָטיזם און אַכזריות אין סאָציאַלן לעבן; מיט אַ גלויבן אין הונדערטער געטער פון פאַרשיידענע חיות, קראָקאָדילן און באַלזאַמירטע טויטע קערפּערס פון די פּרעהס, צו וועמען מען איז מקריב קרבנות, זבחי מתים.

וואָס פאַר אַן אומגעהויער קאָנטראַסט צו דעם צניעותדיקן, ריינעם לעבן פון אַברהם, וואָס צעברעכט די פאַלשע געטער און פּראָקלאַמירט אַ גאָט וועלכן קיינער זעט נישט, אָבער וואָס איז נאָענט צו יעדן איינעם.

שוין דאָ הייבט זיך אָן אַרויסצוּווייזן זיין ווּנדערלעכע פּערזענלעכקייט, זיין שטאַרקער חוש פאַר גערעכטיקייט און זיין רחמנות פאַר די אונטערגעדריקטע. ער טראַכט זיך אַריין ווי אַזוי זיי צו העלפן. ער פּועלט ביי פּרעהן ער זאָל געבן די יידן איין טאָג אין וואָך אַ רוטאָג, זיי זאָלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער שווערער אַרבעט און עס וועט זיין צו גונסטן גלייכצייטיק פאַר דער אַרבעט. „תיקן להם את יום השבת לנוח״ (ויקרא רבה).

מיט אַ מאָל איז דער פאַרהאַנג אַראָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע אויגן, און משה דערוויסט זיך, אַז ער איז גאָר נישט קיין עגיפּטער, נישט קיין פּרינץ, ער געהער נישט צו דער קעניגלעכער משפּחה; ער אַליין איז גאָר אַ העברעער, אַ קנעכט אַן אמתער זון פון דער פאַרשקלאַפטער יוכבד, וואָס האָט אים געזויגן.

ער האָט זיך דערזען אַ פרעמדער אין אַ פרעמדער סביבה. און מאָדנע — די אויסטערלישע אַנטדעקונג האָט נישט אַרויסגערופן אין זיין האַרצן קיין באַדויער, פאַרקערט, עס האָט אים געמאַכט אינערלעך פרייער, בעסער.

„ויגדל משה ויצא אל אחיו" — משה איז אונטערגעוואַקסן און אַרויס צו זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער „וירא בסבלותם". ווען איז משה גרויס געוואָרן? ווען ער זעט ווי זיינע ברידער ליידן אונטער די ריטער פון די גרויזאַמע וועכטערס און ווען ער פילט מיט זייער צער און ווייטיק. דאַן איז ער געוואָרן גרויס.

זיין איינגעבוירן, שטאַרק געפיל פאַר אַבסאָלוטער גערעכטיקייט באַהערשט אים אינעם מאָמענט ווען ער באַגעגנט זיך מיט דער באַליידיקונג פון גערעכטיקייט. ער זעט „איש מצרי מכה איש עברי" — ער נעמט זיך אָן פאַרן קרבן. ווען ער זעט „אין איש", אַז נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַרן געשלאָגענעם, הרגעט ער אַליין דעם מצרי און פאַרשאַרט אים אין זאַמד.

דעם צווייטן טאָג זעט ער „שני עברים נצים" — ביידע ייִדן, גלייכע שקלאַפן, שלאָגן זיך, ביידע קנעכט ביי פרעהן. ווידער אַ מאָל דערוואַכט אין זיין האַרצן דער אייפער פאַר גערעכטיקייט; ער נעמט זיך אָן פאַר דעם אומשולדיקנס קריוודע מיט די ווערטער „למה תכה רעך?". דער אָנפאַלער גיט אים אַ זאָג: „מי שמך לאיש שר ושופט עלינו". מיין נישט אַז דו וועסט מיך הרגענען ווי דו האָסט געהרגעט נעכטן דעם מצרי. „אכן, נודע הדבר" — איצט פילט שוין משה, אַז ער געפינט זיך אין אַ סכנה, און כדי נישט אַריינצופאַלן אין פרעהס הענט, אַנטלויפט ער ווו די אויגן וועלן אים טראָגן און קומט אָן אין מידבר, אין דעם לאַנד פון מדין.

אויך דאָ איז זיין ליבע פאַר גערעכטיקייט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן; ער קען נישט אַרויסגיין פון זיין אייגענער הויט. דוכט זיך, ער זיצט אין דער פרעמד, אַן עלנטער, אַ היימלאָזער, אין

זײַן אײנזאַמקײט — פּלוצלונג דערזעט ער װי פּאַסטעכער, שטאַרקע יונגען, באַרויבן דאָס רעכט פון שװאַכע פרויען, יתרום טעכטער, װאָס קומען שעפּן װאַסער פאַר זײערע פי. משה װערט אויפגעֿרעגט, ער שטײט אויף און העלפט די מײדלעך — „ויקם משה ויושיען". (דאָס מאָל האַנדלט זיך שוין נישט װעגן ייִדן).

דער שײנער זשעסט רופט אַרויס יתרום דאַנקבאַרקײט, ער פאַרבעט משהן צו זיך אין הויז, ער איז אים מקרב, װײל ער זעט זײנע שײנע כאַראַקטער־שטריכן, און דער עפּיזאָד ענדיקט זיך מיט געבן אים ציפּורהן פאַר אַ װײַב. משה װערט דער פּאַסטעך פון זײַן שװערס שאָף.

די דרײ עפּיזאָדן, װאָס װײַזן דעם הויפּטשטריך פון זײַן כאַראַקטער — זײַן גרײטקײט צו קעמפן פאַרן אמת וצדק אין זײַן צוזאַמענשטויס מיטן לעבן, זענען אַ מין הקדמה צו זײַן גרויסן, שפּעטערדיקן עיקרדיקן װערק.

און משה איז שוין דאַן אַבציק יאָר אַלט, שוין געקומען צו גבורות. אין דער שטילקײט פון מידבר, אָפּגערוט פון דעם רויש פון לעבן, מיטן פּאַסטעך־בײטש אין זײַן האַנט, זוכט ער אַ ביסל רו אין דער שטילקײט.

ער קומט אָן מיט זײַן סטאַדע שאָף צום באַרג חורב (הר אלהים) און פּלוצלונג דערזעט ער אַ מאָדנע דערשײנונג: אַ דאָרן ברענט און װערט נישט פאַרברענט, „הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל".

װוּנדער איבער װוּנדער — ער גײט צו נענטער צו באַטראַכט די אויסטערלישע דערשײנונג. ער זוכט צו דערקלערן דעם געטלעכן װוּנדער און ער הערט טיף אין זײַן נשמה גאָטס קול:

„איך בין דער גאָט פון דײנע עלטערן, כ'האָב געזען די פּײַן פון מײַן פאָלק, גײ פיר אַרויס מײַן פאָלק פון מצרים".

אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט! װאָס מײנט דער ברענענדיקער

דאָרן? די אַגדה ענטפערט: ״כשם שהסנה בוער ואינו אוכל, כך המצרים אינם יכולים לכלות את ישראל״ — אַזוי ווי דער דאָרן ווערט נישט פאַרברענט, אַזוי וועלן די מצרים נישט קענען פאַרניכטן ישׂראל.

משה דערוואַכט פון זיין פאַרגליווערטקייט, ער ווערט אויפגעטרודערט אין אַנבליק פונעם פלאַקערדיקן דאָרן און דערפילט דעם רוח הקודש אין זיין נשמה. ער איז גאָטס שליח, אַ נביא, אַ מנהיג! אָבער דאָס איז אַ צו גרויסע משׂא אויף זיינע פּלייצעס צו גיין צוריק אין מצרים אין פרעהס פּאַלאַץ... עס קומט פאָר אַן אינערלעכער קאַמף אין זיין האַרצן. ער דיסקוטירט אַ לענגערע צייט מיט גאָט און מיט זיך גופא: בין איך דען דער פּאַסיקער מענטש פאַר אַזאַ שליחות? ווי קען איך דאָס זיך אונטערנעמען? ס׳איז איבער מיינע כוחות. איך קען עס נישט טאָן. „לא איש דברים אנכי״. כ׳בעט דיך גאָט, לאָז מיך אָפּ, „שלח נא במי תשלח״.

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַן אַנדער געדאַנק. דאָס פייער אין זיין האַרצן קען זיך נישט איינשטילן, עס ווערט גרעסער, מעכטיקער, עס ווערט אַ שלהבת יה. נאָך זיבן טעג פון דינגעונישן מיט דעם רבונו של עולם, רופט גאָט ווידער צו אים פון סנה און זאָגט: „אי אתה מרגיש שאני שרוי בצער, כשם שישׂראל שרויים בצער?״ מיין פייער ברענט אין דאָרן, מיין שכינה איז מיט ישׂראל צוזאַמען אין גלות. כ׳האָב צוגעהערט מיין פאָלקס געשריי, איך ווייס זיינע ווייטיקן און די צייט איז געקומען זיי צו העלפן.

דאָ קריגט משה דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט אים שוין לאַנג געמאַטערט, פאַר וואָס לאָזט גאָט צו, אַז זיין פאָלק זאָל זיין אַזוי פאַרשקלאַפט? פאַר וואָס מוזן די קינדער פון ישׂראל באַצאָלן מיט יסורים פאַרן צוגעזאָגטן לאַנד, דאַקעגן די בני עשׂיו און בני ישמעאל האָט ער געגעבן לענדער מיט אַ פרייער האַנט? „די צייט איז געקומען זיי צו העלפן״. משה פילט איצט, אַז

ער איז באַשטימט געוואָרן פון הימל צו דעם הויכן אַמט, צו זײַן דער גואל ישׂראל. ער נעמט זײַן ברודער אהרן ווי אַ פּירשפּרעכער און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן קײַן מצרים.

אַ דאָפּלטע, שווערע אויפֿגאַבע האָט משה דורכצופֿירן: פּועלן בײַ פּרעהן, ער זאָל אַרויסלאָזן די ייִדן פֿון זײַן לאַנד — „שלח את עמי". זיי, די ייִדן, זענען אַ נוצלעכער עלעמענט, אומזיסטע שקלאַפֿן. האָט משה געוואָרנט, געשטראָפֿט... נישט ווי אַן אונטער־טאַנער שטייט ער פֿאַר פּרעהן, נישט געבויגן, נאָר מיט אַ גלײַכן רוקן, דעם קאָפּ אין דער הייך. ער פֿאָדערט אין נאָמען פֿון גאָט פֿון ישׂראל אַרויסצולאָזן די ייִדן אויף דרײַ טעג אין מידבר אַרײַן צו דינען זייער גאָט. ווען פּרעה איז פֿאַרעקשנט, ווערן אָנגעשיקט אויף אים און אויף זײַן לאַנד די צען שווערע מכּות, ביז ער ווערט ווייכער.

נאָר נאָך אַ שווערער שטיקל אַרבעט איז געווען צו איבער־צייגן די ייִדן זיי זאָלן וועלן אַרויסגיין פֿון מצרים. דער „מי שׂמך לאיש..." האָט אָפּגעקלונגען אין זײַנע אויערן. זיי זענען שוין געווען אַזוי אײַנגעלעבט מיט דער שקלאַפֿערײַ און קנעכטישער פּסיכאָלאָגיע, אַז אַלע זייערע העכערע געפֿילן זענען בײַ זיי געווען אַטראָפֿירט, ווי אין אַ לעטאַרגיע; בלויז צו פֿיזישע לײַדן זענען זיי געווען פֿילעווודיק, ווי עס ווערט געבראַכט (גיטין י"ג א): „עבדא בהפקירא ניחא ליה" — דעם קנעכט איז ניחא צו לעבן אין הפקרות. האָט משה געמוזט אָנווענדן אַ סך טאַלאַנט, מיט אותות ומופֿתים, ביז זיי האָבן געגלויבט און אײַנגעשטימט אַרויס־צוגיין. די מכּות זענען פֿאַר די ייִדן געווען אַן אָנווייזונג, ווי זיי זענען אין דער זעלבער צײַט געווען אַ שטראָף פֿאַר די מצרים. און דאָך ווערט געבראַכט „כי בחוזק ידו הוציא אותם ממצרים" — מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט גאָט זיי אַרויסגענומען פֿון עגיפּטן, ווײַל זיי זענען נישט שטאַרק וויליק געווען צו גיין.

ווען פרעה לאָזט זיי ענדלעך אַרויס, קומט דער אַקט פון באַפרייונג. די ייִדן גייען אַרויס אין גרויס איילעניש. פרעה זעט זיך אַרום, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער און ער האָט חרטה אויף דער גאַנצער מעשׂה. נעמט ער צוזאַמען זיינע חיילות און יאָגט זיי נאָך.

די ייִדן שטייען ביים ים סוף, זיי דערזעען די עגיפּטישע מחנה און פאַרלירן זייער גלויבן; עס ווערט אַ ילל‌ה, אַ שרעק, נישטאָ קיין אויסוועג...

די מכילתּא דערציילט, אַז ישׂראל איז דאַן געווען געגליכן צו אַ טויב, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ רויבפויגל און איז אַריין אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלדז, אין וועלכן אַ שלאַנג האָט געמאַכט אַ נעסט. אויב זי זאָל אַריין אינעווייניק, וועט די שלאַנג זי באַפאַלן, אויב זי וועט גיין צוריק, וועט דער רויבפויגל זי כאַפּן. דער שפּרונג אין ים איז געווען אומפאַרמיידלעך.

אינעם מאָמענט פון נויט געשעט אַ נס — דער ים שפּאַלט זיך, עס עפנט זיך אַ וועג, די ייִדן גייען דורך ביבשה און די עגיפּטער ווערן דערטרונקען אין וואַסער.

קריעת ים סוף.

אין יענעם דערהויבענעם מאָמענט דערפילט זיך משה מיט די בני ישׂראל ווי פרייע מענטשן, „בני חורין". מיט אייגענע אויגן האָבן זיי געזען דעם גרויסן נס און זיי באַוווּנדערן דעם גערעכטן מישפּט אויף די מצרים. „ה' נקם דמם" — גאָט האָט זיי באַצאָלט מידה כנגד מידה; זיי האָבן דערטרונקען ייִדישע קינדערלעך, איצט זענען זיי אַליין דערטרונקען געוואָרן.

דער מדרש ברענגט, אַז ביים קריעת ים־סוף האָט אַן אומוויסנ־דיקע שיפחה באַגריפן דאָס געטלעכע מער ווי די נביאים ישעיהו און יחזקאל. דאָס פאָלק קוקט איצט אויף משהן מיט אָנערקענונג ווי זייער פירער און דערלייזער. משה פילט איצט, אַז ער איז נאָענט צו זיין ציל און אין דער לופט קלינגט אָפּ זיין הלל־ליד „אָז

ישיר״; צוזאַמען מיט אים זינגט מיט דאָס פאָלק אין גרויסער באַגייסטערונג, אין אַן ענטוזיאַסטישער שטימונג, דעם כאָראַלן באַ־פרייונג־געזאַנג „מי כמוך באֵלים ה׳״. אָבער עפּעס ווערט דער געזאַנג שטילער, שוואַכער און פון דער זייט פון ים־סוף, דאָרט ווו די מצרישע קערפּערם ליגן צעשפּרייט, הערט זיך אַ מין פאַרשטיק־טער פּראָטעסט, אַ מין ויכּוח צווישן מידת הדין און מידת הרחמים. מיינע באַשעפענישן ווערן דערטרונקען און איר זאָגט נאָך שירה — „מעשׂי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?״ די מצרים, די פאַרשקלאַפערם האָבן געקריגן דעם גערעכטן מישפּט, די פאַר־שקלאַפטע זענען מיט רעכט אויסגעלייזט געוואָרן, אָבער סוף־כּל־סוף זענען זיי דאָך אויך מענטשן. ניין, עס טאָר אַזוי נישט זיין, עס טאָרן נישט זיין קיין פאַרפאָלגער און פאַרפאָלגטע; מיין פאָלק וועט אַזוי נישט זיין. ווען עס וועט קומען אין לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אונדזערע אָבות, וועלן אַלע זיין פרייע מענטשן. דער בלוטיקער שאַנדפלעק פון שקלאַפעריי אין מצרים האָט תּמיד געפלאַקערט פאַר משהס אויגן. מע מוז זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט. די ייִדן זענען אַזוי לאַנג געווען פאַריאָכט. מע מוז זיי דערציִען, בייטן זייער פיזיאָנאָמיע, זייער כאַראַקטער, אָפּגעוווינען זיי פון די אַלע גלות־געוווינהייטן, פון די געצנדינערישע באַגריפן און מנהגים; אַ שווערע אַרבעט, עס פאָדערט זיך צייט פאַר דעם. „ולא נחם אלהים דרך פלישתים״ — אַנשטאָט זיי צו פירן מיטן קורצן וועג צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד, קלייבט ער אויס דעם לאַנגן וועג פון פערציק יאָר, דורכן מידבר. נישטאָ קיין באַלדי־קייט, מע דאַרף זיך אָנשטרענגען כּדי צו קומען צום ציל.

פערציק יאָר אין אַ ברענענדיקן, זאַמדיקן מידבר איז נישט קיין קליייניקייט. ווי לאַנג קען מען אָנהאַלטן אַ פאָלק אין הייליקער באַגייסטערונג? די התלהבות און באַוווּנדערונג פון דעם גרויסן נס ווערט שוואַכער, דער וואָכעדיקער גייסט באַווייזט זיך צוריק און

הייבט אָן צו באַהערשן די נשמות. די נויט איז גרויס. מע דאַרף ברויט פאַר קינדער און וואַסער פאַר די פּי, ווי קען מען דאָס באַקומען אין דעם ווילדן מידבר? האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טענות קעגן משהן און אהרנען. „וואָס האָט איר אונדז אַהערגעבראַכט, צו שטאַרבן אין דעם מידבר? פעלן דען אויס קברים אין מצרים? — שוין בעסער געוועזן צו שטאַרבן דאָרטן ביי דעם סיר הבשׂר" — האָבן זיי געזאָגט.

האָט גאָט ווידער באַוויזן ניסים מיטן מן פון הימל און מיטן וואַסער פון מרימס ברונעם. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע איינגעשטילט.

משה נוצט אויס די צייט זיך צוצוגרייטן צום מעמד הר סיני, וואָס האָט געעפנט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט נייע האָריזאָנטן. ער וויל געבן זיין פאָלק געדעכטע געזעצן ווי זיך צו פירן אין לעבן. ער וויל אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די ירושה פון קנעכטשאַפט און אָפּוואַרפן דעם ביז איצט אָקצעפּטירטן סדר, אַז די וועלט טיילט זיך אויף האַר און קנעכט, אַז שקלאַפעריי איז אַ נאָרמאַלע וועלט־אָרדענונג, וואָס אַזוי דאַרף עס זיין.

ער וויל געבן די ייִדן אַ נײַ האַרץ, פול מיט מוט און שטרעבונג צו העכערס, זיי זאָלן פירן אַ נאָרמאַל ריין לעבן, ווען זיי וועלן קומען אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין. זאַמלט ער צונויף דאָס גאַנצע פאָלק ביי דעם באַרג סיני און זיי אַלע שטייען אין גרויס דערוואַרטונג.

דער טאָג איז געקומען און געבראַכט די געטלעכע התגלות. דאָס פאָלק הערט גאָטס קול פּראָקלאַמירנדיק די עשׂרת הדיברות, וואָס איז די קווינטעסענץ פון דער ייִדישער רעליגיע און פונעם בירגערלעכן לעבן, און עפנט נייע, ברייטע האָריזאָנטן אין גלויבן פון אַ נייער מאָראַל אויך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. פאַר די ייִדן איז דער מעמד הר סיני געווען אַ ווענדפּונקט וואָס האָט דאָס שקלאַפן־פאָלק פאַרוואַנדלט אין אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש.

דאָס פאָלק אין גרויס עקסטאַז, דער „עמא פזיזא", רופט אויס

אין התלהבות: „נעשׂה ונשמע" — אַלץ וואָס גאָט זאָגט וועלן מיר טאָן און הערן. עס ווערט געשלאָסן אַן אייביקער בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק. דער חומש זאָגט אַז גאָט שליסט דעם דאָזיקן בונד נישט נאָר מיט די וואָס שטייען דאָ היינט פאַר גאָט, נייערט אויך מיט די וואָס זענען דאָ היינט נישט פאַראַן, פאַר אַלע דורות וואָס וועלן קומען שפּעטער און פאַר אַלע גרים וואָס וועלן זיך מגייר זיין אונטער די פליגלען פון דער שכינה. „היום הזה נהיית לעם" — היינט זענט איר געוואָרן אַ פאָלק, הגם נאָך אָן אַ לאַנד (דברים).

די צען געבאָט זענען די עיקרים וואָס דאַרפן אויסגעברייטערט ווערן. פאַרלאָזט משה די מחנה, גייט אַוועק אויפן שפּיץ באַרג צו פאַרפולקאָמען די תורה פון גערעכטיקייט און ברענגען פאַר זיין פאָלק אַ תורה מיט דינים און משפטים נישט פאַר מלאכים וואָס וווינען אין הימל, נאָר פאַר מענטשן, געזעצן צוגעפּאַסט צום לעבן וואָס אויף דער ערד. ווען משה זאַמט זיך אַ ביסל מער, ווערט דאָס פאָלק נערוועז, אומגעדולדיק; דער שקלאַף שפּראָצט ווידער אַרויס און הייבט אָן פאָדערן פון אהרנען, ער זאָל אים מאַכן אַ גאָט.

די מעשׂה פון עגל הזהב.

משה טראָגט צום פאָלק די צוויי לוחות, אויף וועלכע ס'איז אויסגעקריצט די עשׂרת הדיברות און דער בת־קול פון „נעשׂה ונשמע" אין זיינע אויערן, אין זיין נשמה; ער איז שטאָלץ מיט זיין פאָלק, וועלכן ער פירט צו ליכט, צו גליק, צו פרייהייט.

פלוצלונג הערט ער די צאָרנדיקע שטים פון גאָט: „לך רד" — גיי נידער אַראָפּ פון מיינע הייליקע הימלען, נידער אַראָפּ פון דיין שטאָלץ, פון דיין גדולה, דיין פאָלק האָט פאַרדאָרבן. קומענדיק נענטער צו דער מחנה און זעענדיק וואָס דאָ טוט זיך, ווי די יידן שטייען אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב און טאַנצן, איז צו זיין כּעס און ווייטיק נישטאָ קיין גרענעץ. זיין גאַנצע אַרבעט איז צו גרונט געגאַנגען. איז עס דאָס זעלבע פאָלק, אויף וועלכן ער האָט דאָ

געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען צו זיין דער „אור לגויים", אַ ליכט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט? זיין יִיאוש איז גרויס, זיינע הענט וואָס טראָגן די לוחות ווערן אָפּגעשוואַכט; אין ברויזנדיקן כּעס גיט ער זיי אַ וואַרף אַראָפּ און צעברעכט זיי. עס קומט אים אויפן געדאַנק צו פאַרלאָזן דעם עם קשה עורף און אוועקגיין ווייט פון זיי, צוריק צו זיינע שאָף. גאָט זעט זיין צער און וויל אים פאַרגיטיקן. ער איז גרייט צו פאַרטיליקן דאָס פאָלק, וואָס האָט אַזוי געזינדיקט, וואָס האָט פאַרשוועכט די נאָר וואָס געגעבענע שבועה צו דינען דעם איין־איינציקן גאָט. אַזאַ פאָלק דאַרף פאַרניכטעט ווערן. דו, משה, דו וועסט ווערן דאָס גרויסע פאָלק, וואָס מיר דאַרפן האָבן.

משה הערט די געטלעכע ווערטער און ער פילט, אַז דער מידת הדין, די פאָדערונג פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט צו פאַר־ניכטן דאָס פאָלק, איז אין איינקלאַנג מיטן גרויסן חטא. אָבער ווי קען ער איינגיין אויף דעם? פאַרטיליקן דאָס פאָלק? ניין, דאָס נישט. ער פאַרגעסט זיין צער, ער פאַרשטיקט זיין כּעס, ער ווערט פול מיט רחמים, אַן אומגעהויערע אהבת ישׂראל דערוועקט זיך אין אים און ער שטעלט זיך איין פאַר זיין פאָלק. „מחיני מספרך אשר כּתבת" — מעק מיך אויס פון דיין בוך, בעט ער זיך ביי גאָט, און דער גוטער מדרש לייגט צו די ווערטער אין זיין מויל — זאָלן בעסער טויזנט משהס אומקומען, איידער איין נאָגל פון די ייִדן זאָל געקרימט ווערן.

משה אַרגומענטירט מיט גאָט און טענהט — דו קענסט דיין פאָלק, דו ווייסט, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן; ערשט איצט אַרויס פון קנעכטשאַפט, זענען זיי נאָך נישט אין שטאַנד צו באַגרייפן דעם ווערט פון פרייהייט. „המתן להם", האָב געדולד, וואַרט צו אַ ביסל; ס'איז אוממעגלעך פאַר מענטשן צו זיין פולשטענדיק ריין אָדער אָן זינד — „כּי אין צדיק בארץ אשר יעשׂה טוב, ולא יחטא",

דו ביסט אַן אֵל רחום וטוב וסולח — פֿאַרגיב זייערע זינד און זײַ זיי מוחל.

דער דיאַלאָג ענדיקט זיך מיט גאָטס סליחה — „סלחתי כּדבריך". די מעשׂה פֿון דעם עגל הזהב ווערט באַטראַכט פֿון חז"ל ווי דאָס מיאוסטע געשעעניש אין דעם לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. די פֿראַזע „קשה לישׂראל כּיום שנעשׂה בו עגל" — דאָס הייסט, די פּאַסירונג איז אַזאַ שווערע ווי דער טאָג וואָס אין אים איז געמאַכט געוואָרן דער עגל — ווערט אַ סך מאָל איבערגעחזרט אין גמרא און מדרש. דאָס איז באמת געווען אַן עקלהאַפֿטע געשעעניש וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די ייִדן „מאיגרא רמה לבירא עמיקתא", פֿון דער העכסטער הייך צו דעם טיפֿסטן אָפּגרונט.

די מעשׂה מיטן עגל האָט נישט געענדיקט די לאַנגע קייט פֿון שטרויכלונגען און שוועריקייטן וואָס משה האָט געדאַרפֿט דורכמאַכן. עס זענען געווען מלחמות מיט שׂונאים פֿון דרויסן, וואָס האָבן געשטערט דעם וועג צו דערגרייכן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד (עמלק, סיחון מלך האמורי) און יסורים פֿון אינעווייניקסטע בעלי קינאה, וואָס האָבן אים נישט פֿאַרגונען, ווי קורח ועדתו, דתן ואבירם. שווער צו זיין אַ מנהיג ביי ייִדן, קיין גרויסן נחת האָט ער נישט געהאַט פֿון זיי, אָבער ער האָט זיך נישט אונטער־געגעבן.

נעמט זיך משה איצט צו פֿאַרפֿעסטיקן די גייסטיקע יסודות פֿון זיין אַרבעט און מאַכט אַ זאַמלונג אויפֿצושטעלן אַ מישכּן, ווי גאָט האָט אים געזאָגט: „ועשׂו לי מיקדש ושכנתי **בתוכם**". דווקא דאָ זענען די ייִדן געווען זייער פֿרייגיביק מיט זייערע ביישטייער־רונגען. דער צוועק פֿון מישכּן איז געווען נישט נאָר צו האָבן אַ בנין פּאַר געטלעכקייט. גאָט דאַרף נישט האָבן קיין הויז צו וווינען אין אים, „כי מלא כּל הארץ כּבודו". אָבער דער דור המידבר האָט

נישט געקענט באַנעמען די געטלעכקייט וואָס ער קען נישט אָנטאַפּן און נישט זען; ער האָט געדאַרפט פילן און שפּירן אין זיין מחיצה אַ געוויסע קדושה און נאָענטקייט צו גאָט.

איז דאָך שוין גוט און פיין, קומט אָן די קאַטאַסטראָפע פון די מרגלים. דוכט זיך, אָט שטייט מען שוין ביי די גרענעצן פון לאַנד, אָט שמעקט מען שוין דעם ריח פון די באַאַרבעטע פעלדער. באַלד, באַלד, וועט משה איבערפירן די ייִדן דעם ירדן; מע דאַרף זיך צוגרייטן צום כּיבוש הארץ; מע דאַרף שיקן אַן עקספּעדיציע אויסצוקוקן דאָס לאַנד, כּדי אויסצואַרבעטן אַ סטראַטעגישן פּלאַן פאַר דעם מיליטערישן מאַרשרוט. שיקט משה אַרויס אַ קאָמיסיע פון צוועלף מענטשן, נשׂיאים פון די צוועלף שבטים, אויסצופאָרשן דאָס לאַנד און ברענגען אַ באַריכט צום פאָלק.

דער באַריכט איז ליידער געווען אַ טרויעריקער. נאָך פערציק טעג קומען זיי צוריק צו דער מחנה און דערציילן, אַז דאָס לאַנד איז טאַקע אַ לאַנד פון מילך און האָניק, פּרוכטיק, אָבער עס האָט אַ שלעכטן קלימאַט; אַ לאַנד, וואָס עסט אויף אירע איינוווינער (ארץ אוכלת יושביה) באַוווינט פון ריזן, און זיי, די מרגלים, האָבן זיך געפילט ווי מילבן קעגן זיי. שלעכט, מיר וועלן זיי נישט קענען איינגעמען. „ויוציאו דיבת הארץ״.

אַזאַ באַריכט האָט געווירקט שרעקלעך אויפן פאָלק. עס איז געוואָרן דערשראָקן און פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט און די האָפענונג צו קענען באַזיגן די איינוווינער פון דאָרט.

אַ טרויער אין דער מחנה. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ יאָמער און געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן אויסגעלאָזן זייער כּעס און ווייטיק צו משהן, אים געוואָלט פאַרשטייניקן, משה ווערט זיך קעגן זיי, זאָגנדיק, אַז אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען „על פי הדיבור״, וואָס גאָט האָט אים געהייסן... עס קומט דערצו,

אַז גאָט האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז דער דור המידבר מוז אומקומען.

משה לעבט איבער שווערע גייסטיקע יסורים. ער זעט אָבער איין, אַז ער וועט בשום אופן נישט קענען איבעראַנדערשן זייער שקלאַפן־נאַטור. זיי בענקען נאָכן ריח פון ציבעלע און קנאָבל פון מצרים. שווער צו מאַכן פון זיי העלדן. משהס האַרץ בלוטיקט, ווען ער זעט די קינדער פון זיין אייגענעם דור טראָגן אויף זיך דעם גזר דין אומצוקומען, איידער זיי דערזעען די ליכטיקע שיין און דעם גלאַנץ פונעם צוגעזאָגטן לאַנד. זיינע באַמיִונגען אָפּצו־שרייען די גזירה העלפן נישט. „במידבר הזה יפלו פגריכם".

פאַרפאַלן, ווי טראַגיש עס זאָל נישט זיין, דער גזר דין איז געחתמעט. דער נייער, יונגער דור וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אין דעם פרייען מידבר, אַ דור וואָס ווייסט נישט פון פאַרשקלאַ־פונג — ער וועט זיין גרייט צו ברענגען קרבנות און איינצונעמען דאָס לאַנד און וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פריי, נאָרמאַל פאָלק.

און וואָס געשעט מיט משהן? ער איז פון דעם זעלבן דור פון יוצאי־מצרים און ער מוז טיילן זייער גורל. אַ מנהיג גייט שטענדיק מיטן פאָלק, ווי אַ קאַפּיטאַן מיט זיין שיף. ווי טראַגיש איז דער גורל!

„הן קרבו ימיך למות. לא תעבור את הירדן הזה". דער מדרש באַמערקט מיט גרוים באַדויער: „אתמול היה עולה לרקיע כנשר, עכשיו היה מבקש לעבור את הירדן ואינו יכול". משה, דער גרעסטער מנהיג פון אַלע צייטן, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זייל ליכט אויפן שוועל פון דער יִדישער געשיכטע און געצווונגען הימל און ערד צו טאָן זיין געבאָט, איז איצט צו שוואַך אריבער־צוגיין דעם ירדן, ער קען נישט דערווייזן אַזאַ קלייניקייט.

משה, דער אדון הנביאים, פאַר וועמען מלאכים האָבן געציטערט

טערט און דער כביכול אַליין האָט פיל מאָל געביטן זיינע מיינונגען אויף זיין פאַרלאַנג, אָט אַ דער גייסטיקער ריז, קען איצט נישט פועלן ביי גאָט אים צו לאָזן אַריינפירן זיינע ייִדן אין דעם באַליבטן לאַנד און פאַרענדיקן די אַרבעט, פאַר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. ער מוז שטאַרבן אינעם מידבר און איבערגעבן אַ צווייטן צו פאַרענדיקן די גרויסע אויפגאַבע. זיין געטרייער תּלמיד יהושע בן־נון נעמט זי איבער.

משה זעט אַז זיין צייט גייט אַוועק — נעמט ער זיך צו איבערקוקן זיינע אויפטוען. ער נעמט שרייבן דעם משנה תּורה, ספר דברים. ער שרייבט זיין פּערזענלעכע, פּאָעטישע צוואה פאַר זיין פאָלק. דאָס איז די פּרעכטיקע שירה האזינו, דער מקור פון דער ייִדישער נבואה, פון וואַנען אונדזערע שפּעטערדיקע נביאים האָבן געשעפּט זייערע פּאָעטישע וויזיעס. „זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור" — געדענק די טעג פון פאַרצייטנס, פאַרשטיי די יאָרן פון דור נאָך דור, פרעג דיין פאָטער און זאָל ער דיר דערציילן, דיינע זקנים און זיי וועלן דיר זאָגן. ער זאַמלט אויף דאָס גאַנצע פאָלק — מענער, פרויען און קינדער. ער לערנט זיי געשיכטע, ער חזרט איבער אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען מיט די ייִדן און ווייזט זיי אויף, אַז אמת און גערעכטיקייט איז דער יסוד פון מענטשלע־כער געזעלשאַפט. ער וואָרנט זיי, זיי זאָלן אָפּהיטן די געזעצן, וואָס ער האָט זיי געלערנט; ער שטראָפט זיי, אָבער גלייכצייטיק בענטשט ער און טרייסט זיי. משהס ליבשאַפט און געטריישאַפט צום פאָלק איז פאַרקערפּערט אין די חוקים און משפּטים פון דער תּורה. דער מדרש (שמות רבה ל') זאָגט, אַז משה האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר דריי זאַכן: פאַר ישׂראל, פאַר דער תּורה און פאַר די דינים, און זיי ווערן אָנגערופן אויף זיין נאָמען. אַ סך הלכות, וואָס זענען אין דער תּורה נישטאָ, ווערן אויך אָנגערופן אין גמרא „הלכה למשה מסיני". דער נביא מלאכי (ג) זאָגט: „זכרו תּורת משה

עבדו" — דערקלערט די מכילתא (פּרשת בשלח): „לפי שנתן נפשו עליה נקראת על שמו".

פֿאַר זיין טויט גייט משה אַרויף אויפֿן באַרג נבו און באַקוקט פֿון דער ווייטנס דאָס לאַנד, אין וועלכן עס איז אים נישט באַשערט אַריינצוגיין. ער באַטראַכט פֿון דער הייך אַלע ווינקעלעך און הערט נאָך אַ מאָל גאָטס הבטחה אַז דאָס לאַנד איז פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל „זאת הארץ אשר נשבעתי לאברהם, יצחק וליעקב... לזרעך אתננה".

גאָט האָט משהן אַ קוש געגעבן און זיין נשמה אַוועקגענומען. דער חומש איז אים מספּיד מיט די ווערטער: „ולא קם עוד נביא בישׂראל כמשה". אַזאַ נביא ווי משה איז קיין מאָל נישט געווען, ער איז דער גרעסטער.

משה ווערט איינגעזאַמלט מיט זיינע עלטערן. וועגן זיין טויט ווערט געזאָגט: „ולא ידע איש את קבורתו עד היום" — קיינער ווייסט נישט ווו זיין קבר איז. אַנשטאָט אַן אויפֿשריפֿט אויף זיין מצבה, בלייבט זיין טיטל „משה רבינו". אַ קבר דריקט אויס אַן ענד, אַ סוף, משה אָבער בלייבט לעבעדיק אין געדעכעניש פֿון זיין פֿאָלק אויף אַלע צייטן.

פֿאַר וואָס איז משה געשטאָרבן און נישט זוכה געווען אַליין צו פֿאַרענדיקן זיין לעבנסווערק? ענטפֿערט אחד העם אין זיין וווּנדערבאַרן קלאַסישן עסיי „משה" און ער זאָגט, אַז אַזוי האָט עס געדאַרפֿט זיין. ווען משה האָט געבראַכט זיין פֿאָלק צו דער גרענעץ פֿונעם צוגעזאָגטן לאַנד, ווו עס דאַרף זיך אָנהייבן אַ נייע תּקופֿה אינעם לעבן פֿון פֿאָלק, ווען ס'איז געקומען די צייט צו פֿאַרקערפּערן משהס אידעאַל אין דערווירקלעכקייט, אינעם רעאַלן לעבן, וואָס פֿאָדערט פּשרות און נאָכגעבונגען, דאַן קען שוין דער נביא נישט שטיין בראש פֿון פֿאָלק, ער איז געצוווּנגען צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר אַן אַנדערן. ס'איז בעסער פֿאַר אים צו שטאַרבן אין

מידבר, אָנהאַלטנדיק זיך ביי זיין גלויבן, מיט וועלכן ער האָט געלעבט; ביי משהן ווערט נישט געבראָכן די אמונה אין דער אייביקער, אַבסאָלוטער גערעכטיקייט פון גאָט (צדק מוחלט). „וצדיק באמונתו יחיה” (חבקוק).

משה איז געגאַנגען אונדז פאָרויס נישט בלויז פערציק יאָר דורכן מידבר סיני, נאָר טויזנטער יאָרן דורך אַלע מידבריות וואָס אונדז איז אויסגעקומען דורכצוגיין פון מצרים ביז היינט.

ער האָט אויסגעפורעמט אייביקע קונסט־יצירות, קונסט־פּיראַמידן נישט פון ציגל און מאַרמאָר — ער האָט באַשאַפן אַ פאָלק וואָס דינט ווי אַ ביישפּיל פאַרן גאַנצן מין מענטש.

פון דער צווייטער זייט — משהס געשטאַלט איז באַשאַפן געוואָרן אין גייסט פון אונדזער פאָלק, און דער שאַפער שאַפט אין זיין אייגענער געשטאַלט. (אחד העם).

שבועות, דער פאַרגעסענער אָבער וויכטיקסטער יום־טוב *

אין זוהר איז דאָ אַן אויסדרוק: „הכל תלוי במזל, אַפילו ספר תורה שבהיכל". דאָס הייסט, יעדע זאַך ווערט געבוירן מיט איר מזל. איך האַלט אַז שבועות האָט נישט קיין מזל — אַזאַ וויכטיקער יום־טוב, אָבער ער ווערט אויפגענומען אויף אַ נאָכלעסיקן אופן.

דער יום־טוב פון מתן־תורה וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב. די גויים, אַלע פעלקער פון דער וועלט, האַלטן שטאַרק פון תנך. אונדזער ספר־הספרים איז פאַרהייליקט ביי אַלע פעלקער און איבערגעזעצט אויף אַלע שפּראַכן, און דאָך, איז נישט נאָר די גויים, נאָר אַפילו אַ סך פון אונדזערע אייגענע יידן ווייסן זייער ווייניק וועגן דעם יום־טוב שבועות.

פון די הויפּט־ימים־טובים, פון די שלוש רגלים: פּסח, שבועות און סוכּות, וואָס שאַפן אַ מין נאַציאָנאַל־היסטאָרישע טרילאָגיע אין אונדזער יערלעכן לוח, איז שבועות דער מער אינהאַלטרייכער און מער הייליקער יום־טוב. אמת, ער איז אַ תורה יום־טוב, ווי די אַנדערע צוויי, ד"ה דער חומש זאָגט אונדז אָן צו פייערן די שלוש רגלים, אָבער דער שבועות האָט גאָר אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. מיר זעען דאָס גלייך אין דער לענג פון דעם יום־טוב. ווען פּסח און סוכּות ציִען זיך גאַנצע זיבן טעג, איז שבועות באַשיידן און קורץ — ער דויערט נאָר איין טאָג (אין גלות — צוויי טעג). פּסח

* פון אַ לעקציע וועגן שבועות, געקירצט און געשריבן אין טראַדיציאָנעלן נוסח.

און סוכּות צײכענען זיך אױס מיט זײער אױסערלעכער פֿאָרם; זײ זענען אַרױסרופֿנדיק מיט זײער צערעמאָניאַל און רײכן סימבאָ־ליזם. פּסח — מיט מצה, מרור, חרוסת, פֿיר כּוסות. סוכּות — מיט דער סוכּה און די פֿיר מינים: אתרוג, לולב, הדס, ערבֿות. בײדע מיט זײערע אינדיװידועלע באַגרענעצונגען: פּסח — מע קען טאַקע עסן װי מען װיל, אָבער נישט װאָס מע װיל. מע טאָר קײן חמץ נישט עסן. סוכּות מעג מען טאַקע עסן װאָס מען װיל, אָבער נישט װי מען װיל; מע דאַרף עסן אין סוכּה.

שבֿועות אָבער קומט שטיל, אָן רעש, און אין אונדזער צײט — קוים װאָס מען פּראַוועט אים. אָן באַגרענעצונגען, אָן צוימען — דער פֿאַרגעסענער יום־טובֿ. און דאָך איז ער דער װיכטיקסטער יום־טובֿ, װאָס האָט אײגנטלעך אונדז אױפֿגעהאַלטן װי אַ קולטורפֿאָלק.

דער יום־טובֿ שבֿועות איז באַקרױנט מיט צװײ כּתרים: אײן קרױן װאָס ער טראָגט װי דער יום־טובֿ פֿון אַ לאַנדװירטשאַפֿטלע־כער געזעלשאַפֿט, װאָס דאָס ייִדישע פֿאָלק איז דאַן געװען. ער איז אױפֿגעקומען אין דער צײט װען דאָס פֿאָלק איז געזעסן אין זײן לאַנד ארץ־ישׂראל. שבֿועות איז אַ יום־טובֿ פֿאַרבונדן מיט פֿעלד, מיט פּירות און מיט בלומען — אַ נאַטור־יום־טובֿ, און װי די אַנדערע ייִדישע ימים־טובֿים, איז ער צוגעפּאַסט צום ריטעם פֿון דער אַרבעט אױפֿן פֿעלד. האָט דאָס באַשטימט די פֿאָרמען פֿון טאָגטעגלעכן לעבן, און אױך געװירקט אױף דער געשטאַלטיקונג פֿון זײער אמונה. גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן ער זאָל באַאַר־בעטן די ערד און ציִען פֿון איר חיונה. שיקט ער דעם רעגן אין זײן צײט און בענטשט דעם באָדן ער זאָל אַרױסברענגען זײנע פּירות.

די צװײטע קרױן װאָס באַצירט דעם יום־טובֿ שבֿועות איז פּאַקטיש די ייִדישע קולטור, די תּורה, װאָס האָט איר אָנהײב בײ דער אַנטפּלעקונג פֿון גאָט אױפֿן באַרג סיני.

דער יום־טוב האָט פאַרשיידענע נעמען. טייל זענען אָנגעגעבן אין דער תּורה, און אַנדערע זענען צוגעקומען אין דער פּאַר־תּלמודישער תּקופה, אָבער אַלע זאָגן עדות אויף זיין מקור און מהות און שאַפן זיין אייגנטלעכע כאַראַקטעריסטיק. שבועות — חג הקציר — הבּיכּורים — עצרת — מתּן תּורה. אין שמות ל״ד, כב לייענען מיר: „וחג השבועות תּעשׂה לך בכּורי קציר חטים״ — אין דעם יום־טוב שבועות זאָלסטו דיר מאַכן ביי די ערשטצייטיקע פון ווייצנשניט. אין שמות כ״ג, ט״ז: „וחג הקציר ביכּורי מעשׂיך אשר תּזרע בשׂדה״ — אין דעם יום־טוב פון שניט, פון די ערשטע פּרוכט פון דיין אַרבעט פון וואָס דו וועסט פאַרזייען אין פעלד. די אָ און נאָך אַנדערע פּסוקים, באַווייזן, אַז שבועות איז דער יום־טוב פון שניט.

דאָס שניידן, דאָס אויפזאַמלען פון די פעלדער, האָט געדויערט זיבן וואָכן, אָנהייבנדיק פון פּסח, ווען מע האָט אַראָפּגענומען דעם גערשטן, פון וואָס מען האָט מקריב געווען דעם עומר, און געענדיקט דעם פופציקסטן טאָג, ווען זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פעלדער דעם ווייץ, פאַרענדיקנדיק מיטן קרבּן ביכּורים. פון דאַנען דער נאָמען „יום הביכּורים״. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פון דעם פויער צום רבונו של עולם פאַרן געבן אים דאָס לאַנד און פאַר באַגליקן אים מיט אַ גוטער גערעטעניש, די פּרוכט פון זיין אַרבעט.

דער יום־טוב הייסט שבועות — זיין פּאָפּולערער נאָמען — ווייל עס זאָגט זיך בפירוש: „שבע שבתות תּמימות״, זיבן וואָכן — דער יום־טוב פון די „וואָכן״.

אַנדערע ווילן האָבן, אַז שבועות איז נישט מיט אַ קמץ, נאָר מיט אַ שווא (אונטערן שין). דאָס איז מרמז אויף די צוויי שבועות, איינע — וואָס יידן האָבן געגעבן דעם רבש״ע אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תּורה און האָבן פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם „נעשׂה

ונשמע״, און די צווייטע שבועה — וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו מאַכן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַר זיין עם סגולה, צו זיין אַ „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש״ (חג השבועות).

דער תּלמוד רופֿט אָן שבועות „עצרת״ אָדער „עצרת לפּסח״. די חז״ל האַלטן, אַז אַזוי ווי שמיני עצרת איז פֿאַר סוכּות, אַזוי איז שבועות דער אַכטער טאָג פֿאַר די שבעת ימי חג הפּסח, און זיי באַצייכענען שבועות ווי דעם הויפּטציל פֿון יציאת־מצרים און פֿון דער גאַנצער גאולה־דראַמע. פּסח האָבן מיר טאַקע באַקומען די פֿיזישע פֿרייהייט, דעם חירות הגוף, אָבער שבועות איז דער יום־טוב פֿון חירות הנפש, פֿון אמתער פֿרייהייט, ווען מע האָט מקבל געווען די תּורה כּדי צו נעמען אויף זיך דעם עול פֿון געטלעכקייט.

מיר ווערן אָנגעזאָגט פֿון דער תּורה, אַז מע זאָל אָפּציילן זיבן וואָכן, 49 טעג, פֿון דעם ערשטן טאָג עומר פֿון צו מאָרגנס פֿון שבת, און דער פֿופֿציקסטער טאָג איז שבועות. עס איז באמת נישט אָנגעזאָגט געוואָרן די גענויע דאַטע אין וועלכער שבועות זאָל געפֿייערט ווערן.

וואָס מיינט „ממחרת השבת״ — צומאָרגנס פֿון שבת?

דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַן ערנסטע מחלוקת צווישן די פּאַר־טייען אין דער צייט פֿון בית שני צווישן די פּרושים און די צדוקים. די לעצטע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מיינט בפּירוש זונטיק (אויף מאָרגן פֿון שבת) און לויט זייער מיינונג האָט עס געדאַרפֿט הייסן, אַז שבועות פֿאַלט שטענדיק אויס זונטיק. אָבער די פּרושים, וואָס זענען געווען שטרענג ביים געשטאַלטיקן ייִדישקייט פֿאַר דורות להבא, האָבן געהאַלטן, אַז „ממחרת השבת״ הייסט ממחרת יום הראשון של חג הפּסח, דערקלערנדיק אַז דער באַגריף פֿון שבת נעמט אַריין נישט נאָר דעם זיבעטן טאָג פֿון דער וואָך, נאָר אויך יעדן יום־טוב. מיט דעם אויסטייטש האָבן זיי געשטרעבט

צו פאַרקלענערן די חשיבות פון דעם זונטיק־טאָג, וואָס איז אין יענער צייט שוין געווען הייליק פאַרן אויפגעקומענעם קריסטנטום.

עס איז געוואָרן אָנגענומען די מיינונג פון די פּרושים: גלייך ביים צווייטן טאָג פּסח הייבט מען אָן צו ציילן ספירה.

מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף דעם ביכּורים יום־טוב. ביז דאַן האָט מען נישט געטאָרט עסן פון דער נייער תּבואה. ס'איז געווען זייער אַ פריילעכע צייט. אין דעם ביכּורים־יום־טוב, ווי אַ יום־טוב פון די שלוש רגלים, איז מען געגאַנגען גרופּעסווייז קיין ירושלים מיט גרוים שׂימחה. ארץ ישׂראל איז געווען איינגע־טיילט אין 24 מעמדות (אַדמיניסטראַטיווע טיילן) און מיטן ראש המעמד איז מען געגאַנגען מיט די קיישעלעך פּרוכטן אויף די אַקסלען, זינגענדיק: „קומו ונעלה ציון אל הר ה' אלקינו".

פאַר דער ריזיקער, פריילעכער פּראָצעסיע איז געווען איינ־געשפּאַנט אַן אָקס. די הערנער באַצירט מיט גאָלד און דער קאָפּ באַ־פּוצט מיט אַ קרוין פון איילבירטן. דער אָקס האָט סימבאָליזירט די ערלעכע פּראַצע, די מי פון יגיעת כּפּיים, און די איילבירטן האָבן סימבאָליזירט אַז דאָס פאַרמעגן ווערט דערוואָרבן נישט בלויז פאַר דעם פיזישן ווילטאָג, נאָר אויך פאַר גייסטיקע שאַפונגען. פון זית (איילבירט) מאַכט מען דעם בוימל צו לייכטן, „ואין אור אלא תּורה" — ליכט מיינט תּורה. אַזוי איז די פייערונג און די שׂימחה סובלימירט געוואָרן אין אַ גייסטיקער פייערונג. דער גאַנצער עולם, אונטער די טענער פון געזאַנג און מוזיק, באַגאָסן מיט זון און צופרידן פון גאָטס ברכה, איז ענדלעך אָנגעקומען אין ירושלים ווי עולי־רגל און באַגריסט געוואָרן דורך די איינוווינער מיטן כּוהן גדול בראש ביי די קלאַנגען פון דעם לוויים־געזאַנג: „אַרוממך ה' כּי דיליתנו" — איך דאַנק דיר גאָט וואָס דו האָסט מיך דערהויבן.

דער חג הביכּורים, דאָס רייף־ווערן פון די ערשטע פּרוכטן, איז אַן עכט ארץ־ישׂראלדיקער יום־טוב פון אַ פּויערים־פאָלק,

צוזאַמענגעוואַקסן מיט פעלדער, גערטנער, פּיצוכט, פאַרבונדן מיט פעלדאַקער און ביימער־פּלאַנצונגען.

די מסכת ראש־השנה זאָגט, אַז שבועות איז דער יום־הדין אויף די פּרוכטן פון די ביימער. דער חג הביכּורים איז דאַן אין ארץ־ישׂראל געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. די ייִדן וואָס וווינען היינט אין ישׂראל פאַרשטייען, באַגרייפן און פילן בעסער ווי מיר די וויכטיקייט פון אַזאַ יום־טוב, ווייל זיי האָדעווען זיך און לעבן אין שוים פון דער נאַטור. פאַר אונדז אָבער, אין חוץ לארץ, איז דאָס נאָר אַ סימבאָל פון דעם עבר. אין גלות איז געווען פאַרבאָטן ייִדן צו באַשעפטיקן זיך מיט ערדאַרבעט; אין געוויסע לענדער האָט מען אפילו גאַנצע יאָרהונדערטער נישט געהאַט קיין רעכט צו האָבן פעלדער.

ווען די ייִדן האָבן פאַרלאָרן זייער לאַנד, איז די קרוין פון שבועות ווי אַן אַגראַר־יום־טוב אַראָפּגעפאַלן. די פריילעכע, גליקלעכע ספירה־צייט האָט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויעריקער צייט, ווי פון אבלות. די אַלע באַגרענעצונגען, ווי נישט מאַכן קיין חתונות, אויסמיידן הילכיקע פאַרוויילונגען און אַנדערע הגבלות, דריקן אויס דעם צער וואָס דער חורבן האָט געבראַכט. ס'איז אַ זכר לחורבן. דאָס דערמאָנט אויך אין דער נישט געלונגענער מרידה פון בר־כּוכבא, ווען טויזנטער תּלמידים פון רבי עקיבא זענען אומגעקומען. שבועות ווי אַ יום־טוב איז געבליבן, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי דער „זמן מתּן תּורתנו". אַזוי הייסט דער יום־טוב אין די תּפילות און אויך אין קידוש און מיר פאַרהייליקן דעם טאָג כּמעט נאָר ווי אַ תּורה־יום־טוב.

אַזוי בייטן די ייִדישע ימים־טובים זייער לבוש און זייער מיין, לויט דעם דור וואָס לעבט זיי דורך און לויט די אומשטענדן אין וועלכע דאָס פאָלק לעבט אין דער געגעבענער תּקופה. וספרתּם...

איר זאָלט ציילן... באַקומט אַ נייע דערקלערונג. ס'איז איצט טאַקע די זעלבע צייט צווישן פּסח און שבועות, ספירה־צייט, אָבער אַ צוגרייטונג צו קבלת התורה. כאָטש אין חומש איז נישט אָנגעגעבן געני דער טאָג פון מתּן תורה, איז אָבער פאַר די חז"ל נישט געווען קיין ספק, אַז מתּן תורה איז פאָרגעקומען אין דעם טאָג פון שבועות און דאָס איז דער זעקסטער טאָג אין חודש סיון, שטיצנדיק זיך אויף דעם פּסוק אין שמות יט, א.

די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים אין ניסן. פאַר וואָס האָבן זיי געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג צו קריגן די תורה? ענטפערט די אַגדה: דער רבונו של עולם האָט געזאָגט: מיינע קינדער זענען אויסגעמאַטערט, ערשט איצט אַרויס פון אונטערן יאָך פון ליים און ציגל, און זיי קענען נאָך נישט אויפנעמען די תורה. ד"ה, זיי דאַרפן זיך צוגרייטן צום גרויסן אַקט פון קבלת התורה. זיי דאַרפן ציילן. — וספרתּם — איר זאָלט ציילן...

פון ספירה־ציילן קען מען זיך אָפּלערנען אַ וויכטיקן מוסר־השׂכּל. „וספרתּם לכם" — איר זאָלט ציילן פאַר זיך, דאָס הייסט איר זאָלט אַכטונג געבן אויף אייערע חשבונות, אייערע אייגענע יחידישע און ראַציאָנאַלע חשבונות, אויף אייער מאַטעריעלן און גייסטיקן פאַרמעגן. און דאָס וועט אייך אויפהיטן פון פאַרקריכן אין פרעמדע גערטנער, אַסימילאַציע אאַז"וו.

אַזוי ציילן מיר אונדזער ספירה לויט אונדזער אייגענעם לוח, פון פּסח ביז שבועות, אין גרויס דערוואַרטונג אויף דער אויפ־טרייסלנדיקער געשעעניש פון מתּן־תּורה, פּונקט ווי חתן־כּלה ציילן די טעג צו זייער גליק, צו זייער חתונה. שטייענדיק ביים באַרג סיני האָט דאָס גאַנצע פאָלק געהערט — ווי דער חומש שרייבט — גאָטס קול צווישן קולות וברקים, פראָקלאַמירנדיק פייערלעך די עשׂרת הדיברות, וואָס איז דער יסוד פון דער ייִדישער אמונה, און

פאַקטיש די באַזע פון יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַ תּורת חיים פאַרן יחיד און פאַרן כּלל.

מערקווערדיק, אַז דאָס איז געשען נאָך איידער ייִדן האָבן געהאַט דאָס לאַנד. נאָרמאַל נעמט אָן אַ פאָלק אַ קאָנסטיטוציע ווען עס איז שוין איינגעלעבט אין זייער אייגן לאַנד. און דאָ, איז אַ פאַרקערטע דערשיינונג. מיר זענען דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָט באַקומען אַ נאַציאָנאַלן סטאַטוס נאָך איידער עס איז אַריין אין צוגעזאָגטן לאַנד. „היום הזה נהיית לעם”, אין דעם דאָזיקן טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק. דער מתּן־תּורה־אַקט מיט די צען געבאָט האָט געמאַכט אַז אַ פּרימיטיווער שבט פון שקלאַפן איז ווי דורך אַ מאַגישן כּוח (דורכן שם המפורש) פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלטפאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ נייעם גלויבן און אַ נייע מאָראַל.

דאָס איז געווען אַ געוואַלדיק גייסטיקע דערהייבונג, אַן איבער־מענטשלעכע איבערלעבונג אין דעם געמיט פון אַ פאָלק, וואָס איז ערשט איצט אַרויס פון פאַרשקלאַפונג. עס איז אַזוי אייגנאַרטיק, דאָס טרעפט מען נישט ביי קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט. הערט אַ שפּרונג — פון פּיתום ורעמסס צום הר סיני, פון אַ שקלאַפן־פאָלק צו אַ ממלכת כּוהנים וגוי קדוש. און ווי האָבן געזען ווי דער באַרג הייבט זיך און דער הימל נידערט אַראָפּ צום באַרג — אַ מין קאָסמישע ענדערונג ווען הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען און עס ווערט געשלאָסן אַן אייביקער בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק. דאָ, ביים באַרג סיני, האָט זיך אָנגעהויבן צו שמידן די קייט פון ייִדישער נצחיות, אַ ווענדפּונקט אין לעבן פון ייִדישן פאָלק וואָס האָט באַשטימט זיין קולטור־היסטאָרישן מאַרשרוט אויף דער וועלט־אַרענע.

די תּורה איז געגעבן געוואָרן אין מידבר, במקום הפקר, אין אַ קיינעמס־לאַנד, כּדי צו ווייזן אַז זי קען געהערן צו יעדן איינעם

וואָס וויל זי אויפנעמען. נישט נאָר צו ייִדן. די עשׂרת הדיברות (חוץ די ערשטע צוויי און שבת) זענען נישט קיין נאַציאָנאַל־ייִדישע. דאָס הייסט, עס האָט נישט צו טאָן אויסשליסלעך מיט די אינטערעסן פון ייִדישן פאָלק. זיי זענען אַלגעמיין מענטשלעכע, פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלע דורות, אָן אונטערשייד פון לאַנד און אָפּשטאַם. דער נביא צפניה זאָגט: „כ׳וועל מאַכן אַז אַלע פעלקער זאָלן דינען צו גאָט ווי איין מענטש". דאָס ווייזט די אוניווערסאַלקייט פון דער תורה.

די פעלקער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די תורה. זיי האָבן קודם־כּל אַ פרעג געטאָן: וואָס איז געשריבן אין דער תורה? און ווען עס האָט אָפּגעשאַלט איין געבאָט נאָכן צווייטן און עס איז געהערט געוואָרן דער אָנזאָג פון „לא תרצח", האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם. אָבער די בני־ישׂראל האָבן עס גלייך אָנגענומען מיט אַן ענטוזיאַסטישן „נעשׂה ונשמע", גרייט אויסצופאָלגן אַלע געבאָטן.

דער מתן־תורה־אַקט האָט פאַרזיגלט דעם גורל פון פאָלק ווי אַן עם סגולה, אַן אויסדערוויילט פאָלק, אָבער מיט אַ תנאי — אויב איר וועט פאָלגן די געבאָטן און פאַרבאָטן פון דער תורה. די עשׂרת הדיברות זענען קלאָר, צימצומדיק און זייער לאַקאָניש, און מיר לייענען דאָס טאָקע שבועות ביי קריאת התורה (פרשת יתרו). דאָן קומט די סדרה „ואלה המשפטים" ווי אַן אויסברייטערונג, אַ צוגאָב און דערקלערונג פון די צען געבאָט. משה דערקלערט די דינים און משפטים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דורכפירונג פון די עשׂרת הדיברות, מיט דער פּראַקטישער אויספירונג פון דער געזעצגעבונג, וואָס נעמט אַרום יעדן שריט פון טאָגטעגלעכן לעבן. געזעצן וואָס זענען פאַרגליווערט, איינגעשריבן אויפן פּאַפּיר אָדער אפילו אויסגעקריצט אויף שטיינערנע טאָוולען און ווערן נישט דורכגעפירט אין רעאַלן לעבן, האָבן קיין ווערט נישט, מעגן זיי

זיין די דערהויבנסטע. משה ברענגט דאָרטן אַ רייע געזעצן, וועלכע גיבן גלייכקייט און פרייהייט יעדן מענטשן, פאַר אַלע בירגער, נישט נאָר פאַר ייִדן. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דער חשיבות פון מענטשן. דער הויפּטווונטש פון דער ייִדישער אמונה איז צו פאַר־זיכערן די פּערזענלעכע פרייהייט פון מענטשן, דער יסוד פון אַלע תורות און פון אַלע מאַגנאַ־קאַרטעס.

שבועות איז דער איינציקער יום־טוב וואָס האָט פאַר זיך ספּעציעלע תּפילות, וואָס קיין אַנדער יום־טוב האָט נישט.

1. דער אַלטער מינהג צו לייענען שבועות ביי נאַכט דעם „תּיקון ליל שבועות" און זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אַ ליל שימורים, און עוסק זיין אין לערנען, דאָס הייסט, זיך צוגרייטן צום פרימאָרגן פון מתּן־תּורה. דער תּיקון — דאָס איז אַ זאַמלונג וואָס פאַרמאָגט אין מיניאַטור אונדזער גאַנצן גייסטיקן אוצר — דעם אָנהייב און סוף פון יעדער סדרה פון דער תּורה, נביאים און כּתובים; די ערשטע און לעצטע משנה פון די 63 מסכתות פון תּלמוד; שטיקלעך פון ספר יצירה און פּרקים פון זוהר. — כּל התּורה כּולה בלילה אחד.

2. דאַן לייענט מען אין קריאת התּורה די פּאָעמע אַקדמות, אַ לויבגעזאַנג גאָט, ווו עס זאָגט זיך אין דער ערשטער סטראָפע:

וועןאַלע הימלען זאָלן פאַרמעסט זיין,
און שרייברערן אַלע וועלדער,
און אַלע ימען זאָלן טינטערס ווערן,
און אַלע וועלט־באַוווינערס שרייבערס,
וועלן זיי נישט קאָנען באַשרייבן די
גרויסקייט און הערלעכקייט פון דעם באַשעפער.

3. שבועות לייענט מען מגילת רות ווייל שבועות איז דער געבוירן־טאָג פון דוד המלך — אויך דער טאָג פון זיין פּטירה. ער איז דער בויער פון דער ייִדישער מלוכה, דער שטאַמפאָטער

פון די מלכי יהודה, דער תּהילים־זינגער און דער אורפּאָעט פון משיח גואל־צדק. אין מגילת רות רעדט זיך וועגן זיין משפּחה־יִחוס, ווייל רות איז די עלטערבאָבע פון דוד המלך. די צייט פון דעם סיפּור המעשה איז מרמז אויף דער צייט פון שבועות. עס איז אַ שילדערונג פונעם אַמאָליקן תּמימותדיקן לעבן אין דער שופטים־צייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך פאַרנומען מיינסטנס מיט ערדאַרבעט. רות, די העלדין פון דער מגילה, מיט איר פּערזענ־לעכקייט און לעבנסטיל, שטעלט פאָר די אידעאַלע פּערזענלעכקייט פון אַן אמתן גר־צדק.

דער יום־טוב שבועות, ווי איך האָב זיך באַמיט צו דערקלערן, פאַרקערפּערט צוויי פאַרשיידענע באַגריפן: פון איין זייט אַ נאַטור־יום־טוב, וואָס דריקט אויס אַ זעלבשטענדיקע עקאָנאָמיק, אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבנשטייגער אויף אַן אייגענעם באָדן. פון דער צווייטער זייט — אַ יום־טוב פון „זמן מתּן תּורתנו", געבוירן אין דעם מידבר סיני, אויפגעקומען ווי אַ השלמה, אַ פאַרפולקאָמונג צום יום־טוב פּסח, וואָס האָט געגעבן דעם יִדן דעם באַגריף און מאָראַלישן זין פון אַ מענטשלעך לעבן, די עשׂרת הדיברות, ווי דער פונדאַמענטאַלער קאָדעקס פון אונדזער נאַציאָ־נאַלער אייגנאַרט און יסוד פון אונדזער אמונה און קולטור.

ביידע באַגריפן, דוכט זיך אַזוי פאַרשיידן, צווייפאַכיק, אָבער זיי גייען צוזאַמען, זיי זענען ענג פאַרבונדן, און צוזאַמען שאַפן זיי אַ וווּנדערלעך שיינעם, אייגנאַרטיקן, אינהאַלטרייכן יום־טוב.

געדאַנקען וועגן די ימים נוראים־תפילות

„עלינו לשבח... שלא עשׂנו כגויי הארצות״... אַט די תפילה ווערט געזאָגט אַ גאַנץ יאָר ביים דאַווענען, אָבער אַ סך בולטער ווערט זי אויסגעדריקט ביי די ימים נוראים־תפילות. דער חזן שפּילט עס אויס און דעמאָנסטרירט ממש דורך אַ דראַמאַטישן כּורעים־פאַלן, דאַנקענדיק דעם האַר פון דער וועלט פאַר אונדזער אַנדערשקייט.

דוכט זיך, אַלע פעלקער פייערן זייער נייַיאָר און אויך מיר טוען דאָס. אָבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד איז צווישן דעם אופן, פאָרעם און אינהאַלט פון זייער וועלט־אַנשויונג און אונדזער וועלט־אַנשויונג. די אומות־העולם פייערן זייער נייַיאָר ביים אָראָפּרייסן דאָס לעצטע בלעטל פון זייער קאַלענדאַר מיט שיכּרות, הוליאַנקעס און הילכיקע אויסגעשרייען. מיר פייערן דעם „בראשית ברא״, דעם „היום הרת עולם״ און די באַשאַפונג פון מענטש, מיט אַן ערנסטן חשבון הנפש, מיט תפילות, מיט אַ קול דממה דקה פון אינערלעכער מעדיטאַציע.

שוין דער חודש אלול, דער חודש פאַר ראש השנה, און ספּעציעל די סליחות־טעג, פירן אונדז אַריין אין דער אַטמאָספער פון דעם ימים־נוראימדיקן געמיט און שאַפן דעם גייסטיקן קלימאַט און אינערלעכע שטימונג צו באַגעגענען די פאָרכטיקע טעג. אַ מין הייליקע באַגייסטערונג נעמט אַרום יעדן ייִד.

ראש־השנה און יום־כּיפור זענען די שולן געפּאַקט מפּה לפּה,

אַפילו אַזעלכע ייִדן ווי אַסימילירטע, איזאָלירטע, אָפּגעפרעמדטע, וואָס אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי נישט קיין מגע ומשׂא מיט ייִדן, אָדער וועלטלעכע ייִדן, וואָס אַ גאַנץ יאָר טרעטן זיי נישט אַריבער די שוועל פון אַ שול — אַלע ווערן באַהויכט פון קדושה אין די ימים נוראים, ווי עפּעס אַן אומדערקלערלעכער כּוח וואָלט זיי געצויגן. זיי ווערן באַהערשט פון אַ שטאַרקן ווילן צו זיין אין דער זעלבער מחיצה צוזאַמען מיט אַלע ייִדן. און ס'איז נישטאָ קיין דיסקרי־מינאַציע קעגן קיינעם. אַלע ווערן אַריינגענומען אין דער חברותא און ווערן צוגערעכנט צום מנין — אַלע די, וואָס ווילן זיך נאָר אומקערן מיט אַ ריין האַרץ. אויף דעם זאָגט עדות די עפנטלעכע דערקלערונג, פאַר „כּל נדרי", צו דאַווענען צוזאַמען אַפילו מיט די זינדיקע:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתּירין להתפּלל עם העבריינים".

*

דער יום־טוב ראש־השנה ווערט דערמאָנט אין חומש ווי אַ יום־תּרועה, אָדער זכרון תּרועה, דער טאָג פון שאַלונג, פון שופר בלאָזן. די פאָלקס־טראַדיציע אָבער האָט אָנגענומען, אַז ראש־השנה (און יום־כּיפּור) איז דער יום הדין, ווען יעדער איינער מענטש ווערט געשטעלט פאַרן מישפּט, נישט נאָר דער ייִד (היום יעמוד במשפּט כּל יצורי עולמים), אָפּצוגעבן אַ חשבון פאַר די מעשׂים פון אַ גאַנץ יאָר. די ייִדישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אַ בילד־לעכע פאַרשטעלונג וועגן דער פּראָצעדור פון דעם הימלישן געריכט מיטן אָנטייל פון סניגור און קטיגור, פאַרטיידיקער און באַשולדי־קער. עס קומט פאָר דער געראַנגל צווישן דעם „מה אנוש כּי תזכּרנו" און דעם „ותּחסרהו מעט מאלהים".

די פאַרפאַסערס און רעדאַקטאָרן פון די תּפילות און פּיוטים

האָבן צוגעפּאַסט זייער אינהאַלט צו דער טיף ייִדישער אידעע פון תשובה. פון איין זייט איז דער מענטש באַשענקט מיט אַ פרייען ווילן און קען און דאַרף אויסקלייבן זיין אייגענעם וועג און טאָן מעשׂים פאַר וועלכע ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך און טראָגט די פולע אַחריות. פון דער צווייטער זייט, צוליב זיין נאַטירלעכן איינגעבוירענעם אינסטינקט, ווערט ער געשטרויכלט, און אין זיין מענטשלעכער שוואַכקייט טוט ער אָפּ זאַכן קעגן זיין אייגענעם געוויסן. קומט תשובה און העלפט אים אַרויס. דאָס הייסט, ער רעווידירט זיינע מעשׂים, אָנערקענט די פּגימות און, דער עיקר, ער נעמט אויף זיך די פאַרפליכטונג מתקן צו זיין די באַגאַנגענע עוולות און זיי אויסצומיידן אין דער צוקונפט. נאָר דאַן ווען ער איז מאָראַליש גערייניקט און געלייטערט, ווערן אים פאַרגעבן זיינע פריערדיקע זינד. עס גיט אים אַ געלעגנהייט זיך צו באַנייען.

דאָס איז די גרונט־אידעע פון תשובה. און דער תשובה־אַקאָרד גייט דורך ווי אַ קווערשניט דורך די ימים נוראימדיקע תפילות.

*

ראש־השנה איז טאַקע אַ יום־טוב פאַרן יחיד, אָבער גלייכצייטיק אויך מער ווי פאַרן יחיד. אַוודאי איז דער יחיד מתפלל פאַר זיך, פאַר זיין אייגענער משפחה, און האָט אויך אין זינען זיינע פּערזענלעכע נויטן — „כּי מרובים צרכי עמך". אָבער מער ווי אַלץ דריקן אויס די תפילות דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. דער ייִד איז דורכגענומען מיט טיפער זאָרג פאַרן גורל פון כּלל ישׂראל, און אין אונדזער צייט ציטערט ער אַוודאי און אַוודאי אויך פאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פון דער באַנייטער מדינה, וואָס דורות ייִדן האָבן זי אויסגעחלומט, אויסגעוויינט און אויסגעקעמפט מיט שווייס און מיט בלוט. דער ציבור, דורכגענומען מיט אַ געפיל

פאַרן יידיש־היסטאָרישן טראַגיזם, איז מתפלל פאַרן וווילזיין פון גאַנצן פאָלק, "ובכן תן כבוד לעמך". די מערסטע תפילות זענען אַפילו רעדאַגירט אין מערצאָל און ווערן אויסגעדריקט קאָלעקטיוו („על חטא שחטאנו", „שמע קולנו", און אַנדערע).

ראש השנה איז אָבער אויך אַן אוניווערסאַלער יום־טוב. דער ייִד איז מתפלל נישט נאָר פאַר זיך, נישט נאָר פאַר זיין פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין דעם אינטימען מאָמענט ווען ער איז זיך מתיחד מיט גאָט טראָגט ער אַפילו נישט קיין שׂינאה פאַר די פעלקער וואָס האָבן אים געפּייניקט און אומגעבראַכט מיט אַלע מיתות משונות. ער דערהייבט זיך און איז מתפלל פאַר זיינע שׂונאים אויך. ער בעט גאָט נישט צו באַשטראָפן די רשעים, נאָר אָפּמעקן די רישעות פון דער וועלט. וואָרעם אויך פאַר די גויים גילט דער תשובה־מאָטיוו. „כי לא תחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכיו וחיה". דער ספר יונה דינט דאָ ווי אַ מוסר השׂכל, אַ ווונדערלעכע אַלגעמיינע אַלעגאָריע. דער ספר איז געוואָרן די מנחה־הפטורה אין דעם הייליקסטן טאָג, יום־כּיפּור. אַפילו די רישעותדיקע שטאָט נינוה קריגט אַ געלעגנהייט חוזר בתשובה צו זיין און אויסמיידן די שטראָף. „וינחם האלוהים על הרעה אשר דיבר לעשׂות להם ולא עשׂה. — האָט גאָט געזען זייערע מעשׂים, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער האָט גערעדט זיי צו טאָן, און ער האָט עס נישט געטאָן". (יונה ג׳ י).

דאָס איז דער כּוח פון חרטה און תשובה וואָס קען ברעכן דעם גזר־דין. „ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה".

פון דער צווייטער זייט אָבער רופן מיר אַרויס צום מישפּט דעם כּביכול אַליין. דאָס איז דער רעליגיעזער רעוואָלט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם ייִד. מעג דער ייִד ווי הכנעהדיק בעטן פאַר זיך, ווי אַ יחיד, זוכנדיק זכות אָבות געמשפּט צו ווערן לויט מידת

הרחמים („מה אני, מה חיינו ומה צדקותינו”), נאָר ווען עס קומט צום פֿאָלק, ווען ער רעדט אין נאַציאָנאַלע טערמינען, ווערט ער שטאָלץ און מאָנט האַפֿערדיק גערעכטיקייט פֿון גאָט אַליין. אַ באַווייז פֿאַר דעם, לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַריינגעמען אין די קריאות פֿאַר ראש־השנה דעם עקדת יצחק נאַראַטיוו און אויך „אלה אזכרה” — די מאַרטירער־עלעגיע פֿאַר די עשׂרה הרוגי מלכות. (מיר מעגן דאָ אויך צוגעבן די אינקוויזיציעס, אויטאָ־דאַ־פֿעס, קרעמאַטאָריעס און גאַזקאַמערן). דער פֿאַקט אַליין, וואָס די מסדרי המחזור האָבן עס איינגעשלאָסן אין די תּפֿילות איז אַ רמז פֿון אַ מרידה און אַן אַרויסרוף.

אַ מענטש מיט אַ שאַרפֿן אויער קען דאָ הערן דעם געוואַגטן זאָג פֿון אַברהמען: „השופט כּל הארץ לא יעשה מישפט?” פֿאַר־פֿאַראַזירט אין דעם באַרדיטשעווערס טענה כּלפּי מעלה, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זע וואָס דו האָסט געטאָן צו דיין פֿאָלק ישׂראל, וואָס איז זיך מקריב פֿאַר דיין נאָמען וועגן. מיר וועלן דיר מוחל זיין, אויב דו וועסט אונדז מוחל זיין, נאָר דאַן וועלן מיר זיך שטעלן צו כּל נדרי, נאָר דאַן וועלן מיר אָנערקענען דיין קעניגרייך (מלכיות), אויב דו, גאָט, וועסט געהייליקט זיין דורך **גערעכטיקייט**: „והאל הקדוש נקדש בצדקה”.

סוכות — אַ קראַנץ פון יום־טובים

פון די שלוש רגלים אין משך פון יאָר איז דער יום־טוב סוכות דער אייגנאַרטיקסטער און פאַרשיידנאַרטיקסטער אין אונדזער לוח, מיט גאָר אַן אייגענעם צערעמאָניאַל. אמת, עס איז אַ תורה־יום־טוב, ווי די אַנדערע צוויי, פסח און שבועות, דאָס הייסט, די תורה, דער חומש, זאָגט אונדז אָן צו פייערן די שלוש רגלים. אָבער סוכות האָט אַ ספּעציעלן אינהאַלט און אַן אייגענעם כאַראַקטער.

נאָך די שווערע ימים־נוראימדיקע טעג וואָס הייבן זיך אָן פּאַקטיש ראש חודש אלול מיט דעם ערשטן שופר־בלאָז; נאָך די ערשטע סליחות־נאַכט, וואָס פירט אונדז אַריין אין דער ימים־נוראימדיקער אַטמאָספער; נאָך דעם ערנסטן קלימאַקס פון ראש־השנה און יום־כיפור, ווען דער ייִד דערהייבט זיך צו הימלישקייט; נאָך די עשׂרת ימי תשובה, וואָס מאַכן דעם מענטשן גרעסער און העכער און הייבן אים אויף צום רבונו של עולם, קומט דאָן סוכות און ברענגט מיט זיך גאָר אַן אַנדער שטימונג און פירט אונדז אַריין אין אַן אַנדער גייסטיקער אַטמאָספער. אין סוכות ברענגט דער ייִד אַראָפּ די הימלישקייט אויף דער ערד און דערהייבט דאָס גשמיותדיקייט, דאָס ערדישע, צו רוחניותדיקייט. דאָס ווערט דער־גרייכט דורך שׂימחה, דורך אמתער זעלישער פרייד. ביי ייִדן איז הימל און ערד נישט צום צעטיילן, ביידע צוזאַמען דערגאַנצן זיך און שאַפן אַ האַרמאָניע: „שמעו שמים והאזינה ארץ".

דער מדרש דערציילט, אַז גלייך מוצאי יום־כיפור גייט אַרוים

אַ בת־קול און זאָגט: „לך אכול בשׂימחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כּבר רצה ה׳ מעשׂיך״ (עס דיין ברויט מיט פרייד און טרינק דיין וויין... (קוהלת ט—ז).

אַלע יום־טובים ברענגען פרייד, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט „יום־טוב״, סוכּות אָבער איז אָפּיציעל באַצייכנט געוואָרן ווי דער יום־טוב פון פרייד, ס׳איז אַ שׂימחה של מצווה.

דריי מאָל ווערט געזאָגט וועגן סוכּות דער אויסדרוק „שׂימחה״:

1. ושׂמחת בחגיך (דברים ט״ז יד);
2. והיית אך שׂמח (דברים ט״ז טו);
3. זמן שׂימחתנו (אין דער ליטורגיע).

די צוויי מער באַקאַנטע און פּאָפּולערע נעמען פון דעם יום־טוב זענען חג הסוכּות און חג האָסיף — דער יום־טוב פון איינזאַמלען: ער פאַלט אויס אין האַרבסט (תּשרי טו), שוין נאָך דעם שניט, די תּבואות פון די פעלדער זענען איינגעזאַמלט אין די שפּייכלערס, די גערעטעניש — אַ געבענטשטע, עס איז געווען אַ מזל־ברכה און דער ייִד מעג זיך דערלויבן צו זיין פריילעך און צופרידן.

דאָס לעבן פון יענער צייט אין ישׂראל איז געווען פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט, די ייִדן זענען געווען ערדאַרבעטער, פּויערים; זייער לעבנסטיל איז געווען באַאיינפלוסט און באַזירט אויף דער נאַטור, אָפּהענגיק פון אירע נאַטירלעכע עלעמענטן און אויסגעשטעלט אויף אירע קאַפּריזן; איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אַ יאָר פון שווערער אַרבעט אין פעלד, פון „בזעת אפּך תּאכל לחם״, אין קאַמף מיט די אָפט נישט פריינדלעכע עלעמענטן פון דער נאַטור — ווינטן, טריקענישן, פאַרפלייצונגען און אַזוי ווייטער — זאַמלט איין דער ייִד די פרוכט פון זיין פּראַצע און זעט גאָטס ברכה אין דעם. איז דאָס אַ גענוגנדיקע סיבה זיך צו פרייען און אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט דעם רבש״ע. די אַמעריקאַנער האָבן אונדז

נאָכגעטאָן, זיך געלערנט פון אונדז און באַשטימט דעם שיינעם טהענקסגיווינג־יום־טוב, טאַקע כּמעט אין דער זעלבער צייט פון יאָר, וואָס זיין מאָטיוו איז דאַנקבאַרקייט פאַר גאָטס גאָב. „ושמחת בחגיך" — און ווו עס איז דאָ אמתע פרייד איז דאָ קדושה.

איז דאָך דאַכט זיך גוט און פיין, קומט די תּורה און הייסט אים פאַרלאָזן זיין באַקוועמע דירה, זיין פּרעכטיקע היים מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און באַזעצן זיך אויף גאַנצע זיבן טעג, אָפט מאָל קילע, רעגנדיקע, האַרבסטיקע, אין אַביידל, אין אַ דירה אַרעית.

„כי בסוכּות הושבתי את בני ישׂראל".

וואָס אייגנטלעך מיינט עס?

דער מוסר השׂכל און דער אָנזאָג איז, אַז אַ מענטש טאָר נישט פאַרגעסן די שלעכטע צייטן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, אפילו דאַן ווען עס איז אים גוט און באַקוועם; נישט תּמיד איז דאָס אַזוי געווען: מען דאַרף געדענקען דעם ביטערן נעכטן, דעם גלות, און דעם גליקלעכן היינט. אַזוי נעמט מען אים אַרויס פון דעם היינט, פון דער קעגנוואַרט, און מען ברענגט אים צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין די היסטאָרישע צייטן, אין דעם נאַציאָנאַלן אַמאָל, מיט זיינע שטורמישע גורלדיקע איבערלעבעני־שן, ווייט, ווייט, ביז צו יציאת מצרים.

„למען תּזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", מע נעמט אים אַרויס פון זיין אינדיווידועלער געמיטלעכקייט, מע ברייטערט אויס די ראַם פון זיין עגאָיִסטישן לעבן און בירגערלע־כער איינגעזעסנקייט, און מע פירט אים אַריין אין דער סוכּה, דערמאָנענדיק אים: דו ביסט אַ ייִד, דו האָסט אויך דיין היסטאָ־רישן לעבן מיט אַן עמאָציאָנעלן זכרון, וואָס מיינט אחריות פאַרן גאַנצן פאָלק. יציאת מצרים איז דער יסוד אויף וועלכן די ייִדישע געשיכטע שפּאַרט זיך אָן.

סוכּות האָט מער ווי יעדער אַנדער יום־טוב אַ סימבאָליק, וואָס איז פּילפּאַרביק, אָריגינעל און דערהויבן, אַ צוזאַמענשפּיל פון פאַרשיידענע אַלעגאָרישע עלעמענטן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, נאַציאָנאַלע און אינדיווידועלע (יחידישע), ווי הימלישקייט און ערדישקייט שפּאַנען צוזאַמען; סוכּות האָט אַ שלל מיט געדאַנקען, פּירושים און דרושים, אויסטייטשונגען און איינטייטשונגען — „שבעים פּנים לתורה".

די תּפילה פאַרן רעגן, וואָס מען הייבט אָן צו זאָגן סוכּות־צייט (שמיני עצרת) — „משיב הרוח ומוריד הגשם", איז מרמז, אַז דער ייִד דאַרף האָבן ביידע, דעם רוח — רוחניות, און דעם גשם — גשמיות.

די סוכּה אַליין, די דירה אַרעית, אַ צייטווייליקע, אַ וואַקלדי־קע, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך אָן אַ פעסטן פונדאַמענט, איז אויסגעשטעלט אויף אַלע שטורעמס. יעדער איינער קען זי אומ־וואַרפן. אָן אַ דאַך, באַדעקט מיט סכך, וואָס לאָזט קוים דורך אַ ביסל זונליכט: לויטן דין דאַרף זי זיין „צלתא מרובה מחמתה" — מער שאָטן ווי ליכט. דאָס אַליין איז אַן אָנווונק אויפן מענטשנס לעבן וואָס האָט ליכט און שאָטן, ליידער מער שאָטן ווי פריידיקע מאָמענטן. דער חומש זאָגט (בראשית ו׳ ה): „רבה רעת האדם" — „שלעכטס איז דאָ אַ קוואַל; גוטס — נאָר אַ שטראַל" (י. וויניצקי). דאָס אַליין איז אפשר אויך אַ מוסר־השכּל: פאַר וואָס האָט גאָט באַשאַפן דאָס שלעכטס? כּדי צו קענען אָפּשאַצן דאָס גוטע.

די סוכּה — זאָגט דער מדרש — סימבאָליזירט אונדזער אומה. קוקט אָן און שטוינט! אָט דאָס שוואַכע סוכּהלע האָט איבערגע־לעבט מעכטיקע אימפּעריעס, רוימישע גראַניטענע פּאַלאַצן, גריי־כישע מאַרמאָרנע טעמפּלען; פון זיי זענען פאַרבליבן רויִנען, און דאָס סוכּהלע אָטעמט מיט אייביקייט, מיט טיפן גלויבן אין נצח ישׂראל. אַזוי לערנט זי דעם ייִד איבערצולעבן אַלע גורלדיקע פּאַסי־

רונגען פון זיין פאָלק, זיך צו אידענטיפיצירן מיט זיי און ממשיך צו זיין ווייטער.

דער ייִד פייערט נישט קיין יום־טוב, ער לעבט אים איבער, ווי אין דער הגדה שטייט: „חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים".

דאָס אתרוג־בענטשן איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון דער תורה פּאַראַלעל מיט „בסוכּות תשבו"; און ביידע צוזאַמען זענען אַ צענטראַלע טעמע פאַר סוכּות.

ייִדן האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון דער מצווה. זיי פלעגן זיך אָפט מוסר נפש זיין און אויסגעבן דעם לעצטן גראָשן צו קויפן אַ שיינעם אתרוג. ס'איז פאַראַן אַ סך לעגענדאַרע מעשׂיות וועגן דעם.

דער ווילנער גאון איז געווען גרייט אָפּצוקויגעבן זיין עולם־הבא פאַר אַ שיינעם אתרוג, כּדי צו ווייזן, אַז ער האַלט פון דער מצווה לא על מנת לקבל פּרס.

דאָס אתרוג־בענטשן איז איבער די פיר מינים — דער אתרוג, דער לולב, דער הדס און די ערבה.

„ולקחתם לכם ביום ראשון פּרי עץ הדר" (ויקרא כג מ).

דער מדרש פאַרגלייכט די פיר מינים צו די פיר מינים ייִדן, וואָס יעדער איינער האָט זיין אייגנאַרטיקן, כאַראַקטעריסטישן שטריך:

דער אתרוג, וואָס האָט אַ גוטן טעם און אַ גוטן ריח, איז דער לערנער, וואָס האָט גלייכצייטיק אויך מעשׂים טובים.

דער לולב האָט אַ גוטן טעם, אָבער ער האָט נישט קיין ריח — טאַקע אַ ייִד אַ למדן, אָבער איילט זיך נישט צו טאָן מעשׂים טובים.

דער הדס, פאַרקערט, האָט אַ גוטן ריח, אָבער נישט קיין טעם. דער ייִד, פאַרגליכן צו אים, טוט טאַקע גוטע מעשׂים, אָבער אין

לערנען איז ער נישט אַזוי באַהאַוונט, אַ ביסל שטומפּיק אויף „עברי".

די ערבה האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח — דער סימבאָל פון אַזאַ ייִד, וואָס נישט ער קען לערנען און נישט ער טוט מעשׂים טובים.

אָבער „ויעשׂו כּולם אגודה אחת" — מען מאַכט איין ברכה אויף אַלע פיר מינים צוזאַמען און אַלע צוזאַמען שאַפן דעם ציבור, איין טיפֿ דערגאַנצט דעם אַנדערן, די מעלות פון די איינע מישן זיך אויס מיט די חסרונות פון די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען שאַפן דאָס ייִדישע פֿאָלק.

כּדי מקיים צו זיין ריכטיק די מצווה, מוזן אַלע פיר מינים זיין צוזאַמען פאַרבונדן. דאָס לערנט אונדז די מצווה פון ארבעה מינים — לויט דער מכילתא. עס דריקט אויס אחדות און ווייזט אָן אויפן כּוח פון חבורה, און דער „פרי הדר" באַציט זיך אויפן איגוד מער ווי אויפן אתרוג. ציבור באַשטייט פון די דריי קאָנסאָנאַנטן, וואָס זענען מרמז אויף צדיקים, בינונים און רשעים. אַלע צוזאַמען איז כּלל ישׂראל.

ווען מע בענטשט אתרוג, האַלט מען דעם אתרוג אין איין האַנט (דער לינקער) און די איבעריקע דריי אין דער אַנדערער. קומט אויס, אַז דער אתרוג איז אַ ביסל אָפּגערוקט, אַ ביסל דער־ווייטערט. פרעגט זיך אַ פראַגע: מע זאָגט „בענטשן אתרוג", אָבער די ברכה גייט „על נטילת לולב", דאָס ווערט אויסגעטייטשט פיגוראַטיוו, ווי אַ שטראָף פאַרן אתרוג, וואָס פירט זיך ווי אַ מיוחס, אַ גרויסהאַלטער, שטאָלץ, און ביי ייִדן איז גאווה פאַררעכנט פאַר נישט קיין שיינער מידה.

אַנדערע ווילן זען אין די פיר מינים דעם סימבאָל פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון דעם מענטשלעכן קערפּער און זייערע פונקציעס (ויקרא רבה ל' יג). דער אתרוג קוקט אויס ווי דאָס

הארץ — לב טוב שטייט העכער פון אלץ. (זע אָבות פרק שני — יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים).

דער לולב סימבאָליזירט דעם רוקנביין — עס מיינט: ייִד! זיי שטאָלץ, בייג זיך נישט פאַר קיין טיראַן, דו ביסט דער טרעגער פון דעם פרייהייט־געדאַנק — „ומרדכי לא כרע ולא השתחוה" (מגילת אסתר).

דער הדס מיט זיינע בלעטעלעך איז פיגוראַטיוו מרמז אויף דעם מענטשנס אויג. רבי אליעזר בן הורקנוס האַלט, אַז אַ גוט אויג פירט דעם מענטשן אין אַ גוטן וועג. פון דער צווייטער זייט מיינט עס, אַז מען דאַרף שטענדיק געדענקען אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט אַלץ וואָס דו טוסט, אַלץ ווערט פאַרצייכנט און דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן חשבון פאַר דיינע מעשׂים. „עין רואה".

די ערבה קוקט אויס ווי די ליפּ, דעם מענטשנס מויל. דאָס מיינט, גיב אַכטונג אויף דיינע רייד — „מוצא שפתיך תשמור"; „מדבר שקר תרחק"; (שמות כ"ג). אָדער: „נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה" — היט דיין צונג פון באַטראָג, היט דיינע ליפּן פון זאָגן ליגן; היט זיך פון רכילות און לשון הרע, וואָס קען ברענגען אַ מענטשן אויפן פייער און אים אומברענגען. (דער חפץ־חיים).

סוכות איז אויך אַ יום־טוב וואָס באַטאָנט גאַסטפריינדלעכ־קייט, מע גייט באַזוכן פריינד אין דער סוכה און אַריינכאַפּן אַ קידוש מיט אַ ברכה, „לישב בסוכה". הכנסת אורחים איז פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער מידה ביי ייִדן, וואָס מיר לערנען פון אַברהם אָבינו.

אָבער סוכות פאַרבעט מען אויך היסטאָרישע געסט פון דעם אַלטן עבר, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די אַמאָליקע נאַציאָנאַלע העלדן אונדזערע.

דער ייִד פֿאַרבעט צו זיך אין סוכּה אַרײַן די גדולי האומה און גיט זיי אָפּ אַ ספּעציעלן כּבֿוד. ס׳איז נישט קיין לײַכטע זאַך צו מאַכן דעם אָפּקלײַב, ווײַל אונדזער געשיכטע איז רײַך מיט נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן. ער לאַדט אײַן די זיבן העלדן וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף אונדזער געשיכטע און אָנגעמערקט דעם וועג אויף אונדזער היסטאָרישן גאַנג. דער זוהר רופֿט זיי אָן די זיבן אושפּיזין — אורחים, וואָס באַשײַנען אונדזער סוכּה און אונדזער שׂימחה — יעדן טאָג אַן אַנדער גאַסט.

דער בעל־הבית, דער מכניס־אורח, מאַכט אים דעם אמתן „ברוך הבא" מיט אַ ספּעציעלער ברכה, באַזעצט אים אויבן־אָן, כאַפּט מיט אים אַ שמועס וועגן זײַן ייִחוס, זײַן בײַטראָג, און האָט נאָך אַ מאָל אַ געלעגנהייט איבערצולעבן די פֿאַרגאַנגענהייט, זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפֿט און ער פֿילט זיך דערהויבן צו זײַן אין דער מחיצה פֿון די אָבֿות; מען פֿילט אַז די שכינה רוט אין דער סוכּה.

די זיבן אורפֿאָטערס, וואָס האָבן זוכה געווען אַרײַנגערעכנט ווערן אין די אושפּיזין זײַנען: די דרײַ אָבֿות — אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, יוסף הצדיק, משה רבינו, אַהרן הכּהן און דוד המלך.

סוכּות איז אײגנטלעך נישט קיין אײנצלנער יום־טובֿ, ער איז גיכער אַ צונויפֿגעשטעלטער פֿון עטלעכע פֿייערונגען, אַ מין קראַנץ פֿון יום־טובֿים, פֿון זיבן טעג — „בסוכּות תּשבֿו שבֿעת ימים". דער זיבעטער טאָג רופֿט זיך הושענא־רבה. דער ייִדישער פֿאָלקלאָר וויל האָבן, אַז דער הימל שפּאַלט זיך דאַן, מען זאָגט תּיקון אין ליל הושענא־רבה. דאַן ווערט דערהויבן די ערבֿה, אָט אַ די וואָס סימבאָליזירט דווקא דעם נידעריקסטן טיפּ ייִד, ווי מיר האָבן פֿריִער געזען. הושענא־רבה ווערט אָנגערופֿן אַפֿילו מיטן נאָמען „יום חיבוט ערבֿה", ווען מען שלאָגט הושענות; הושענא־רבה איז אַ מין דערגאַנצונג צו די ימים־נוראָימדיקע טעג, פֿון

ראש־השנה און יום־כּיפּור, ווען דער יחיד און דער כּלל ווערן געמישפּט. הושענא־רבה ווערן צעשיקט די צעטלעך מיטן פּסק־דין. פון דאַנען דער ווונטש: „האָט אַ גוטן צעטל", אין העברעיִש — גמר טוב. דער אַכטער טאָג איז פאַר זיך אַליין אַ יום־טוב, אַ באַזונדערער, וואָס הייסט שמיני־עצרת.

די תּורה (ויקרא כ"ג, אויך במדבר כ"ט) זאָגט אונדז אָן: „ביום השמיני עצרת תהיה לכם", איר זאָלט מאַכן אַ פאַרזאַמלונג פון פאָלק, מיטן טראָפּ אויף **לכם**, פאַר זיך אַליין.

דער מדרש תנחומא (פּנחס) דערקלערט עס בערך אויף אַזאַ אופן: סוכּות פלעגט מען מקריב זיין זיבעציק קרבנות פאַרן וווילזיין פון די זיבעציק אומות העולם. דאָס ווייזט די אוניווערסאַל־קייט פון דעם יום־טוב און די זאָרג פון דעם ייִדישן פאָלק פאַרן גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. ראש־השנה איז בכלל אוניווערסאַל, מע פייערט דעם געבוירן־טאָג פון דער וועלט און די באַשאַפונג פון דעם מענטשן בכלל. ייִדן זענען מתפּלל נישט נאָר פאַר זיך און פאַרן אייגענעם פאָלק, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט; מיטן זעלבן אָטעמצוג וואָס מיר בעטן פאַר זיך, פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער גאולה, בעטן מיר אויך פאַר דער גאולה פון אַלע איינוווינער פון דער וועלט. גענוג בלויז אַ קוק צו טאָן אין די תּפילות: „מלוך על כל העולם כּולו בכבודך... והופיע בהדר גאון עוזך על כל יושבי תבל אַרצך — גאָט, דערשיין מיט דיין גאַנצער פּראַכט אויף אַלע מענטשן פון דער וועלט"... — האָבן דאָך די גויים געדאַרפט אונדז ליב האָבן און טראָגן אויף די הענט? אָבער ניין, „תחת אהבתי ישטנוני" (תהילים ק"ט). זיי האָבן אונדז פיינט און קענען אונדז נישט פאַרדייען. דאָס פאַרדריסט שוין דעם רבש"ע און ער זאָגט: „עצרת תהיה **לכם**". גענוג, גיט שוין נישט אַוועק אַזוי פיל כּוחות פאַר פרעמדע און ווי ישעיה דריקט זיך אויס (ס"ה): „לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאכל", גענוג

שוין הײמען פֿאַר פֿרעמדע געבוײט און געגוג שוין פֿאַר פֿרעמדע געפֿלאַנצט, האָט שוין זיך אין זינען.

אין שמיני־עצרת פֿלעגט אַמאָליקע צייטן פֿאָרקומען אויך די שׂימחה פֿון גיסן וואַסער אויפֿן מזבח ווי אַ קרבן. דערפֿאַר פֿלעגט מען אים אויך אָנרופֿן שׂימחת בית השואבה. דער מינהג איז זייער אַן אַלטער. ער ווערט דערמאָנט אין שמואל א ז ו׳ און אין שמואל ב כ״ג, ווען שמואל הנביא און דוד המלך האָבן געגאָסן וואַסער אויפֿן מזבח — „וישאבו מים וישפּכו״. נאָר ביי עזרא הסופר האָט עס אָנגענומען די פֿאָרעם פֿון אַ פֿאָלק־יום־טוב וואָס איז געפֿייערט געוואָרן מיט דער באַטייליקונג פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק מיט אַ סך ענטוזיאַזם, מיט אַ פּראָצעסיע פֿון געזאַנג און טענץ. „מי שלא ראה שׂימחת בית השואבה לא ראה שׂימחה מעולם״ (תּלמוד).

דער נביא ישעיה (י״ב ג) זינגט וועגן דעם:

„ושאבתם מים בשׂשׂון ממעיני הישועה״ — מיט פֿרייד שעפּט וואַסער און טרינקט פֿון די קוואַלן פֿון גליק.

*

דער ניינטער טאָג פֿון דעם יום־טוב קראַנץ, פֿון סוכּות, אין די תּפֿוצות, דער אַכטער טאָג אין ישׂראל, איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ טאָג פֿון ספּעציעלער פֿרייד. דאָס איז דער טאָג ווען מע ענדיקט לייענען די תּורה. די לעצטע סדרה „וזאת הברכה״.

די תּורה איז איינגעטיילט אין 52 סדרות — די צאָל פֿון וואָכן אין יאָר. יעדע וואָך לייענט מען איין סדרה, און דער ציקל, דער מחזור, פֿאַרענדיקט זיך אין שׂימחת־תּורה. דאָס איז אַ גייסטיקער יום־טוב. אַז מען ענדיקט אַ ספֿר, מאַכט מען אַ סיום, דערפֿאַר האָט דער יום־טוב אַ מאָל געהייסן יום הספֿר, יום הסיום. מיט יעדן סוף הייבט זיך אָן אַ נייער אָנהייב, מע ענדיקט די תּורה און מע הייבט אָן ווידער פֿון אָנהייב, פֿון בראשית, אָן אַן איבער־רייס.

שׂימחת־תּורה — דער פרייליכער, ספּאָנטאַנער יום־טוב איז רעלאַטיוו אַ יונגער יום־טוב; ער ווערט נישט דערמאָנט נישט אין חומש און נישט אין די נביאים, און אַפילו אין דער גמרא געפינט מען נישט קיין רמז וועגן דעם מערקווערדיקן יום־טוב. ער איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער תּקופה פון די גאונים.

ס'איז אַ יום־טוב וואָס איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דווקא אין גלות, אין בבל, און האָט זיך אָנגענומען ביי אַלע ייִדן אין זייער צעשפּרייטקייט און אויך אין ארץ־ישׂראל. שׂימחת־תּורה האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַן אמתן פאָלק־יום־טוב, האַרציק, פּשוט, וואָס האָט פאַר אַלע דורות אַריינגעבראַכט חיוּת, לעבנזאַפט אין די הערצער פון די ייִדן, עכטע פרייד אין זייערע לעבן־באַדינגונגען און געהאָלפן פאַרטרייבן דעם ייִאוש פון זייער געמיט, אָנפילנדיק דאָס האַרץ מיט בטחון און האָפענונג פאַר בעסערע טעג.

עס איז נישט צו באַגרייפן די מיסטעריע און דעם אינערלעכן צויבער וואָס די תּורה האָט פאַר די ייִדן. נישט נאָר פאַר די, וואָס לערנען און גיבן זיך אָפּ מיט איר אַ גאַנץ יאָר, נאָר אַפילו דער־ווייטערטע, וואָס אַ גאַנץ יאָר עפענען זיי נישט קיין ספר, זענען פאַריאָגט און פאַרפלאָגט מיט דאגות פּרנסה — קומט שׂימחת־תּורה, באַהעפטן זיי זיך מיט די לומדים און תּלמידי חכמים, עס ווערט אָפּגעווישט די מחיצה — מיוחסים, למדנים, פּראָסטע ייִדן, יונג און אַלט, בחורים און זקנים, מענער און פרויען — אַלע צוזאַמען, פאַראייניקט און פאַרברידערט, האַנט אויף אַקסל, פלעכטן זיך אַריין און לאָזן זיך אַוועק אין אַ באַגייסטערטן, התלהבות־דיקן טאַנץ. מיט די ספרי־תּורה אין די הענט גייט מען צו הקפות און מע זינגט „שׂישׂו ושׂימחו בשׂימחת תּורה".

שׂימחת־תּורה — די שׂימחה פון דער תּורה. האָט אַ מאָל אַ רבי (יאָשע דער בריסקער) געזאָגט, אַז די תּורה אַליין פרייט זיך

מיט אירע ייִדן, ס׳איז אַ קעגנזײַטיקע שׂימחה פֿון בײדע צדדים, און נאָר װען בײדע מחותּנים זענען צופֿרידן, קען זײַן אַן אמתע, עכטע שׂימחה.

שׂימחת־תּורה איז אַ ספּעציעלער יום־טובֿ פֿאַרן ייִדישן קינד. די קלײנינקע קינדערלעך, די תּינוקות של בית רבן, אַפֿילו אַזעלכע װאָס קענען נאָך נישט קײן אַלף־בית, אױך זײ װערן אױפֿגערופֿן צו דער תּורה און קריגן אַ קאָלעקטיװע עליה „עם כּל הנערים״.

דער יום־טובֿ סוכּות, מיט זײַן צערעמאָניאַל און דראַמאַטיק, מיט זײַן ראָמאַנטיק און סימבאָליזם, קוקט אױס װי אַ דראַמע, אױסגעשפּילט אין אַ טעאַטער. די בינע שטעלט פֿאָר אָט דאָס װאַקלדיקע בײדל מיט די דורכזיכטיקע װענט, צוזאַמענגעקלעפּט פֿון דינע ברעטלעך, כּאַטיש, אױסגעפּוצט מיט בילדער פֿון דעם װײַטן אַ מאָל, האַלב אָפֿן, אַז יעדער פֿרעמדער זאָל קענען אַרײַנקומען, אָן אַ דאַך, האַלב־באַלױכטן דורך די שטערן װאָס שפּאַרן זיך דורך די טרוקענע, אָפּגעהאַקטע צװײַגן, דעם סכך, אָבער װאָס לאָזן נישט דורך קײן זונשטראַלן; אין דעם בײדל װױנט אַ סוכּה־פֿאָלק. די אַקטיאָרן, װאָס דרײען זיך אַרום, זענען די פֿיר טיפּן ייִדן, זײ שפּילן דאָס די דראַמע, יעדער אײנער — זײַן ראָל, נאָר יעדער האַלט־אױף אַ זײל פֿון דער סוכּה, װי דער גריכישמיטאָלאָגישער אַטלאַס, װאָס טראָגט אױף זײַנע אַקסלען דעם גאַנצן אוניװוערס.

אַרבעטן זײ צוזאַמען, אין אחדות, און לעבן בשלום. ברענגען זײערע באַװעגונגען די נענועים, אַ שפֿע פֿון ברכות, און דאָס שװאַכינקע סוכּהלע, װאָס שטײט, דוכט זיך, אױף הינערשע פֿיסלעך, האַלט אױס ציקלאָנען, קאַטאַקליזמען און ערד־ציטערנישן, און קײן שׂונא קען זי נישט אומװאַרפֿן; און די סוכּה װערט דער סימבאָל פֿון ענני כּבֿוד, װי רש״י זאָגט, װאָס באַשיצן זי פֿון אױסנװײניק און פֿון אינעװײניק.

ווייל אָבער יעדער איינער מאַכן אַ סוכּה פאַר זיך, מאַכן שבת פאַר זיך, פאַרלירט די סוכּה איר גלייכגעוויכט און אַט־אַט — דאָס סוכּהלע פאַלט צו דער ערד. קומען מיר צו דער מסקנה פון סוכּת שלום אַז אויף שלום שטייט די וועלט.

דער יום־טוב סוכּות, זמן שׂמחתנו, הייבט זיך אָן מיט דער מאַטעריעלער פרייד פון חג האָסיף און ענדיקט זיך מיט דעם גרויסן טאָג פון שׂימחת־תורה.

בראשית אין מיטן

דער תּנך איז אַן עטיש-פילאָסאָפיש-רעליגיעזער טראַקטאַט, וואָס שפּיגלט אָפּ די ייִדישע וועלט-אַנשויונג פונעם אָנהייב פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ביז די העכסטע סאָציאַלע אידעען פון אונדזערע נביאים, וואָס דרייען זיך אַרום איין אַקס: גערעכטיקייט און רחמנות.

דער ספר-הספרים אונדזערער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס חשיבות ביי אַלע אומות העולם, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן און אַלע דיאַלעקטן און פאַרהייליקט געוואָרן. ליידער, גאַנץ אָפט, איז ער צו ווייניק אָפּגעשאַצט ביי אונדז ייִדן אַליין.

לויט דער ייִדישער טראַדיציע לערנט מען און מען לייענט די סדרות פון תּורה יעדן שבת, דורכן גאַנצן יאָר, יאָר איין יאָר אויס. מען הייבט אָן פון בראשית, פון אָנהייב אָדער פון מיטן, אָן אַן איבעררייס, ביז מיר ענדיקן מיט דער לעצטער סידרה אין דברים און הייבן גלייך אָן איבער-אַ-נייס פון בראשית.

דאָס הייסט, מיר קומען פון סיום גלייך צו דער התחלה, פון סוף ווידער צום אָנהייב, ווי עס גייט אָן דער ציקל פון דורות.

דוכט זיך, די צייטן עלטערן זיך, בייטן זיך, אָבער דער בראשית, ווי דער גאַנצער ספר-הספרים אונדזער, איז אייביק. ער בלייבט פריש, לעבעדיק, שפּרודלדיק און אייביק ניי — „הפך בו והפך בו, דכולא בו".

דער באַרימטער פראַנצייזישער היסטאָריקער און שרייבער, ערנעסט רענאַן, (1892—1823), וואָס איז געווען זייער ווייט פון זיין אַן אוהב ישׂראל, האָט געזאָגט: „ווען יידן וואָלטן געגעבן דער וועלט נישט מער ווי דעם ערשטן פּאַראַגראַף, די ערשטע פּסוקים פון דער פּרשה בראשית, וואָלטן זיי מיט דעם אַליין זיך פאַרזיכערט זייער אַ פאַרדינסטפולן און גערעכטן פּלאַץ לעבן דער מיזרח־וואַנט פון דער מענטשלעכער קולטור".

די תורה הייבט זיך אָן מיט דער מיסטעריע פונעם וועלט־באַשאַף. „בראשית ברא ה' את השמים ואת הארץ" — מיט די ווערטער הייבט אָן דער חומש די געשיכטע פון דער באַשאַפונג פונעם אוניווערס און מיט דעם בצימצומדיקן, קורצן אויסדרוק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די מאַיעסטעטישע פּאַנאָראַמע פון דעם באַשאַפענעם קאָסמאָס, אָנגעפילט מיט לעבן.

דער מעשׂה־בראשית־אַקט, ווי אָנגעוויזן אין אָנהייב, איז דער יסוד פונעם יידיש־פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם. מיר נעמען אָן ווי אַן אַקסיאָמע, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם אוניווערס און אַלץ וואָס געפינט זיך אין אים. מיר נעמען אָן גאָט ווי אַן אַבסאָלוט, וואָס דאַרף באַגריפן ווערן דורך זיך גופא, איינציק אין זיין מין, דאָס הייסט, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן און וואָס עקסיס־טירט אומאָפּהענגיק פון יעדער אַנדערער עקסיסטענץ, און אויסער וועלכע עס איז באַדינגונגען; ער געפינט זיך איבער צייט און איבער רוים, איבער אַלץ און איבער אַלעמען.

דאָס איז דער מאָנאָטעיִזם, אחדות השם, וואָס ווערט אויס־געדריקט אין די צען געבאָט, אין צוויי ערשטע דיברות, וואָס איז דער גרונט־יסוד פון אונדזער רעליגיע („אנכי" און „לא יהיה לך").

מיר נעמען אויך אָן אַקסיאָמאַטיש, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט ווי אַ „יש מאַיִן" (פון גאָרנישט — עפּעס).

מיר גייען נישט אַריין ווייטער זיך צו גריבלען, אויסצוגעפי־

גען פון וואַנען האָט גאָט זיך גענומען, וואָס איז געווען פריִער און פון וואָס האָט ער דאָס אַלץ באַשאַפן. דאָס וועלן דערגיין די סודות פון פאַרן וועלט־באַשאַף, און דעם מהות, די וועזנטלעכקייט פונעם באַשאַפער, איז אַן אומזיסטע טרחה.

אמת, אַרום דער דאָזיקער פראַגע זענען געפירט געוואָרן הייסע ויכּוחים אינעם מיטל־עלטער דורך די אַזוי גערופענע רעלי־גיעזע פילאָסאָפן און וויסנשאַפטלערס, אָבער זיי אַלע, די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דערגיין אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן וועגן דער מיסטעריע פון גאָט, וועלט און מענטש, זענען גאָרנישט דערגאַנגען. דוכט זיך, אָט־אָט און זיי האַלטן שוין ביים פּונקט, וואָס וועט אויפקלערן דעם סוד, דאָס פאַרבאָרגענע, נאָר מיט איין שריט ווייטער זעען זיי אַז עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, אַ נעכטיקער טאָג, זיי שטייען אַפילו נישט ביים אָנהייב פון דער לייזונג.

די גריכישע פילאָסאָפן זענען אַרויס קעגן דעם יִדישן באַנעם און האָבן געהאַלטן, אַז עס קען נישט זיין אַ „יש מאין" — פון גאָרנישט זאָל עפּעס ווערן, „Ex nihilo nihil fit"; לויט זיי האָט געמוזט פריִער זיין עפּעס אַ רוישטאָף. וועט איר פרעגן מיט זיי, ווער האָט באַשאַפן די „מאַטעריאַ פּרימאַ", וואָס איז גענוצט געוואָרן צו דעם וועלט־באַשאַף, און איר וועט בלייבן שטיין ביי דער זעלבער בלינדער וואַנט, אָן אַן ענטפער. ס'איז אַן ענין וואָס איז ווייט פונעם מענטשלעכן באַגריף; די אַלע הויך־פילאָסאָפישע חקירות ברענגען נישט קיין נוצן, נישט צו מער וויסן און נישט צו מער גליק, ווייל מיר וועלן במילא נישט צוקומען צו קיין ענטפער.

קומט דאָ די אַגדה און דערקלערט אויף איר אופן פאַר וואָס „בראשית" הייבט זיך אָן מיטן אות „ב".

אַזוי ווי דער ב' איז פאַרמאַכט פון דריי זייטן און איז אָפן בלויז פון איין זייט, פון פאָרנט, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך נישט

חקירען און נישטערן כּדי אויסצוגעפינען וואָס עס איז פאַרגעקומען פריִער פאַר דעם וועלט־באַשאַף; אויך דאַרף ער נישט פאַרלירן קיין צייט און קיין ענערגיע און גריבלען זיך, וואָס עס טוט זיך אין דער הייך, איבער די הימלען, אָדער אונטן, אין דעם טיפן אָפּגרונט אונטער דער ערד; דער מענטש האָט נאָר איין רעכט און אָפּילו אַ חוב — צו פאָרשן פון דער צייט, וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

„בב׳ נברא העולם, מה ב׳ סתום מכל צדדיו ופתוח מצד אחד, כך אין לך רשות לדרוש מה למעלה ומה למטה ומה לפנים, אלא מיום שנברא העולם ולהבא״ (ירושלמי, חגיגה פ־ך).

פון דעם טאָג וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און ווייטער דאַרף מען יאָ פאָרשן און אויסנוצן אַלע דערפינדונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער צוקונפט, כּדי צו אַנטוויקלען און פאַרבעסערן די וועלט, שאַפן בעסערע מעגלעכקייטן פאַר דער עקסיסטענץ פון דעם מענטשלעכן מין אויף דער וועלט.

ר׳ לוי בערדיטשעווער פלעגט זאָגן, אַז די תורה הייבט זיך אָן מיט אַ ב׳, ווייל מיט אַלע אונדזערע גרויסע חכמות און איבערשפּיציקייט זענען מיר נאָך צום א׳ נישט דערגאַנגען, דאָס הייסט, דער מענטש, מיט זיין שׂכל און מיט אַלע זיינע פילאָסאָפיעס און חקירות, האָט נאָך נישט דערגרייכט צום סאַמע אָנהייב פון דער בריאה.

מיר זענען טאַקע נישט פעיִק און קענען קיין מאָל נישט פאַרשטיין לגמרי דעם באַשאַפער, אָבער דאָך זענען מיר מסוגל צו באַקומען אַ שטיקל אָנונג וועגן אים דורכן באַטראַכטן פון זיין ווערק, זיינע מעשׂים און באַגרייפן אַ טייל פון זיינע כּוונות.

דער רמב״ם אין תּורת האלהות, דאָס הייסט אין זיין גאָט־קאָנצעפּציע, דערקלערט אויך, אַז גאָט איז אומבאַגרייפלעך און דעם מענטשנס השׂגה איז צו קליין אים משׂיג צו זיין; ער קען נישט

געמאַסטן ווערן לויט די מענטשלעכע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, ווייל ער איז לויטער גייסט, שלילת הגשמיות אָן שום קערפּערלעכ־קייט. די אַלע אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן וועגן גאָט אין דער תּורה זענען, לויטן רמב״ם, אַלעגאָריעס, אָדער פיגוראַטיווע אויס־דרוקן. „דיברה תּורה בלשון בני אדם״, כּדי דער מענטש זאָל עס פאַרשטיין. אַזוי האָט ער עס אויך זיך אויסגעדריקט אין די דרייצן עיקרים, וואָס אַ פרומער ייִד דעקלאַרירט יעדן טאָג און זאָגט, אַז מיר קענען וויסן וואָס גאָט איז **נישט** — „איננו גוף ולא ישׂיגוהו משׂיגי הגוף״. ער האָט אָבער איינגעשטעלט ווי אַן אַבסאָלוטע אַקסיאָמע, אַ גרונט־אמת, די פאַראַנענקייט פון גאָט, מציאות הבורא, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין זיינע מעשׂים. „השמים מספּרים כּבוד אל״, זאָגט דער תּהילים (י״ט ב) — די הימלען דערציילן גאָטס כּבוד.

די אַגדה דערציילט וועגן אַן אַפּיקורס, וואָס איז געקומען צו ר׳ עקיבאַן און געפרעגט, ווער עס האָט באַשאַפן די וועלט. ר׳ עקיבא האָט אים געזאָגט: דער רבונו של עולם. ניין, איך גלייב דיר נישט, ווייז מיר אויף, אַז עס איז אַזוי, זאָגט דער אַפּיקורס. האָט אים ר׳ עקיבא אַ פרעג געטאָן, זאָג מיר נאָר, ווער האָט געמאַכט דעם שיינעם בגד וואָס דו טראָגסט? דער מאַן האָט פאַרחידושט געענטפערט: ווייסטו דען נישט אַז אַ שניידער האָט עס געמאַכט? ווי אַנדערש קען איך דיר עס דערקלערן? האָט אים דער תּנא געענטפערט: ווי אַנדערש קען איך דיר דערקלערן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט? אַזוי ווי דאָס הויז זאָגט עדות אויף דעם בויער, די טיר אויפן סטאָלער, דיין בגד אויפן שניידער, אַזוי זאָגט די וועלט עדות אויף איר באַשאַפער, דעם רבונו של עולם.

מיט דעם גלויבן טרעטן מיר אַריין אין אונדזער תּורה. דער איין־איינציקער, מאָנאָטעיִסטישער, אומבאַגרענעצטער באַשאַפער

האָט באַשאַפֿן די וועלט מיט אַ סיסטעם, פּלאַנמעסיק, לויט אַ פֿאָרויסצוגעגרייטער צייכענונג, מיט אַ סקיצע — די תּורה, ווי עס ווערט געזאָגט: „הסתּכּל באוריתא וברא עלמא" — ער האָט אַריינגעקוקט אין דער תּורה און באַשאַפֿן די וועלט. נישטאָ קיין הפקר, קיין אומאָרדענונג, אַלץ גייט לויט אַ סדר, האַרמאָניש, געזעצמעסיק, ווי מיר זעען אין די מעריב־תּפֿילות: „בורא יום ולילה, גולל אור מפּני חושך וחושך מפּני אור"...

און באַשאַפֿן האָט גאָט אַלץ מיט זיין באַפֿעל, מיט זיין ווילן, מיט זיין „ויאמר". ער האָט געוואָלט און עס איז געוואָרן. „ויאמר יהי אור... ויהי אור". אַ פּריידיקע בשׂורה איז אָנגעזאָגט געוואָרן, עס איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקלעך. דאָס איז די ערשטע מתּנה וואָס גאָט האָט געשענקט דער וועלט.

די חז"ל זאָגן, אַז די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן מיט צען ווערטער — „בעשׂרה מאמרים". „בדברי ה' שמים נעשׂו" (תּהלים ל"ג ו) — דורך גאָטס וואָרט זענען די הימלען צו שטאַנד געקומען. „כּי הוא אמר ויהי — הוא ציוה ויעמוד". דאָס וואָרט, אָדער ווי פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע (געלעבט פֿאַרן צווייטן חורבן) רופֿט עס אָן, דער „לאָגאָס", איז געווען דאָס געטלעכע געצייג, מיט וועלכן די וועלט איז צו שטאַנד געקומען. וואָס פֿאַר אַ געטלעכע קראַפֿט עס ליגט אין וואָרט!

מיר לערנען אין בראשית, אַז דער וועלטבאַשאַף איז געווען אַ דראַמאַטישער פּראָצעס פֿון זעקס טעג, „ששת ימי מעשׂה", זעקס פּעריאָדן. ס'איז נישט וויכטיק ווי לאַנג דער טאָג האָט זיך געצויגן — „כּי אלף שנים בעיניך כּיום אתמול" — אַ טויזנט יאָר אין דיינע אויגן איז ווי איין טאָג, ס'איז אַלץ פֿיגוראַטיוו. מיט יעדן טאָג האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טייל פּונעם באַשאַף און עס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן שבת — אַ קאָסמישע מנוחה. גאָט האָט באַשאַפֿן צום ערשטן די אומאָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פֿון

דער וועלט, הימל און ערד, וואַסער און לופט, זון און לבנה, און דאַן איז ער איבערגעגאַנגען צו די אָרגאַנישע באַשעפענישן און לעבעדיקע ברואים; פריִער דעם דומם, דאַן דעם צומח און דעם חי. ער איז געגאַנגען פון אונטן אויף אויבן, שטופנווייז, בהדרגהדיק, ביז צום זעניט פון באַשאַף, דעם מענטשן. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, צוגעגרייט ווי פאַר אַ חשובן אורח, איז געקומען דער מענטש, דער לעצטער שטאַפּל פון דער יצירה.

מיר זעען גלייך דעם קאָלאָסאַלן אונטערשייד צווישן די פריִערדיקע באַשאַפענע עלעמענטן און דעם מענטשן.

דאָס באַשאַפן אָדמען גייט נישט אַריין אין די עשׂרה מאמרים. גאָט האָט אים אויסגעפורעמט פון דעם שטויב פון דער ערד, אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַ לעבעדיקן גייסט „והיה לנפש חיה”. ער האָט אים אָנגערופן אָדם, אַ מענטש גענומען פון ערדישע עלעמענטן — „ויברא ה׳ את האדם עפר מן האדמה” (בראשית ב׳ ז).

קומען די חכמים און פרעגן: אָדם, באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, האָט דער בורא העולם שוין נישט געהאַט קיין אַנדערן מאַטעריאַל אים צו באַשאַפן, ווי נאָר פון דער ערד, וואָס ליגט אונטער די פיס און מען טרעט אויף איר, און מען וואַרפט שמוץ אויף איר? האָט ער נישט געקענט זיך פאַרגינען און אים מאַכן פון גאָלד, פון זילבער, פון בריליאַנטן? אָבער גאָט האָט זיינע וועגן. ער האָט אויסגעקליבן דווקא די ערד און פון איר אויסגעפורעמט דעם מענטשן.

די ערד איז דאָס וויכטיקסטע וואָס די וועלט פאַרמאָגט. גאָט האָט זי איבערגעגעבן דעם מענטשן. „השמים שמים לה׳ והאָרץ נתן לבני אדם” (תהלים קט״ו טז). די ערד איז דער כוח פון לעבן פאַרן מענטשן, וואָס שפּייזט אים. אַלץ קומט אַרויס פון איר. זי האָט אין איר איינגעוויד אַלע מעטאַלן און מינעראַלן, זי האָט

פּלאַנצן און פּרוכטן, און וואָס נישט. די ברכות המוציא לחם מן הארץ און בורא פּרי האדמה זאָגן עדות אויף דעם. דער מענטש דאַרף זי נאָר באַאַרבעטן, אַקערן, זייען און פּלאַנצן, דאַן ענטפּערט זי ליבלעך און גוטמוטיק מיט פּרוכפּערקייט און עשירות.

לייענען מיר ווייטער אין בראשית: „נעשׂה אדם בצלמנו כּדמותנו" — גאָט זאָגט, לאָמיר מאַכן דעם מענטש אין אונדזער געשטאַלט. אָדם איז באַשאַפן געוואָרן ווי דער העכסטער ציל פון דער יצירה, דער בחיר היצירה, טאַקע דער לעצטער, אָבער „סוף מעשׂה במחשבה תּחילה". צוליב אים איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן.

ווען גאָט האָט אים צוגעטראַכט, האָט ער זיך מיישב געווען מיט די מלאָכים. דערפאַר האָבן מיר דעם ווערב אין דער מערצאָל: „נעשׂה".

דערציילט די אַגדה, אַז ווען דער בורא־עולם האָט געזאָגט אַז ער גייט באַשאַפן דעם מענטשן מיט געטלעכע כּוחות, מיט הימלישע פעיִקייטן, „כּי בצלמו נברא", כּדי ער זאָל קענען באַהערשן די ערד מיט אַלע אירע ברואים, איז געוואָרן אַ טומל אין די הויכקייטן צווישן די מלאָכים. ס'איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת ווי דער מדרש זאָגט, „נעשׂו כּתים כּתים, חבורות חבורות". אַ טייל פון די מלאָכים זענען געווען איינשטימיק, אָבער אַנדערע זענען אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע און האָבן פּראָטעסטירט און געשריגן: „אַל יברא", זאָל ער נישט באַשאַפן ווערן. „מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו" — וואָס איז דער מענטש דו זאָלסט אים געדענקען (תּהלים ח׳ ה). די מלאָכים, די ממונים איבערן אמת ושלום, זענען געווען קאַטעגאָריש קעגן גאָטס באַשלוס און זיי האָבן שוואַרצע נביאות פאַרויסגעזאָגט. זיי האָבן געטענהט, אַז דער מענטש וועט זיין ענגהאַרציק און וועט שטענדיק וועלן צופרידנ־שטעלן זיינע אייגענע, אינדיווידועלע אַמביציעס, וועט ער זיך

אָפּגעבן מיט שקר און קריגערייען און פאַרדאַרבן די וועלט (בראשית רבא פ"ח).

די מלאָכים פון חסד האָבן דוקא געוואָלט, דער מענטש זאָל באַשאַפן ווערן, ווייל ער וועט געבן צדקה און העלפן דעם נויט־באַדערפטיקן. די באַרמהאַרציקע תורה אַליין האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן מענטשן און זיך געבעטן ביי גאָט: „האדם הזה קצר ימים ושבע רוגז ובא לידי חטא" — דער מענטש האָט קורצע יאָרן און איז זאַט מיט זאָרגן, וואָס ברענגט אים צו זינדיקן; אויב דו וועסט נישט האָבן צו אים קיין געדולד, איז בעסער ער זאָל טאַקע נישט געבוירן ווערן און נישט קומען אויף דער וועלט.

האָט דער אייבערשטער איר געענטפערט: „לא לחינם אני נקראתי ארך אפים ורב חסד" — נישט אומזיסט ווער איך גערופן גרויסמוטיק, איך וועל זיך נישט צו פיל קריגן מיטן מענטשן, וואָס איז פון פלייש און בלוט, ווייל איך ווייס זיינע שוואַכקייטן.

און דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן.

ווי ס'ווייזט אויס, האָלט נישט דער מדרש אַזוי שטאַרק פון די מלאָכים. די אַגדה אין מדרש תנחומא דערציילט „בשעה שעלה משה למרום לקבל את התורה" — ווען משה איז אַרויף אויפן הימל צו נעמען די תורה, זענען די מלאָכים געווען שטאַרק נישט צופרידן. זיי זענען געווען אייפערזיכטיק אויפן מענטש און געזאָגט צום רבונו של עולם: „ווי קענסטו איבערגעבן אַזאַ אוצר ווי די תורה דעם מענטש פון פלייש און בלוט?" גאָט האָט איבערגעגעבן משהן ער זאָל זיי ענטפערן.

משה האָלט פאַר זיי אַ גאַנצע לעקציע. ער רעכנט אויס די עשׂרת הדיברות איינס נאָך איינס, ער שטעלט זיי רעטאָרישע פראַגעס: זענען דען פאַראַן ביי אייך אַנדערע געטער? האָט איר דען געליטן ווי שקלאַפן אין מצרים? האָט איר דען עלטערן,

ווּעמען איר דאַרפֿט אין כּבֿוד האַלטן? האָט איר דען לײדנשאַפֿטן פֿון אַ מענטשן, וואָס איר דאַרפֿט בײַשטײן דעם נסיון נישט צו טאָן געוויסע זאַכן וואָס לאָקן און ציִען? זענט איר דען אונטער־געוואָרפֿן אַנדערע קולטורן? דאַרפֿט איר דען האָרעווען צו מאַכן אַ לעבן און באַזאָרגן ווײַב און קינד? איר לעבט רויִק אין דעם ענגן קרײַז פֿון דער גאָטהײט, אײַער עקסיסטענץ איז געזיכערט. נישט פֿאַר אײַך איז די תּורה געמיינט, נאָר דווקא פֿאַר דעם מענטש. ס׳איז אַ תּורת חיים צו לערנען ווי צו לעבן אַ מאָראַליש לעבן. „לא ניתּנה תּורה למלאכי השרת״.

די מלאָכים האָבן אײַנגעזען אַז זײ זענען נישט גערעכט.

ווי פֿריִער געזאָגט, איז אָדם, דער יחסן פֿון באַשאַף, געקומען אויף אַלעם פֿאַרטיקן. גאָט האָט אים אײַנגעקוואַרטירט אין גן־עדן און אים באַזאָרגט מיט אַ לעבנס־באַגלײטערין. גאָט האָט דורכגע־פֿירט אַן אָפּעראַציע אויף אָדמען, אים אַנאַסטעזירט און אַרויס־גענומען פֿון אים אַ ריפּ און פֿון דעם האָט ער באַשאַפֿן חוהן, אָדמס באַשערטע. דורך איר קריגט דער מאַן זײַן שלימותדיקײט. זי איז זײַן עזר כּנגדו, זי איז קלוג, זי האָט אינטויִציע, זי פֿאַר־מאָגט בינה, ווי עס זאָגט זיך „ויבן ה׳ אלקים את הצלע״, און זי ווײסט ווי אים אַרויסצוהעלפֿן.

ווען דער ריפּ זאָגט דער מדרש, אַז גאָט האָט זיך מיישב געווען פֿון וואַנען זאָל ער באַשאַפֿן די פֿרוי. האָט ער געזאָגט, איך וועל זי נישט באַשאַפֿן פֿון דעם קאָפּ, כּדי זי זאָל נישט זײַן קײן גרויסהאַלטערין און פֿאַררײסן דעם קאָפּ, אויך נישט פֿון דעם אויג, כּדי זי זאָל נישט זײַן קײן נאָכקוקערין און נישט שפּיאָנירן, נישט פֿון קײן אויער, זי זאָל נישט זײַן קײן אונטערהערערין, נישט פֿונעם מויל, זי זאָל נישט זײַן קײן פּלאַפּלערין, נישט פֿונעם פֿוס, זי זאָל נישט זײַן קײן לויפֿערין, און נישט פֿונעם האַרצן, זי זאָל נישט זײַן קײן נישט־פֿאַרגינערין. האָט ער באַשלאָסן זי צו באַשאַפֿן פֿון

דער ריפּ, פון אַן אָרט, וואָס איז באַהאַלטן ביים מענטש, כּדי זי זאָל זיין שטיל, באַשיידן און צניעותדיק.

אַז מיר האַלטן ביי די אַגדות, איז דאָ נאָך אַ שיינע אַגדה וועגן דער ריפּ פון דער פרוי.

דער רוימישער קייסער איז געקומען צו רבן גמליאלן און באַשולדיקט כּביכול, אַז ער איז אַ גנב; עס זאָגט זיך בפירוש אין דער תּורה, אַז גאָט האָט געלאָזט פאַלן אַ טיפן שלאָף אויף דעם מענטשן און האָט ביי אים אַוועקגענומען איינע פון זיינע ריפּן. האָט אים די טאָכטער פון רבן גמליאל געענטפערט מיט אַ משל: ביי נאַכט זענען אייך באַפאַלן רויבער און אַוועקגענומען אַ זילבער־נע קרוג, אָבער זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ גאָלדענע קרוג. רופט זיך אָפּ דער קייסער, אַז אַזעלכע רויבער מעגן קומען צו אונדז אַלע טאָג. דער נימשל פונעם משל איז, אַז גאָט האָט צוגענומען ביי אָדמען איין ריפּ, און אים געגעבן אַ פרוי אויף איר אָרט.

האָבן מיר שוין אָדם און חוה, דאָס ערשטע פּאָרפאָלק. און דער מאָנאָטעיִסטישער גאָט הייבט אָן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און זייערע מעשׂים. זיי ווערן אָנגע־זאָגט גלייך „פּרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" (בראשית א' כח) — פרוכפּערט אייך און מערט זיך און פילט אָן די ערד און באַצווינגט זי, דאָס הייסט, זיי דאַרפן זיך באַשעפטיקן מיט דער באַפעלקערונג פון דער וועלט, צו באַזעצן זי מיט מענטשן.

אַלע ברואים זענען באַשאַפן געוואָרן אַ סך מיט אַ מאָל. דער ים איז פול געוואָרן מיט פיש און דער וואַלד מיט חיות, אָבער דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אַליין. איז ער, בכן אַ מין מיקראָקאָסמאָס אין דעם מאַקראָקאָסמאָס פון דער וועלט, דאָס הייסט, יעדער מענטש איז אַ קליינע וועלט.

קומט דער מדרש און פרעגט: „למה נברא האדם יחידי?" — פאַר וואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן אַן איינציקער, און

ער ענטפערט, כּדי דיך צו לערנען, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, און עס זאָל זיין שלום צווישן זיי. איינער זאָל נישט זאָגן צום צווייטן, אַז מיין טאַטע איז בעסער פון דיינעם, מיין יחוס איז גרעסער פון דיינעם און איך בין וויכטיקער פון דיר. ניין, מיר שטאַמען אַלע אָפּ פון איין שורש. דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט אַ פונדאַמענטאַלער, הומאַניסטישער געדאַנק, וואָס קומט אַרויס טאַקע פון דעם ייִדישן מאָנאָטעיִזם, און קען דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר דער היינטצייטיקער וועלט — ווו עס רעדט זיך אַזוי פיל וועגן מענטשנרעכט: אַלע מענטשן זענען גלייך און איטלעכס לעבן איז הייליק און טייער. מלאָכי, דער לעצטער פון אונדזערע נביאים, מוסרט די ייִדן און זאָגט (ב׳ י): „הלוא אב אחד לכולנו, אָל אחד בראנו, מדוע נבגד איש באחיו״ — איז דען נישט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען? האָט אונדז נישט איין גאָט באַשאַפן? פאַר וואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אין אַנדערן?

אַ צווייטע לערע ווערט אַרויסגעבראַכט פון דער זעלבער אַגדה „למה נברא האדם יחידי״. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אַן איינציקער, כּדי צו לערנען, אַז דער וואָס ברענגט אום איין נפש, רעכנט אים די תורה ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט. (סנהדרין ל״ז).

די ביבלישע טראַדיציע האָט באַקרוינט דעם מענטשן מיט דעם אָרעאָל פון הייליקייט. ער איז באַשאַפן געוואָרן ווי דער העכסטער ציל פון דער גאַנצער יצירה, בכן איז נישטאָ קיין העכערער און הייליקערער צוועק אויף דער וועלט ווי דאָס לעבן פון אַ מענטשן, און קיינער האָט נישט קיין רעכט צוצונעמען אַ מענטשלעך לעבן און פאַרגיסן בלוט. זאָגט דער חומש (בראשית ט׳ ו), אַז דער, וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטש, זאָל זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן: „שופך דם האדם באדם דמו ישפך״.

לויט דער יהדות־אידעע איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן

ווי אַ פרייע פערזענלעכקייט, וואָס קען צו קיינעם נישט זיין פאַרשקלאַפט. ער איז דער האַר פון זיין גורל, ער איז נישט קיין שקלאַף פון די אומשטענדן, נאָר ער האָט די מעגלעכקייט צו באַהערשן די אומשטענדן און אויסצוקלייבן דאָס גוטע, לויט זיין ווילן. די בחירה חופשית, דער פרייער אויסוואַל, איז אַ מתנה וואָס ער האָט באַקומען פון גאָט. ער קען אויסקלייבן און אורטיילן וועגן זאַכן לויט דער מאָס פון גוט און שלעכט, רעכט און אומרעכט. דער מענטש נוצט עס אויס צום גוטן אָדער צום שלעכטן.

די געשיכטע פון דעם גן־עדן ווייזט עס אויף באמת קלאָר און בולט. גאָט האָט אָנגעזאָגט אָדם און חוהן זיי זאָלן נישט עסן פון עץ הדעת, און אויב זיי וועלן יאָ עסן פונעם בוים פון וויסן, וועלן זיי שטאַרבן. ווי עס שיינט, איז דער דראַנג צו וויסן געווען ביי זיי וויכטיקער ווי דער עצם לעבן; זיי נעמען אויף זיך דעם טויט איידער צו לעבן אין אומוויסן — זיי עסן פון עץ הדעת. זיי ווערן באַשטראָפט און אַרויסגעטריבן פון גן־עדן, און מיר צאָלן פאַר דעם ביזן היינטיקן טאָג... דאָס ווייזט, אַז דאָס שלעכטס קומט נישט פון אַ העכערן, געטלעכן ווילן, אָדער פון בייזע גייסטער, נאָר דער מענטש ברענגט אויף זיך דאָס שלעכטס דורך זיין אייגענעם ווילן, ער האָלט אָן זיין פרייהייט צו טאָן דאָס, וואָס ער וויל, אַפילו מורד זיין אין גאָט.

זאָגנדיק דעם אמת, פאַרגינס איך נישט קיין טרערן אויף דעם, וואָס דער מענטש האָט פאַרלאָרן דעם גן־עדן. איך בין דוקא צופרידן, וואָס ער האָט געגעסן פון עץ־הדעת און באַקומען שׂכל צו דער־קענען און אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט. ער איז געוואָרן דורך דעם דער האָמאָ סאַפּיענס, ווי גאָט זאָגט אויף אים „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע" (בראשית ג׳ כב); דער מענטש איז דורך דעם דערהויבן געוואָרן, געקומען צו זיין מענטש־לעכן באַוווּסטזיין און דערזען זיין אייגענע נאַקעטקייט.

דער עץ הדעת איז דער סימבאָל פון מענטשלעכער ווערדע, פון פרייען ווילן; ער איז דער בעל הבית פון זיינע מעשׂים און טראָגט אויף זיך די גאַנצע אחריות פאַר זיינע טאַטן. ער אַליין קלייבט אויס אין וועלכן וועג צו גיין און וואָס צו טאָן. נאָר אַזוי קען מען פאַרשטיין דעם באַגריף פון שׂכר ועונש, באַלוינונג און שטראָף.

נאָך יעדער באַשאַף — ווי עס ווערט געבראַכט אין בראשית — איז גאָט געווען צופרידן און האָט אַליין עדות געזאָגט, אַז עס איז גוט: „וירא ה׳ כי טוב״, אָדער „וירא ה׳ את כל אשר עשׂה והנה טוב מאד״. דאָס איז די יהדות־השקפה. אין דעם באַגריף „גוט״ ליגט דער עצם זינען פון דער בריאה און דריקט אויס אונדזער אָפּטימיסטישע וועלט־אַנשויונג. די וועלט איז גוט. ווען גאָט האָט אָבער באַטראַכט די אַנטראָפּאָצענטרישע וועלט, ווי דער יחסן, דער בחיר הבריאה פאַרנעמט דעם אויבנאָן, איז ער נישט געווען אַזוי ענטוזיאַסטיש: אויפן מענטשן האָט ער דעם אַדיעקטיוו „גוט״ נישט אָנגעווענדט און אים נישט געגעבן דעם קאָמפּלימענט. פרעגט זיך, פאַר וואָס? האָט דען גאָט געוואָלט אים דערנידעריקן? — ניין, נישט דאָס איז געווען גאָטס כּוונה. להיפך, ער האָט מיט דעם דערהויבן דעם מענטשן, און עס ליגט אין דעם אַ ווונדערלעכע לערע. דער מענטש, מיט דער בחירה חפשית דאַרף אַליין באַווייזן, אַז ער איז גוט און דורך זיינע מעשׂים פאַרדינען דעם „כּי טוב״, פאַרריכטן און פאַרפולקאָמען דאָס, וואָס כּביכול האָט בכּיוון געלאָזט אומפאַרענדיקט; נאָר ער אַליין, דורך זיין מי און אָנשטרענג, זאָל מתקן זיין די פּגימות און ווערן אַ שותף צו מעשׂה בראשית. לאָמיר זען וואָס ער וועט אויפטאָן.

ס׳איז פאַראַן אַ גאַנצער אַרסענאַל פון ביישפּילן אין תּנך, וואָס ווייזן, אַז גאָט נויט דעם מענטשן נישט צו טאָן דאָס, וואָס ער הייסט. „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת

המות ואת הרע" (דברים ל׳ טו) — גאָט זאָגט: כ׳האָב היינט געגעבן פאַר דיר לעבן און גוטס, טויט און שלעכטס, און דו קלייב אויס. גאָט עצהט דעם מענטשן צו טאָן גוטס צוליב זיין, דעם מענטשנס, טובה וועגן. „מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי... למען ייטב להם ולבניהם לעולם" (דברים ה׳ כו) — הלוואי זאָל זיין ביי זיי אַ האַרץ... צו היטן מיין געבאָט, כּדי עס זאָל גוט זיין זיי און זייערע קינדער אויף אייביק. דאָ שטראַלט אַרויס גאָטס חסד. ער פאָדערט נישט קיין באַלוינונג, קיין קרבנות פאַר זיינעטוועגן, נאָר זיי זאָלן זיין גוט.

אינטערעסאַנט, אַז נישט נאָר די פרייהייט פון אויסוואַל איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן, נאָר אויך די פרייהייט פון וואָרט, אַרויסצוזאָגן פריי און אָפן זיין מיינונג. ער מעג פאַרוואָרפן גאָט זיינע טענות און גאָט נעמט עס נישט אָן ווי אַ זינד.

דאָס טוען דווקא די גרויסע מענטשן, די יחידי סגולה.

אַברהם אָבינו שטעלט זיך איין פאַר די אומשולדיקע מענטשן פון סדום, גאָט זאָל זיי נישט באַשטראָפן און זאָגט: „האף תספה צדיק עם רשע — השופט כּל הארץ לא יעשה משפט?" וועט דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד נישט טאָן גערעכטיקייט?

משה רבינו טענהט זיך אויס מיט גאָט און זאָגט: „למה הרעתה לעם הזה, למה זה שלחתני?" (שמות ה׳ כב) — פאַר וואָס טוסטו שלעכט דעם פאָלק. איוב, וואָס ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ צדיק („אין כּמוהו בארץ"), דערגייט צו דער העכסטער שטופע און פאָדערט גערעכטיקייט. ער קריגט זיך מיט גאָט פאַרן כּבוד פון דעם זעלבן גאָט, דער גאָט פון צדק און משפט. „תם ורשע הוא מכלה" (י׳ כא; ט׳ כב) — ער פאַרטיליקט דעם רשע און דעם צדיק צוגלייך. נו, און אונדזער ר׳ לוי בערדיטשעווער רופט אַרויס דעם כּביכול אַליין צו אַ דין־תורה און ברענגט פאַר זיינע גערעכטע טענות — זע, וואָס האָסט געטאָן צו דיין פאָלק ישראל.

ער ענדיקט מיט אַ לויבגעזאַנג צו גאָט, מיטן קדיש, אָבער ער זאָגט אַרויס וואָס ער טראַכט.

דער מדרש פון אונדזערע מאָדערנע צייטן ברענגט אַ מעשׂה שהיה, אַז לייבעלע אָיגר (אַן אייניקל פון גאון ר' עקיבא איגר) איז אַהיימגעקומען פון קאָצק, וואָס ער האָט באַזוכט דאָס ערשטע מאָל, האָט אים זיין פאָטער (רבי שלמהלע) געפרעגט, וואָס ער האָט געזען אין קאָצק. דאָס יינגל האָט געזאָגט, אַז ער האָט געלערנט דריי זאַכן: ערשטנס, אַז אַ מענטש איז אַ מענטש און אַ מלאך איז אַ מלאך; צווייטנס, אַז אַ מענטש קען זיין גרעסער ווי אַ מלאך, און דריטנס, בראשית ברא אלהים — דעם אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן, דאָס איבעריקע האָט ער איבערגעלאָזן פאַר דעם מענטש... ער זאָל זיך אַליין מיט דעם ספּראַווען.

די ביבלישע טראַדיציע האַלט, אַז דעם מענטשנס נשמה איז פון געבורט ריין, אומבאַפלעקט, אָן איינגעבוירענע גוטע אָדער שלעכטע מידות. דאָס הייסט אין דער פילאָסאָפיע „טאַבולאַ ראַסאַ" — אַ גלאַטער טאָוול, וואָס אויף אים ווערן איינגעקריצט דורך דעם מענטשנס חושים די דורכגעמאַכטע דערפאַרונגען. „הנשמה שנתת בי טהורה היא" — די נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבן איז זויבער, ריין (אין שחרית). פון וואַנען נעמט זיך דאָס שלעכטס? זאָגט די אַגדה (אין בראשית רבא ו), אַז גאָט האָט אַריינגעגעבן אין דעם מענטשן צוויי אימפּולסן, צוויי אינס־טינקטן, דעם יצר־הטוב און דעם יצר־הרע. די אַגדה שטיצט זיך אויף „וייצר ה' את האדם", וואָס האָט צוויי יודן. פרעגט זיך: ווי קען עס זיין, דער אייבערשטער זאָל ספּעציעל באַשאַפן דעם יצר־הרע אָנצורעגן דעם מענטשן צו טאָן שלעכטס? ענטפערט די זעלבע אַגדה, „שטעלט זיך פאָר, וואָס וואָלט געווען אָן דעם יצר־הרע. דער מענטש וואָלט געווען גליקלעך, האַבנדיק אַלץ — ער דאַרף נישט האָרעווען, ער דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען פאַר

זיין פּרנסה, ער איז פּאַסיוו. אָן אַמביציעס עפּעס צו שאַפן; אַ פּאַראַזיט, אַ גן־עדן־מענטש, ווייל דער יצר־טוב איז אַ שטילער, אַ גאָטס־פּאַרכטיקער, ער שטעלט זיך מיט אַלץ צופרידן און זוכט נישט קיין נייעסן, זיין ווילן ווערט פּאַראַליזירט. האָט גאָט איינגעזען, אַז מיט דעם יצר־טוב אַליין וועט די וועלט קיין קיום נישט האָבן. אָן דעם יצר־הרע וואָלט דער מענטש נישט געבוירן קיין קינדער, ער וואָלט נישט געבויט קיין הויז, ער וואָלט נישט געמאַכט קיין געשעפטן און וואָלט נישט געשאַפן קיין געשיכטע. האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן דעם יצר־הרע, וואָס איז אַמביציעז און קיין מאָל נישט צופרידן מיט וואָס ער האָט, און זוכט מיט אַלע כּוחות אויסצוברייטערן זיינע מעגלעכקייטן, צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן... (לייענט ביי פּרצן „דער כעלעמער מלמד").

רבי יהודה זאָגט: „על שלושה דברים העולם עומד, על הקינאה, ועל התאווה, ועל הרחמים" (אָבות דרבי נתן פ"א) — אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט, אויף קינאה, אויף תאווה און אויף רחמנות. קינאה און תאווה, כאָטש נעגאַטיווע שטריכן, וואָס שטאַמען פון יצר־הרע, זענען פון דעסטוועגן הויפּטזיילן, וואָס האַלטן אויף די וועלט. זיי באַזאָרגן דעם מענטש מיט אַמביציע און מיט שאַפונגקראַפט, וואָס מען קען אָפט מאָל אויסנוצן צום גוטן. אָט זאָגט זיך: „קינאת סופרים תרבה חכמה". איין שרייבער איז מקנא דעם צווייטן, ווענדט ער אָן זיין ענערגיע צו פאַרבעסערן זיך.

די גרויסקייט פון דעם מענטשן באַשטייט אין דעם באַזיגן דעם יצר־הרע, ווי אין פּרקי אָבות זאָגט זיך „איזהו גיבור הכובש את יצרו" — די שטרעבונג צו צוימען די באַגערן, די חיה אין מענטש.

איז דאָך גוט און שיין. דער מענטש, דער אויסדערוויילטער פון אַלע באַשעפענישן גלייך פון געבורט, מיט שׂכל און מיט גבורה

צו טאָן גרויסע זאַכן און צו דערגיין צו די העכסטע דערפינדונגען „כי נברא בצלמו" — איז וועגן דעם מענטשן זאָגן אונדז גלייך די פּסוקים ווי קליין און נישטיק ער איז. מענטש, מענטש, נעם זיך אַזוי נישט איבער. ווי אַ דאָפּלטע פּערזענלעכקייט שטייט ער פאַר אונדז, ווי אַ מטבע מיט צוויי קעגנגעזעצטע זייטן. דער זעלבער אַברהם אָבינו, וואָס ווערט אָנגערופן און באַצייכנט „איש אלהים", אַ געטלעכער מענטש, זאָגט: „ואָנוכי עפר ואפר" — אַ נישטיק זאַמדעלע בין איך. ישעיהו הנביא שרייט אויס „חדלו לכם מן האדם כי במה נחשב" (ישעיהו ב׳ כב) — לאָזט אים אָפּ דעם מענטש, וואָס רעכנט איר זיך מיט אים?

אַזוי בלאָנדזשעט דער מענטש אַרום איבער דער וועלט און צאַפּלט זיך אונטער דעם יאָך פון זיינע אינסטינקטן און הערט דעם רוף פון גאָט, וואָס זוכט אים אַרום „איכה", ווו ביסטו קליין מענטשעלע? דאָס ביסטו, וואָס דו דאַרפסט מתקן זיין עולמות פול מיט רציחה און בלוטפאַרגיסן; דער מענטש אַליין זוכט זיך אַרום. און מיר אַלע וואַרטן נאָך אויף זיין ענטפער „הנני" — אָט בין איך.

די וווּנדערבאַרע אידעע פון בראשית, פון אָנהייב אָדער פון מיטן, שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין לעבן פון אונדזער פאָלק. דאָס איז אַ פולער, טיפער קוואַל פון לערעס און אידעען, וואָס די חז״ל, די בעלי הלכה און בעלי אַגדה צעווערן אַרויס פון די תּנכישע פאַלדן, אומשאַצבאַרע פּערל פון מוסר השׂכּלם פאַר די דורות.

בראשית איז דער ספר פון דער אַלגעמיינער אוניווערסאַלער געשיכטע פון דער מענטשהייט; (נישט פון יידן אַליין); ער לערנט ווי דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן און די אַלע מדרגות, וואָס ער האָט געדאַרפט אַדורכמאַכן ביז ער איז געקומען צו דעם וואָס ער איז איצט.

דאָס איז דער רעקאָרד פון דער מענטשלעכער כראָניק, דער רעגיסטער פון דער אויטענטישער געשיכטע פונעם מענטשלעכן מין.

„זה ספר תולדות אדם".

פאַר ייִדן האָט דער בראשית אַ ספּעציעלן באַדייט. ער לערנט אונדז, אַז יעדער מענטש קען האָבן אַ נייעם בראשית. אָט אָ די פּרעכטיקע אידעע פון דעם ייִדישן בראשית גייט דורך ווי אַ קווערשניט דורך אַלע צייטן פון אונדזער גלות־געשיכטע און האַלט אונדז אויף; ער גיט אונדז האָפענונג און לעבנס־חיות אָנ־צוגיין ווייטער. צענדליקער מאָל, ווען מיר זענען געשטאַנען פאַר דער סכּנה צעשטערט צו ווערן פון אונדזערע פאַרשיידענע שונאים, זענען ייִדן דאָך נישט אַריינגעפאַלן אין ייִאוש. אין אונדזערע אייגענע פינצטערע צייטן, אין אונדזער חורבן־עפּאָכע, ווען מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער סוף, איז געקומען דער „נייער בראשית", דער אויפקום פון מדינת ישׂראל.

דער יום־טוב חנוכּה אַ מאָל און היינט

מע דערציילט, אַז ד״ר יוסף קלויזנער, אַ שריפטשטעלער, דער רעדאַקטאָר פון „השלוח״, און שפּעטער אַ פּראָפעסאָר פון דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור אויפן העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט געהאַט אַ מינהג, אַז ער פלעגט רעדן חנוכּה־צייט וועגן די חשמונאָים און וועגן דעם יום־טוב. ס׳איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז די סטודענטן און פּראָפעסאָרן פלעגן אַלע קומען אויפן הר־הצופים צו דער לעקציע פון פּראָפעסאָר קלויזנער.

היינט, נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, איז איינגעפירט אין ישׂראל, אַז חנוכּה קומען זיך צוזאַמען הונדערטער איינהייטן פון צה״ל אין מודיעין, אַ קליין שטעטל לעבן ירושלים, און די מיליטערישע רבנים און רעליגיעזע מנהיגים האַלטן פאַר זיי לעקציעס און דערציילן זיי וועגן די קאַמפן און מלחמות פון די חשמונאָים.

חנוכּה איז אַ יום־טוב וואָס איז אונדז נישט געגעבאָטן געוואָרן פון דער תּורה און ער איז נישט באַזירט אויף קיין שום פּסוקים, ווי אַנדערע אונדזערע יום־טוב — די שלוש רגלים, ראש־השנה און יום־כּיפּור. אין חומש און אינעם גאַנצן תּנך איז נישטאָ קיין אַנדייטונג אויף אַט דעם יום־טוב. פּורים איז טאַקע אַ גלות־יום־טוב, אָבער לכל הפּחות האָבן מיר מגילת אסתּר — אַ טייל פון תּנך, אין כּתובים, אויך איז דאָ אַ מסכתּא אין דער מישנה, וואָס הייסט אסתּר און וואָס רעדט וועגן דעם יום־טוב פּורים. וועגן חנוכּה

איז נישטאָ קיין זכר, נישט אינעם תּנך און כּמעט נישט אין דער מישנה, ווו עס רעדט זיך וועגן חנוכּה נאָר אַגב אורחהדיק.

חנוכּה איז אַ יונגער יום־טוב, פּאַקטיש — דער יינגסטער. חוץ יום העצמאות, וואָס האַלט זיך נאָך אין דער פּאַזע פון אַנטוויקלונג און האָט נאָך נישט קיין באַשטימטע פאָרעם און קיין באַשטימטן קאָלאָריט.

עס איז אַ יום־טוב, אַ וואָכעדיקער, אָן אַ ספּעציעלן רעליגיעזן צערעמאָניאַל, אַ יום־טוב, וואָס זיין אָפּשטאַם איז נישט פאַרהוילן, נאָר ער האָט אַ קלאָרע היסטאָרישע דאַטע, פאַרצייכנט אין דער יידישער געשיכטע און אויך אין דער אַלגעמיינער געשיכטע. ער פאַראייביקט דעם אויפשטאַנד פון די יידן קעגן די גריכן און זייער מיליטערישן נצחון אין צווייטן יאָרהונדערט (156) פאַר דער קריסטלעכער ציטרעכענונג. דער נצחון האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף דעם וויטערדיקן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט פּאַקטיש באַנייט דאָס יידישע מלוכה־לעבן אונטער דער אייגענער זעלבשטענדיקער סוווערעניטעט.

אויבערפלעכלעך איז די געשיכטע פון חנוכּה אַ קורצע, וואָס יעדער איינער ווייסט. די תּפילה „על הנסים" וואָס מען גיט צו חנוכּה צום בענטשן און אין שמונה־עשׂרה, דריקט אויס לאַקאָניש, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם, די געשיכטע פון חנוכּה.

„על הנסים, ועל הגבורות, ועל התּשועות ועל המלחמות שעשׂית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה".

וואָס זענען געווען די נסים? זאָגט זיך ווייטער: „מסרת גיבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים... ואחר כך באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך והדליקו נרות... וקבעו שמונת ימי חנוכה להודות, להלל לשמך הגדול". דאָס הייסט, מע דאַנקט גאָט פאַר דעם חשמונאים־זיג איבער די מעכטיקע גריכן. נאָכן אָפּרייניקן דעם בית־המקדש פון דער גריכישער טומאה, האָבן זיי אָנגעצונדן

די מנורה און באַשטימט אַכט טעג חנוכה צו דאַנקען און לויבן גאָט. קורץ און שאַרף, דאָס איז דער קווינטעסענץ פון חנוכה. כּדי אָבער צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון דעם יום־טוב, דאַרפן מיר מאַכן אַ בליץ־עקסקורסיע אין דער געשיכטע פון יענער צייט. און צוזאַמען ווען מיר מאַכן אַ געשיכטלעכן שפּאַציר, דורכשפּרייזנדיק גאַנצע יאָרהונדערטער, כּדי צו באַנעמען די לאַגע פון דער וועלט, אין וועלכער די ייִדן האָבן דאַן געלעבט, און וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ייִדישן קאַמף.

ווען כּורש מלך פּרס האָט אַרויסגעגעבן זיין באַשלוס, דער־לויבנדיק די ייִדן פון בבל זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישׂראל, איז אַ געוויסע צאָל, נישט קיין גרויסע, עולה געווען אין צוויי „עליות": איינע מיט זרובבל און די צווייטע מיט עזרא און נחמיה. זיי זענען געקומען אין לאַנד, אויפגעבויט צוריק דעם בית־המקדש, נישט אָן שוועריקייטן, מחדש געווען די עבודה און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, טאַקע סובאָרדינירט צו פּערסיע, צאָלנדיק איר שטייער, אָן פּאָליטישער פרייהייט, אָבער אינערלעך — אויטאָנאָמיש. מיט אָן אייגענעם באַוווסטזיין, האָבן זיי געפירט אַ שטיל, אייגנאַרטיק, גייסטיק לעבן, אָן הימל־שרייענדיקע געשעענישן. עס רופט זיך אָן די פאַרגעסענע תקופה.

דאָס איז געווען אַ געבענטשטע צייט פאַר ייִדן, אַ גייסטיק פּראָדוקטיווע צייט. די סופרים זענען געווען אַקטיוו און געלערנט דאָס פאָלק.

אַזוי האָבן זיי געלעבט אַ צוויי הונדערט יאָר, ביז עס איז אויפגעקומען אויף דער וועלט־אַרענע אַ נייע מאַכט, גריכנלאַנד, מיט איר לעגענדאַרן העלד, דעם יונגן וועלט־דעראָבערער, אַלעק־סאַנדער מוקדון, אָדער אַלעקסאַנדער דער גרויסער. ער האָט בליץ־שנעל, אין גאָר אַ קורצער צייט, איינגענומען אַלע לענדער פון אינדיע ביז די דאַרדאַנעלן, פון מצרים ביז דעם שוואַרצן ים.

פּערסיע מיט אַלע אירע אונטערגעוואָרפענע מלוכות („פון הודו ביז כּוש" — די מגילה), איז איינגענומען געוואָרן דורך אים. אַלעקסאַנדער — אַ מיליטערישער זשעני, איז אָבער געווען נישט נאָר אַ דעראָבערער. אַליין אַ תּלמיד פון אַריסטאָטעלעס, האָט ער אויך געוואָלט ציוויליזירן די איינגענומענע אָריענטאַלישע פעל־קער, און ברענגענדיק זיי פּאָליטיש אונטער די גריכישע פליגל, האָט ער זיי געבראַכט אַ מתּנה — די העלעניזירונג.

דאָס איז געווען דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער אויבער־מאַכט — איינצוהאַלטן די אַלע פּאָליטיש־אונטערטעניקע פעלקער אין זיין מאַכט, לאָמיר זאָגן, ווי די רוסיפיקאַציע, אָדער ווי עסטרייך האָט געטאָן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס האָט געדאַרפט זיין אַ מין שמעלצטאָפּ פון אַלע פעלקער זיך איינצולעבן אין דער גריכישער קולטור. דאָס איז געווען אַ נייע דעראָבערונג־מעטאָדע. אַלעקסאַנדער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק, וואָס זאַפּט איין אַ פרעמדע קולטור, וועט פּאָליטיש קיין תּחית המתים נישט אויפ־שטיין.

דעם אמת געזאָגט, איז עס געווען אַ גליקלעכער שידוך, ווען דער מיזרח האָט זיך געטראָפן מיטן מערב.

די גריכישע קולטור איז דאַן געשטאַנען זייער הויך, גריכנטום איז געווען אין איר גאָלדענער תּקופה. די תּקופה האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אירע מאַטעריעלע רייכטימער, דער אינטערנאַציאָ־נאַלער האַנדל האָט געבליט. די גריכישע קולטור איז געווען אין איר זעניט אויף יעדן פעלד און זיך אויסגעצייכנט אין יעדן זשאַנער, אין ליטעראַטור — די עפּאָפּייעס פון האָמערן, איליאַדע און אָדי־סייע, אין דראַמע — סאָפאָקלעס, איוריפּידעס; די פילאָסאָפיע מיט אירע סיסטעמען און טעאָריעס און מעטאַפיזישע אַבסטראַקציעס; אין מעדיצין — ביזן היינטיקן טאָג איז היפּאָקראַטעס פאַררעכנט פאַרן פאָטער פון מעדיצין; אַ סטודענט וואָס ענדיקט זיין שטודיום

ווי אַ דאָקטאָר גיט אָפּ אַ שבועה וואָס היפּאָקראַטעס האָט באַ־שטימט. דאָס איז אַ מין עטישער קאָדעקס פאַר דער מעדיצינישער פּראָפעסיע; און אויך אין קונסט און אין אַרכיטעקטור, ווי דער אַקראָפּאָליס מיט זיין פּאַרטענאָן, וואָס שטייט ווי אַ שטומער עדות פון אַרכיטעקטאָנישער גרויסקייט.

די מיטל־מיזרחדיקע פעלקער פון אַפריקע און פאָדער־אַזיע זענען טאַקע באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גריכישער קולטור. זיי האָבן גאָר גיך אָנגעהויבן איבערצונעמען די מנהגים פון די גריכן, נאָכמאַכנדיק זייער לעבן־סטאַנדאַרט. זיי האָבן געביטן די נעמען אויף גריכיש און אָנגעהויבן רעדן גריכיש. דורך דער שפּראַך האָבן זיי געקענט צוקומען צו די קולטור־שאַפונגען. זיי האָבן טאַקע נישט לחלוטין אָפּגעלאָזט זייערע אייגענע קולטורן, אָבער ס'איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשמעלצונג, און די גריכישע קולטור האָט געהאַט די אויבערהאַנט.

די ייִדן, ספּעציעל די אַריסטאָקראַטיע אין די סאָציאַל העכערע שיכטן פון פאָלק, זענען אויך באַאיינפלוסט געוואָרן. ס'איז געווען שווער נישט באַאיינפלוסט צו ווערן; ס'איז געווען אַ השפּעה, וואָס האָט געלאָקט און געצויגן און געמוזט אַרויסרופן באַוווּנדערונג.

די מישנה גופא מינימיזירט נישט דעם ווערט פון חכמת יון. פאַרקערט, די חכמים האָבן געהאַלטן פון איר גאָר שטאַרק. באַקאַנט איז דער זאָג (איכה רבה): „אם יאמר לך אדם יש חכמה בגויים, תאמין, יש תורה בגויים, אל תאמין", דאָס הייסט, די אומות העולם פעלט תורה, אָבער חכמה פאַרמאָגן זיי נישט ווייניקער פון ייִדן. אין מגילה ט' איז דאָ דער באַוווּסטער אויסדרוק: „יפיפותו של יפת יהא באהלי שם", דאָס הייסט, די שיינקייט פון יפת, די עסטעטישע ווערטן פון נישט־ייִדן, זאָלן רוען אין שמס געצעלטן. דאָס דריקט אויס אַ געוויסע שטרעבונג צו אַ מין סינטעז פון קולטורן. אין יענער תקופה האָבן די ייִדן זיך באַגעגנט מיט די

גריכן פּנים אל פּנים און עס איז געקומען דער צוזאַמענטרעף פון יהדות מיטן העלעניזם. זינט אַלעקסאַנדער האָט אַוועקגעשטעלט זיין פוס אין די מיזרחדיקע לענדער, ביז דער צייט ווען קריסטנטום איז געוואָרן די הערשנדיקע רעליגיע פון דער רוימישער אימפּעריע, זענען ביידע קולטורן, די יידישע און די גריכישע, געווען צווישן זיך אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, זיי האָבן זיך באַאיינפלוסט איינע די אַנדערע און זיך פאַרפּולקומט. סימנים דערפון זעען מיר אין קהלת אָדער אַפילו שפּעטער אין די פילאָסאָפישע שריפטן פון רמב״ם.

אין אַלגעמיין איז באַוווּסט אַז אַלעקסאַנדער האָט זיך באַצויגן גוט צו די יידן; זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פריינד, און זיי האָבן רעלאַטיוו געלעבט גאַנץ רויק אונטער אים. די אַגדה דער־ציילט, אַז ער האָט געלאָזט איבערזעצן דעם תנך אויף גריכיש. 72 חכמים זענען געזעסן יעדער איינער אין באַזונדערע צימערן, אָן שום קאָנטאַקט צווישן זיך, האָבן איבערגעזעצט דעם תנך, און עס איז אַרויס געגוי די זעלבע איבערזעצונג ביי יעדן איינעם. היסטאָריש איז דאָס דווקא נישט ריכטיק. דאָס איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון די תלמים, שוין נאָך אַלעקסאַנדערס טויט, בערך 250 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. מיר ווייסן אויך, אַז ווען אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבן, האָבן די יידן געטרויערט נאָך אים, און ווי אַן אָנערקענונג פאַר אים האָבן זיי געגעבן זייערע ניי־געבוירענע ייִנגעלעך זיין נאָמען.

נאָך אַלעקסאַנדערס טויט איז זיין וועלט־אימפּעריע צעפאַלן און צעטיילט געוואָרן אויף דריי טיילן. פאַר אונדז זענען איצט וויכטיק נאָר צוויי פון זיי: איין טייל מיט דער הויפּט־מלוכה, מצרים, אונטער די גריכן מיט איר הויפּטשטאָט אַלעקסאַנדריע, וווּ די תלמים האָבן רעגירט, און די צווייטע — סיריע אונטער די סעלעוקעס.

די צוויי נייע אימפעריעס פון יענער צייט האָבן געפירט ירושה־מלחמות צווישן זיך, מע האָט געקעמפט, זיך געקריגט און געריסן, און די יהודה־פּראָווינץ, צוליב איר געאָגראַפישער פּאָזיציע צווישן זיי ביידע, האָט גאַנץ היפּשלעך געליטן. אונטער די תּלמים האָבן זיי געהאַט אַ רעלאַטיוו רויִקע צייט. מצרים איז געווען אַן איינהייטלעכע מלוכה, איז זי געווען טאָלעראַנט און ליבעראַל און זיי געלאָזט צורו, אַזוי אַז ארץ־ישׂראל האָט געהאַט פולע אויטאָנאָמיע (אַ הונדערט יאָר), זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם כּהן הגדול, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּראָווינץ ווי דעם קעניגס פאַרטרעטער, אַזוי אַז ער האָט געהאַט חוץ די רעליגיעזע פליכטן אויך אַ סעקולערע מאַכט.

ווען יהודה איז אַריבער צו דער סירישער זייט, אַ מלוכה, וואָס איז אַליין געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון פאַרשיידענע קליינע נאַציאָנאַליטעטן, און עס איז געקומען צו דער מאַכט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וואָס האָט שוין אַליין, אויסערלעך, געהאַט צרות פון אַ נייער וועלטמאַכט, רוים, האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו נייטן די ייִדן אָנצונעמען דעם גריכישן גייסט און פאַרלאָזן דעם ייִדישן תּורה־וועג. אָבער די ייִדן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

פרעגט זיך: ווי האָט געקענט אָט אַ דאָס קליינע, שוואַכע יהודה קעגנשטעלן זיך אַזאַ וועלטמאַכט? ווו האָבן די ייִדן גענומען דעם מוט אַרויסצוגיין אָפן און רעוואָלטירן קעגן אַזעלכע שטאַרקע, מעכטיקע, מיליטעריש־באַוואָפנטע גריכן?

וואָס האָבן געוואָלט די ייִדן? האָבן זיי דען געוואָלט אויס־ברייטערן זייערע טעריטאָריעלע גרענעצן? ניין, זיי האָבן נישט געהאַט אַזעלכע מאָטיוון. פון דער צווייטער זייט, האָבן די גריכן נישט געוואָלט פיזיש פאַרטיליקן די ייִדן. אומברענגען איז נישט געווען זייער ציל. די אַלע מלחמות וועלכע גויִים האָבן געפירט מיט ישׂראל זינט דער שופטים־תּקופה ביז נבוכדנצר מלך בבל,

זענען געווען מלחמות מיט אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַ באַזונדער לאַנד. זיי האָבן געוואָלט אײַנעמען דאָס לאַנד, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן זײַן תּורה.

די יוונים האָבן אויך נישט געוואָלט אַרויסטרײַבן די ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל, לאָמיר זאָגן, ווי אשור האָט געטאָן מיט מלכות ישׂראל (די צען שבטים). זיי האָבן געוואָלט די ייִדן זאָלן טאַקע פֿאַרבלײַבן אויף זייער אייגענער ערד, נאָר דעם הימל איבערן קאָפּ האָבן זיי געוואָלט צונעמען. וואָלטן די ייִדן פֿאַרלאָזט זייער תּורה, וואָלט אַנטיוכוס זיי נישט אָנגערירט, נישט זיי און נישט זייער לאַנד. דאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן ייִדישן גייסט, און זי ציט זיך נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. פֿאַר אַנטיוכוסן האָט דער העלעניזם באַטײַט געטרײַשאַפֿט צו דער מלוכה. דאָס איז געווען די ערשטע מלחמה אין אונדזער געשיכטע ווי קעגן אַ פֿאָלק מיט אַ באַזונדערער תּורה, ווײַל זי איז אַרויס נישט קעגן ייִדן, נאָר קעגן יהדות; זי האָט טאָלערירט די פֿיזישע ייִדישקייט אין אַ גייסטיק גריכנטום, און געצילט אומצוברענגען דעם ייִדישן גייסט, אונטערדריקן די ייִדישע מאָראַל און אַרויפֿלייגן דעם העלעניסטישן שטעמפּל אויף אונדזער לעבנס־שטייגער. ס׳האָט געדראָט אַ סכּנה פֿון פֿולשטענדיקן אונטערגאַנג, אַ געפֿאַר פֿאַרן לאַנד און פֿאַרן קיום האומה צוגלייך.

דאָס האָט געמוזט אָנצינדן די ייִדישע געמיטער. דאָס איז געווען אַ קולטור־מלחמה צווישן צוויי גלויבנס, צוויי פֿאַרשיידענע קעגנגעזעצטע וועלט־אָנשויונגען, אַ קאָנפֿראָנטאַציע פֿון מאָנאָ־טעיזם מיט דער גריכישער געצנדינעריי, אַ פֿאַרמעסט צווישן די צוויי בערג, אָלימפּוס ווערסוס סיני.

דער אָלימפּ, דאָס וווינאָרט פֿון די געטער, הויך, שיין, מאַיעס־טעטיש, ווי זיי האָבן זיך אים פֿאָרגעשטעלט אין דער מיטאָלאָגיע, איז באַפֿעלקערט מיט אומצאָליקע, אוממאָראַלישע געטער, וואָס

פּאַסמאַקעווען זיך מיט דער אַמבראָזיאַ, שיכּורן זיך אָן מיט דעם נעקטאַר און לעבן אַ עולם־הזהדיקן גוטן טאָג. די געטער אַליין האָבן נישט געהאַט קיין האַרמאָנישע באַציִונגען צווישן זיך. דורכגעדרונגען מיט שׂינאה, תּאווה און זנות, קריגן זיי זיך און שלאָגן זיך, און טייטן איינע די אַנדערע.

זייער הויפּטגעאַט זעוס איז אַ שׂונא דעם מענטש, שטערט אים אין זיין אַנטוויקלונג און ער האָט מורא, אַז טאָמער ווערט דער מענטש מעכטיק, קען ער גאָר ווערן זיין קאָנקורענט. דער האַלבגאָט פּראָמעטעוס, וואָס האָט יאָ רחמנות אויפן מענטשן און ברענגט אים אַראָפּ פונעם אָלימפּ דאָס פייער און ליכט, צו זיין געגנוס, ווערט אַכזריותדיק באַשטראָפט פון זעוסן.

זעוס, דער פאָטער פון די געטער און מענטשן, איז אָבער דאָך נישט געווען אַלמעכטיק; ער אַליין איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם בלינדן שיקזאַל, דעם „פאַטום", דורך וועלכן ער ווערט אָפט באַזיגט קעגן זיין ווילן און ער מוז אָפט מאָל איבערלעבן אַ טראַ־געדיע צוליב דעם רוע הגזירה, דעם אורטייל פונעם גורל.

ביישפילן אַזעלכע קען מען זען אין זייער וווּנדערלעך שיינער ליטעראַטור — אין דער איליאַדע, אָדיסייע אָדער אין די טראַ־געדיעס, ווו דער מענטש אין זיין אומבאַהאָלפנקייט קעגן גורל ווערט צעריבן אין קאָנפליקט צווישן זיינע מענטשלעכע פליכטן און דעם אַכזריותדיקן גורל און ער ווערט אומגעבראַכט דורך די בלינדע אומברחמנותדיקע געזעצמעסיקייטן פון וועלכע ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג.

דער אוניווערס ביי זיי איז אונטערגעוואָרפן דעם בלינדן צופאַל; די וועלט איז אַ בלינדער מעכאַניזם, וואָס פונקציאָנירט, מע ווייסט נישט צוליב וואָס און צוליב ווען, אָן אַ תּכלית און אָן אַ זין; און דאָס וואָס דער מענטש פאַרנעמט איז קליין און נישטיק, אַז עס לוינט זיך נישט צו פאַרנעמען מיט אים. די געטער

זענען נישט מגלה דעם מענטשן וואָס ער זאָל טאָן, וואָס ס׳איז גוט, זיי זענען אים מגלה בלויז זיין גורל, — צו וועמען ער איז אונטערגעוואָרפן, און פון דעם פאַטאַליזם קען ער זיך נישט אַרויס־דרייען.

אַנדערש איז עס ביי אונדז. אין אונדזער וועלטבאַנעם איז גאָט די פאַרקערפּערונג פון אַלץ וואָס איז גוט, עטיש און גערעכט; גאָט איז די העכסטע אינסטאַנץ פון מאָראַלישן ווילן און די העכסטע סאַנקציע פאַר גוטע מעשים. דער מענטש דאַרף זיך אָפּלערנען פון גאָט די גוטע מידות.

מה הוא רחום — אף אתה רחום.

מה הוא חנון — אף אתה חנון.

ביי אונדז זענען נישטאָ קיין טעאָלאָגן וואָס גריבלען זיך אויס־צוגעפינען, ווער איז גאָט און ווי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, נאָר בעיקר — ווער איז דער מענטש, די קרוין פון דער באַשע־פעניש, און ווי ער דאַרף זיך פירן מיט זיינע מיטמענטשן; ער ווערט געלערנט וואָס ער דאַרף טאָן, ווי דער נביא זאָגט: „הגיד לך, אָדם, מה טוב ומה ה׳ דורש ממך, כי אם עשית משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך״. — מע האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש, וואָס איז גוט, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר. נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד און פירן זיך צניעותדיק פאַר דיין גאָט.

דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן די בחירה, דער פרייען ווילן, דאָס איז דער יסוד פון דער יידישער אמונה (חוץ דעם מאָנאָטעיזם — דער איינהייט פון גאָט), און ער קען אויסקלייבן „בין טוב לרע״, זיין מאָראַלישן וועג, און ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אייגענע מעשים (פון דאַנען דער שׂכר ועונש). גוטע מעשים קענען אַפילו ברעכן דעם פסק פון גאָט אַליין (תשובה, תפילה, וצדקה מעבירין את רוע הגזירה).

צדק, יושר, רחמנות און צניעות — דאָס זענען די הויפּט־עלעמענטן וואָס ייִדן האָבן פּראַקטיצירט.

די גריכן האָבן נישט געוווּסט פון קיין בחירה חופשית, ס'איז זיי געווען אין גאַנצן פרעמד דער באַגריף. זייער קולטור איז געווען באַגרינדט הויפּטזאַכלעך אויף עסטעטיק, אויף דער פּאָעטי־שער קונסט, אויף אויסנווייניקסטן פּוץ, גלאַנץ און רייץ, נישט קימערנדיק זיך וועגן אינהאַלט, געווען געבויט אויף דעם רושם פון אויג: וואָס שיין, איז געווען אויך גוט.

מיר, ייִדן, לייגן מער דעם אַקצענט אויפן האַרץ: „רחמנא לבא בעי". דער אידעאַל פון יהדות איז נישט שיינקייט וואָס איז אויך גוט, נאָר גוטסקייט וואָס איז אויך גערעכט.

ר' יהודה הלוי האָט געשריבן: זאָל דיך נישט פאַרפירן די חכמה פון די גריכן. זי גיט בלויז בלומען, אָבער נישט קיין פרוכט.

אַזוי הויך ווי די גריכן זענען געווען אין קונסט און וויסן, אַזוי טיף געזונקען זענען זיי געווען אין מאָראַל און עטישן אידעאַ־ליזם. זייער געזעלשאַפט איז געווען געבויט אויף געוואַלט און ברוטאַלער שקלאַפעריי. לויט זיי, באַלאַנגט די וועלט צו דעם שטאַרקן, נישט רעכענענדיק זיך מיטן געפיל פאַרן שוואַכן און פאַרן שקלאַף.

ס'איז באַוווּסט, אַז זיי פלעגן איבערלאָזן שוואַכע קינדער אויף די הויכע בערג צום אומקום. אויך די שפּילן אין די אַמפיטעאַטערס, ווו מענטשן פלעגן אומקומען פאַרן פאַרגעניגן פון דער מאַסע, זאָגן עדות אויף דעם.

זייער הויכע חכמה און וויסן זענען געווען פאַר יחידי סגולה, אויסדערוויילטע. דאָס איז געווען אַ קליינער פאַרמעגלעכער אייבער־שיכט, וואָס איז באַדינט געוואָרן דורך מאַסן שקלאַפן. פיזישע אַרבעט איז באַטראַכט געוואָרן ווי נישט פּאַסיק פאַר אַן אמתן גריך, זיי האָבן זי באַטראַכט מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג, און דאָס

אַרט פֿון בעלי־מלאכות איז געווען לעבן די שקלאַפֿן. פֿאַר די גריכן איז דער, וואָס האָט נישט געערדט קיין גריכיש באַטראַכט געוואָרן ביאָלאָגיש מינדערווערטיק, און אָנגערופֿן געוואָרן מיטן נאָמען באַרבאַר.

אפילו בײַ אַריסטאָטעלעסן ווערט די מענטשהייט אײַנגעטיילט אויף הארן און שקלאַפֿן. ער באַגרינדט, אַז ס'זענען פֿאַראַן פֿעלקער וואָס זייער מיסיע איז צו הערשן, און אַזעלכע, פֿאַראורטיילטע פֿון געבוירן, וואָס זייער אייביקער גורל איז צו ווערן באַהערשט; די נידעריקע ראַסן דאַרפֿן מיט גוטן ווילן און מיט הכנעה זיך אונטערוואַרפֿן די העכערע ראַסן מיט זייער דעספּאָטישן רעזשים.

ווי אַנדערש איז עס בײַ ייִדן. די תּורה לערנט, אַז יעדער מענטש איז געבוירן געוואָרן בצלם ה' און ער איז געטלעך אין מיניאַטור — „ותחסרהו מעט מאלהים" (תּהלים). מענטשלעך לעבן איז הייליק. יעדער יחיד האָט די בחירה חפשית און איז פֿעיִק אויף מעשׂים וואָס קענען אים דערהייבן צו דער מדרגה פֿון רוח הקודש.

דער מענטש איז נישט דעטערמינירט נישט דורך זײַן געשלעכט, נישט דורך זײַן סאָציאַלער פּאָזיציע און נישט דורך זײַן ראַסע. מענטשלעכע אַרבעט, אויך פֿיזישע אַרבעט, איז זייער געשאַצט געוואָרן. אונדזערע תּנאים האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַרבעט און מלאכה ווי דער קוואַל פֿון זייער טעגלעכער חיונה, פּאַראַלעל מיטן תּורה לערנען. „טוב תּורה עם דרך־ארץ", אָדער „פּשוט נבלה בשוק ואל תּצטרך לבריות".

דער ייִדישער אוניווערסאַליזם איז בולט אויסגעדריקט אין דעם מאַמר פֿון רבי מאיר: „אָדם הראשון מכּל העולם הוצבר עפרו". יעדער איינער האָט דעם זעלבן ייִחוס. מיר שטאַמען פֿון איין טאַטן. נאָך מער, יעדער מענטש דאַרף זאָגן, אַז צוליב אים איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן: „בשבילי נברא העולם" (סנהדרין).

מיר זעען, ווי דער אחדות הבורא-באַגריף גייט צוזאַמען מיט דער אחדות הבריאה (אנושיות).

אַז אַלע מענטשן זענען גלייך פאַרן געזעץ איז בולט אַרויס־געזאָגט געוואָרן אין דער תורה, נישט איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל. ס׳איז נישט נאָר אַ קובץ פון דינים פאַר שופטים און נשיאים, און נישט פאַר קיין ספּעציעל פּריווילעגירטע קלאַסן אין פאָלק, נאָר אַ תורת חיים פאַר אַלעמען: „אתם נצבים היום כולכם״ (דברים כ״ט). — איר שטייט היינט אַלע פאַר גאָט, ...אייערע עלטסטע און אויפזעערס, אייערע מענער, ווייבער און קינדער און דער פרעמדער וואָס אין דיין לאַגער, פון דיין האָלצהאַקער ביז דיין וואַסערשעפּער.

וועט איר זאָגן, אַז מיר ייִדן האַלטן דאָך אויך פון זיך, מיר האַלטן זיך פאַר די אויסדערוויילטע פון גאָט — דער „אתה בחרתנו״-באַגריף וואָס שטערט אָפט מאָל אַפילו אַ סך ייִדן. וויל איך זיי זאָגן, אַז דאָס איז אין דער בחינה פון „נאָבלעס אָבליזש״. מיר זענען אויסגעקליבן צו האָבן מער פליכטן, נישט קיין פּריווי־לעגיעס, ווי עמוס דריקט זיך אויס: „רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה, על כן אפקד עליכם את כל עוונותיכם״ (ג׳ ב) — נאָר אייך האָב איך דערקענט פון אַלע משפחות פון דער ערד, דאַרום וועל איך זיך רעכענען מיט אייך פאַר אַלע אייערע זינד.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון די שאַרפע מאָראַלישע אונטער־שיידן צווישן די ייִדן און די גריכן.

איצט קענען מיר פאַרשטיין, פאַר וואָס די ייִדן האָבן געמוזט מורד זיין, ווייל אָנצונעמען דעם גריכישן לעבנס-שטייגער וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי באַגיין אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד.

ווען אַנטיוכוס האָט אַריינגעשיקט אַ גאַרניזאָן סאָלדאַטן אין יהודה צו צווינגען די ייִדן זיי זאָלן אויספּילן זייַנע באַפעלן און דינען די גריכישע געטער, ווען ער האָט פאַרבאָטן אונטערן טויט־

שטראָף אָפּצוהיטן די הויפּט־יסודות פון דער ייִדישער אמונה, ווי מילה, שבת און תורה־לערנען, ווען ער האָט אַריינגעשטעלט אין בית־המיקדש דאָס זעוס־בילד און באַפוילן מקריב צו זיין צו אים אַ חזיר, האָבן שוין ייִדן לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן. זיי זענען געווען געצוווּנגען צו קעמפן כדי צו ראַטעווען דעם ייִדישן גייסט פון פאַרניכטונג.

אין אַ שטעטל מודיעין האָט געלעבט די חשמונאים־משפחה, דער אַלטער כהן מתתיהו בן יוחנן מיט זיינע פינף זין. אַ סירישער אָפיציר איז אַריינגעקומען אין דעם שטעטל, אויפגעשטעלט אַן אַלטאַר און געפאָדערט פון דעם אַלטן כהן ער זאָל מקריב זיין אַ קרבן פאַר דעם געטש, דעם גאָט פון דער מלוכה, וועמען אַלע פעלקער מוזן דינען, און אַזוי אַרום ווייזן אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע ייִדן. דאַן האָט מתתיהו געענטפערט הויך און שטאָלץ: „זאָלן אַלע פעלקער פאָלגן אייער קעניג, איך און מיינע ברידער וועלן קיין מאָל נישט אָפּטרעטן פון אונדזער גלויבן".

אין דעם מאָמענט איז צוגעגאַנגען צום אַלטאַר איינער פון די ייִדישע העלעניסטן און געווען גרייט צו טאָן וואָס דער אָפיציר האָט פאַרלאַנגט. דער אַלטער מתתיהו האָט מיט דער הילף פון זיינע זין זיך געוואָרפן אויף אים און אים געטייט. מיטן אויסרוף „מי לה' ולתורתו אלי", ווער ס'איז פאַר גאָט און זיין תורה זאָל קומען צו מיר, האָט ער צוזאַמענגעקליבן טויזנטער ייִדן, פאַטריאָטן און פרומע מענטשן, חסידים ווי מען האָט זיי גערופן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די בערג און פון דאָרט פלעגן זיי מאַכן אָנפאַלן אויף די פאַרבייגייענדיקע גריכישע סאָלדאַטן. ירושלים איז אויס־געליידיקט געוואָרן פון ייִדן, נאָר די מתיוונים זענען פאַרבליבן; דאָס זענען די אַסימילאַטאָרן וואָס זענען פאַרסמט געוואָרן פון דער העלעניסטישער ציוויליזאַציע און האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם שונא אין דער פאַרשפּרייטונג פונעם העלעניזם. אַזוי איז דער

חשמונאים־מרד געווען געוועגדט גלייכצייטיק קעגן דעם פרעמדן סירישן אונטערדריקער און קעגן זיינע נאָכשלעפּערס, די ייִדישע אַסימילאַטאָרן, די פאַררעטערס פונעם פאָלק.

מתתיהו האָט פאַר זיין טויט איבערגעגעבן די מיליטערישע פירערשאַפט פון דעם רעוואָלט דעם זון זיינעם, יהודה המכבי, מיט זיינע ברידער. עס איז שווער צו דערקלערן גענוי דעם באַטייט פונעם נאָמען „מכבי״, ווייל באמת האָבן מיר נישט קיין זיכערע מאַטעריאַלן אויף וועלכע זיך צו שטיצן. איינציקע זאָגן, אַז די פיר אותיות פון דעם וואָרט מיינען: „מי כמוך באלים ה׳״ — די איניציאַלן וועלכע זענען געווען אויסגעניייט אויף זייערער פאָן. אַנדערע זאָגן, אַז עס מיינט גאָר „מתתיהו כהן בן יוחנן״. ווי עס זאָל נישט זיין, די חשמונאים אָדער די מכבים האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף פאַר דער „פרייהייט פון געוויסן״, דעם ערשטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַ נאַציאָנאַלן קריג מיטן ציל צו באַפרייען זיך פון יעדן פרעמדן איינפלוס און זיי האָבן געקעמפט ווי די לייבן. דאָס איז געווען אַ שווערע מלחמה און זי האָט גע־דויערט אַ 25 יאָר ביז דאָס לאַנד איז אויסגעלייזט געוואָרן פונעם פרעמדן יאָך. טויזנטער ייִדן זענען דאַן אויסגעהרגעט געוואָרן און פאַרפייניקט געוואָרן אין די שרעקלעכסטע יסורים. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע פון ייִדישן מאַרטירערטום.

די געשיכטע פון חנה (בת אריאל) מיט אירע זיבן זין, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם איז אַלעמען באַקאַנט. די אומגליקלעכע מוטער האָט פאַרענדיקט אויך איר אייגן לעבן מיט די ווערטער: „אם הבנים שמחה, הללויה״ (עס פרייט זיך די מוטער מיט אַזעלכע קינדער, געלויבט איז גאָט).

נאָך דריי יאָר שווערע קאַמפן האָבן די מכבייער פאַרטריבן די סירישע האָרדעס פון ירושלים. זיי זענען אַרויף אויפן הר הבית און האָבן דערזען אַ טרויעריק בילד. דער בית המקדש איז געווען

פֿאַרשמוצט, פֿאַרוויסט און פֿאַרפֿינצטערט, און אויפֿן מזבח — דער אָפּגאָט זעוס. מען האָט גענומען אויסרייניקן דעם בית המקדש, אַרויסוואַרפֿן די געטשן־בילדער און ווען מען האָט פֿאַרענדיקט די אַרבעט, האָט מען באַנײַט די עבֿודת השם, באַלויכטן דעם היכל מיט העלע פֿײַערן, אָנגעצונדן די מנורה און געמאַכט אַ יום־טובֿ פֿון חנוכּת הבית מיט שׂימחה און לויב צו גאָט פֿאַר דעם נסימדיקן זיג.

דאָס איז געווען דעם 25סטן טאָג אין חודש כּסליו — פּונקט אין דעם טאָג ווען אַנטיוכוס האָט מיט דרײַ יאָר צוריק פֿאַראומרייניקט דעם בית המקדש, אַרײַנשטעלנדיק דאָרטן דעם זעוס־פּסל.

זיי האָבן אָנגערופֿן דעם יום־טובֿ חנוכּה, ווײַל די עבֿודה איז באַנײַט געוואָרן און מען האָט געמאַכט חנוכּת הבית.

אַזעלכע פֿײַערונגען זענען געווען בײַ ייִדן אין פֿאַרשיידענע צײַטן; ס'איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע אײַנפֿירונג. שלמה המלך האָט געמאַכט חנוכּת הבית פֿונעם ערשטן בית המקדש און אויך נאָך שיבֿת ציון אין נחמיהס צײַטן, ווען מען האָט פֿאַרענדיקט דעם מויער אַרום ירושלים, אַפֿילו פֿריִער, אין משהס צײַטן האָט מען געמאַכט אַ חנוכּת הבית פֿאַרן מישכּן אין מידבר. אַנדערע ווילן האָבן, אַז חנוכּה מיינט: „**היהודים חנו בכ"ה כּסלו**", דאָס הייסט, די ייִדן האָבן גערוט פֿון זייערע מלחמות מיט די גריכן אין דעם 25סטן טאָג פֿון חודש כּסלו.

עס איז באמת געווען אַ גרויסער יום־טובֿ פֿאַר די ייִדן, אַ נסימדיקער נצחון־יום־טובֿ, פֿון שוואַכע קעגן שטאַרקע, פֿון גײַסט קעגן דער פֿיזישער מאַכט. חנוכּה איז געהייליקט דירעקט און אַבסאָלוט דעם אָנדענק פֿון אַ מלחמה־זיג, וואָס האָט געבראַכט צו ייִדישער הערשאַפֿט און פּאָליטישער פֿרײַהייט.

די חז"ל אָבער זענען מער גענייגט אונטערצושטרייכן נאָר די גײַסטיקע זײַטן פֿון דעם חשמונאים־זיג איבער די יוונים און

קאַנצענטרירן דעם יום־טוב אויפן נס מיטן קריגל אייל. אויב זיי זענען געווען אין צייט נאָענט צו דעם נצחון, האָבן זיי זיכער געוווּסט פון די חשמונאים־גבורות, דאָך קומען זיי אַרויס מיט אַ מין תמימותדיקער, וואָלט איך געזאָגט, שאלה: „מאי חנוכה?" (שבת כא א) — וואָס איז חנוכה? און זיי גיבן דאָרט דעם ענטפער:

ווען די חשמונאים האָבן באַזיגט די גריכן און אויסגערייניקט דעם בית המקדש, האָבן זיי געזוכט און געפונען נאָר איין קריגל בוימל מיטן שטעמפּל פון כהן גדול וואָס די יוונים האָבן נישט מטמא געווען. דאָס קריגל איז געווען גענוג צו ברענען נאָר איין טאָג, איז געשען אַ נס און דער פּך השמן איז געווען גענוג פאַר גאַנצע אַכט טעג. דערפאַר האָט מען באַשטימט צו פייערן חנוכה אַכט טעג.

נאַטירלעך, האָבן זיי דאַן צוגעגעבן הלכישע דינים, ווי הלל און אַנדערע. מיט דעם האָבן זיי פאַרטונקלט די גבורות פון די פרייהייט־קעמפער און אויפגעהויבן די וויכטיקייט פון דעם נצחון פון דער גייסטיקער זייט איבער די מיליטערישע און פיזישע זיגן. אין „על הנסים" אָבער הייבן זיי גאַנץ שטאַרק אַרויס די חשמו־נאים־משפחה.

אַזאַ יום־טוב ווי חנוכה האָט געקענט זייער לייכט ווערן אָנגערופן חג החשמונאים, אָדער חג המכבים. אָבער מען האָט נישט געוואָלט אַרויסברענגען דעם קולט פון די מנהיגים. ווייל וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלט חנוכה שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

אינטערעסאַנט, אַז זיי האָבן אַפילו נישט פאַרצייכנט די דאַטע ווען ירושלים איז אַריבער אין ייִדישע הענט, לאָמיר זאָגן ווי דער יום ירושלים, כ"ח סיוון אין אונדזערע טעג.

אין דער ייִדישער געשיכטע זענען פאָרגעקומען אַ סך גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן געקענט גרינג זיין מאָטיוון פאַר יום־

טובים. (יהושע האָט איינגענומען דאָס לאַנד, שיבת ציון פון בבל א״אַ), אָבער מען זעט נישט און מען הערט נישט פון אַזעלכע יום־טובים, נאָר דערפאַר ווייל חנוכּה איז געבליבן דער סימבאָל פון גייסט קעגן פיזישן כּוח, אַרומגענומען אין אַ רעליגיעזן לבוש, אַפילו לעגענדאַריש, ווי אַ נס פון פּך השמן, איז חנוכּה געבליבן אַ יום־טוב.

די חז״ל האָבן איינגעשטעלט, אַז שבת חנוכּה, ווען ס׳פאַלט אוים ראש חודש, לייענט מען די הפטורה פון נביא זכריה „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוחי אמר ה׳״ (זכריה ד׳) — נישט מיט חיל און נישט מיט כּוח, נאָר מיט מיין גייסט.

ווי יעדער יום־טוב, נעמט אויך חנוכּה אָן לויט דער צייט־באַדערפעניש נייע דערקלערונגען, פרישע פאָרמולירונגען און אוים־טייטשונגען, נייע מאָטיוון און מאָדערנע פאָרמען. געווען צייטן ווען חנוכּה איז אַ ביסל פאַרבלאַסט געוואָרן. אין אונדזערע טעג איז חנוכּה מיט די חשמונאים־געשטאַלטן אַדאַפּטירט געוואָרן דורכן ציוניזם, און די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל האָט צו דעם זייער אַ סך צוגעהאָלפן.

די בויערס און קעמפערס פון דער מדינה זענען אינספּירירט געוואָרן פונעם אידעאַליזם פון די חשמונאים און פונעם פלאַמיקן גייסט פון די מכּבייער. דער נס פון חנוכּה גיט מוט זיך קעגנ־צושטעלן דעם שׂונא און זיך נישט אונטערגעבן דעם ברוטאַלן כּוח. חנוכּה ברענגט אונדז אַ מוסר השׂכּל און לערנט אונדז געשיכטע. ווי מיר זאָגן „בימים ההם בזמן הזה״, ווי אַ מאָל — אַזוי איצט, די געשיכטע חזרט זיך איבער. אויך איצט דאַרף מען קעמפן קעגן די אינערלעכע אַסימילאַטאָרן ווי מיט די אויסערלעכע שׂונאים.

ווי פריִער געזאָגט, איז חנוכּה אַ וואָכעדיקער יום־טוב. זיין וויכטיקסטער צערעמאָניאַל איז דאָס צינדן די חנוכּה־ליכטלעך, און יעדער איינער, מאַן און פרוי, אָרעם און רייך, זענען מחוייב צו

צינדן די ליכטלעך (הכל חייבים בנר חנוכה, אפילו עני המתפרנס מן הצדקה).

חנוכה ווערט אויך אָנגערופן חג האורים — דער יום־טוב פון ליכט. דער ערשטער וואָס דערמאָנט אָט דעם דאָזיקן נאָמען איז דער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס.

דאָס ליכטצינדן האָט אַ ספּעציעלן מאָטיוו. מע דאַרף עס צינדן נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן דרויסן, אַוועקשטעלן די מנורה אַז מענטשן פון דער גאַס זאָלן זי זען — צו דערמאָנען די פריינד און די שׂונאים דעם חנוכּה־נס.

„פרסומי ניסא" — הייסט עס אין דער הלכהישער שפּראַך.

ליכט ביי ייִדן איז זייער וויכטיק. יעדן יום־טוב באַשיינען מיר מיט ליכט און מאַכן די ברכה „אשר קדשנו במצוותיו וציונו להדליק נר". ליכט טראָגט אין זיך דעם פונק פון אייביקייט. אין ראשית הבריאה, גלייך ביים וועלטבאַשאַף, האָט גאָט באַשאַפן דאָס ליכט: „ויהי אור" (בראשית א׳ ד) — נאָך איידער הימל און ערד זענען באַשאַפן געוואָרן. ליכט וואַרעמט און שיינט, איין קליין ליכטעלע פאַרטרייבט אַ גרויסע פינצטערניש און ווערט דורך דעם גאָרניט געמינערט.

אין אַזוי פיל לענדער, אין אַזוי פיל טיילן פון דער וועלט איז דאָס ליכט אויסגעלאָשן.

כ׳האָב געלייענט דאָ נישט לאַנג צוריק, אַז דער אַרגענטינער אַדאָלפאָ פּערעס עסקיוועל האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר שלום פון היינטיקן יאָר, האָט דער נאָרוועגישער קעניג אים אַדרעסירט מיט די ווערטער: „פאַר ברענגען ליכט אין אַ פינצטערן ווינקל". מיט וואָס האָט ער זיך פאַרנומען? — מיט פאַרטיידיקן פרייהייט און מענטשנרעכט אין אַרגענטינע, דאָס הייסט, איינער וואָס שטעלט זיין אייגן לעבן אין קאָן כדי צו ברענגען דאָס ליכט

פון פרייהייט און מענטשן-ווערדע, שטיצט מיט דעם דעם סאַמע פונדאַמענט פון פרידן.

ליכט גיט צו פייערלעכקייט דעם שיינעם יום-טוב פון פרייהייט. חנוכּה האָט באַגייסטערט פּאָעטן און מוזיקאַלאַגן און באַפּרוכפּערט זייער שאַפונג-קראַפט (לאָנגפעלאָו, געאָרג הענדעל).

חנוכּה איז אויך אַ יום-טוב פאַר דער ייִדישער היים.

פאַר די קינדער איז גאָר אַ גדולה. מע קריגט חנוכּה-געלט און מתּנות, נישט איין טאָג, נאָר טאַקע אַכט טעג. מען שפּילט אין דריידלעך. דעם דריידל האָט מען גענומען טאַקע פון דער פרעמד, אָבער מען האָט אים מגייר געווען כּהלכה, און מען האָט אַריינגעגעבן אין אים סימנים פון דעם יום-טוב.

אויף די פיר פליגלען פונעם דריידל זענען פאַראַן די אותיות נ, ג, ה, ש. דאָס מיינט די ראשי תּיבות פון נס גדול היה שם. די חסידים אָדער די מקובלים געפינען אין אָט די אותיות דעם ציפער 358, בגימטריא משיח.

דער פאַרשטאָרבענער העברעיִשער פּאָעט דניאל פּערסקי פאַר-גלייכט דעם דריידל צום ייִדישן פאָלק:

כּנסת ישׂראל משולה לסביבון, לפי שגם היא עומדת על רגל אחת ואין לה מעמד קבוע. היא סובבת ונופלת, קמה ונופלת ושוב קמה.

דאָס הייסט, ווי דער דריידל, אַזוי אויך דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס שטייט אויף איין פוס אָן אַ שטאַרקער באַזע. עס דרייט זיך און פאַלט, שטייט אויף און פאַלט און שטייט ווידער אויף.

וויפל מאָל איז דאָס שוואַכע ייִדישע פאָלק געפאַלן אין פאַר-לויף פון דער געשיכטע! מעכטיקע פעלקער האָבן עס יעדעס מאָל אַ שטויס געטאָן און אומגעוואָרפן. אָט זענען געקומען די בבלים, די גריכן, די רוימער, די שפּאַניער, דייטשן, רוסן, און ווער נישט? די כּנסת ישׂראל האָט נישט געקענט לאַנג שטיין אויף איין פלאַץ.

האָט זי זיך געדרייט ווי דאָס דריידל, אָן אַ יסוד און אָן אַ באָדן אונטער די פיס, געוווּען אין שטענדיקער באַוועגונג, פערפעטום מאָבילע, געפאַלן, זיך ווידער אויפגעהויבן, ווי לייוויק זאָגט אין זיינעם אַ ליד: „איך הייב זיך אויף ווידער און שפאַן אַוועק ווייטער".
און דאָס דריידל דרייט זיך מיט נסים, אויף אייביק, לעולם ועד.

ווען מיר צינדן די חנוכּה־ליכט, אין מדינת ישׂראל, אין אַלע יידישע היימען; ווען עס הילכט אָפּ אונדזער אַלט־נייע טראַדיציאָנעלע ברכה פון „שעשׂה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה"; ווען נאָך צוויי טויזנט יאָר פון צרות און פּיין איז אונדזער מלוכה־לעבן ענדלעך באַנייט געוואָרן אין דעם אַלט־נייעם היימלאַנד, לאָמיר געדענקען, אַז דער „פּך השמן" וואָס ראַנגלט זיך אַלע יאָרן מיט דם־שׂונאים און מכּלומרשטע פריינד, וואָס ווילן אונדז אומברענגען, איז היינט אַזוי אַקטועל ווי אַ מאָל.

חמשה עשׂר בשבט

חמשה עשׂר בשבט, פופצן טאָג אין חודש שבט, פאַרקירצט מיטן נאָמען ט״ו בשבט, איז דער יִינגסטער פון אַלע יום-טובים פון אונדזער לוח (אַחוץ, נאַטירלעך, דעם יום העצמאות). ער איז אַ וואָכעדיקער יום-טוב, נישט אָנגעוויזן און נישט באַצייכנט נישט אין תּנך און נישט אין תּלמוד, אָן אַ רמז אַז ט״ו בשבט איז אַ מאָל געווען אַ יום-טוב ביי אונדז.

עס איז יאָ פאַראַן אַ באַצייכענונג אין דער ערשטער מישנה פון מסכתּא ראָש-השנה, אַז דער פופצנטער טאָג אין שבט איז דער ראָש-השנה לאילנות — אַ נייַיאָר פאַר די ביימער. דאָרט רעדט זיך נאָר וועגן דער דאָזיקער דאַטע ווי אַ הלכהדיקער טערמין אין שייכות מיט די מצוות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די ביימער און פרוכטן, ווי ערלה און מעשׂרות, אָבער עס זאָגט זיך גאָרנישט וועגן אַ יום-טוב.

פאָרשערס גיבן איבער, אַז דער יום-טוב ציט זיין יניקה פון גאָר אַן אַלטן מקור, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים, ביז ער האָט באַקומען די איצטיקע געשטאַלטונג ווי דער יום-טוב פון פרוכט, פון גרינס און פון ביימער.

פאַר וואָס הייסט דער יום-טוב ט״ו בשבט?

ווי איר ווייסט, באַנוצן מיר זיך גאָר אָפט מיט די 22 אותיות פונעם אַלף-בית ווי ציפערן, נומערן: א־1, ב־2, ה־5, י־10 און אַזוי ווייטער. וואָלט טאַקע געדאַרפט זיין י׳ און ה׳־15. מען טאָר

אָבער דאָס נישט אַרויסזאָגן, ווייל דאָס איז אַ העלפט פון דעם שם המפורש, פון גאָטס נאָמען, בייטן מיר דאָס איבער אויף ט־9 און ו־6, צוזאַמען 15, ט״ו בשבט.

אַ סך נומערן ביי אונדז האָבן אַ ספּעציעלע הייליקייט, לאָמיר זאָגן ווי דער נומער 7 — דער זיבעטער טאָג איז שבת, שבע ברכות ביי אַ חתונה. דער 15טער טאָג אין חודש האָט אויך אַ געוויסע הייליקייט; די מערהייט פון אונדזערע יום־טובים פייערט מען דעם 15טן טאָג אין חודש. פּסח פאַלט אויס דעם 15טן אין ניסן; סוכּות — 15 טעג אין תשרי, פּורים — 15 טעג אין אָדר. ס'איז געווען אויך אַ מאָל אַ גרויסער יום־טוב ט״ו באָב, וואָס איז פאַרבלאַסט געוואָרן מיט דער צייט און מען פייערט אים נישט מער. אמר רבי שמעון בן גמליאל „לא היו ימים טובים לישׂראל כחמישה עשׂר באב״ (תענית מ״ח — דאָס איז אַ שידוכים יום־טוב; פּילגש בגבעה) און ט״ו בשבט ווי דער נייִאָר פאַר די ביימער.

די נאַטור אַליין אָנערקענט דעם 15טן טאָג אין יעדן חודש און באַצייכנט אים מיט אַ דערשיינונג, וואָס מיר גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דעם: דאָס איז דער טאָג, ווען די לבנה איז פול, זי איז דאַן אַ קאָמפּלעטער צירקל און שיינט אַרויס אין דעם טיפן תהום פון הימל אין איר פולער פּראַכט.

אין אָנהייב חודש באַווייזט זיך די לבנה קוים, קוים אויפן הימל, דאָס איז דער מולד, וואָס באַנייט דעם חודש און לויט אים זענען איינגעשטעלט אונדזערע ייִדישע יום־טובים.

דעמאָלט בענטשט מען דעם חודש, מע איז מקדש די לבנה מיט תּפילות, מען פרייט זיך, וואָס די לבנה דערשיינט ווידער. נישט אומזיסט ווערט דאָס ייִדישע פאָלק געגליכן צו דער לבנה. סוף חודש איז פינצטער, חושך, מען זעט זי נישט אַרויס, אָבער ס'קומט דער נייער חודש, לעבט זי אויף און ווערט ווידער באַנייט. אַזוי אין די תּקופות פון אונדזער גורלדיקן היסטאָרישן גלות־וועג.

אין סנהדרין מ״ב, און אויך ביים רמב״ם, ווערט געזאָגט, אַז אַזוי ווי די לבנה באַנייט זיך, אַזוי וועט קומען דער ווידערגעבורט און די באַנייונג פון ייִדישן פאָלק.

פון דער לבנה מיט אירע פאַרשיידענע קרעסצענטן אין משך פון חודש קען מען געוווּיער ווערן וואָס פאַר אַ טאָג עס איז אין חודש; זי איז ווי אַ לעבעדיקער קאַלענדאַר. ייִדן האַלטן שטאַרק פון דער לבנה. אין תּנך, אין תּלמוד און מדרש איז פאַראַן אַ סך וועגן איר. מיר נוצן דעם לונאַרן סיסטעם, מיר ציילן אונדזערע חדשים לויט דער לבנה, דאָס הייסט, אונדזער חודש איז אָפּהענגיק פון די באַוועגונגען פון דער ערד לגבי דער לבנה.

אָבער טראָץ דעם קאַטעגאָרישן אונטערשייד אין די צוויי הימלישע סיסטעמען פון דער זון און פון דער לבנה, מאַכן מיר שלום צווישן די צוויי נאַטור־עלעמענטן; מיר רעכענען זיך מיט זייער ביידנס איינפלוס אויף אונדזער וועלט. דערפאַר גיבן מיר צו בערך אַלע דריי יאָר נאָך אַ חודש, אַ דרייצנטן חודש, און מיר האָבן אַן עיבור־יאָר, כּדי אָנצוזאָגן, און אויסצוגלייכן זיך מיט די סעזאָנען פון דער זון, וואָס קאָנטראָלירט דעם קלימאַט פון דער ערד. מיר באַלאַנסירן און גלייכן אויס דעם צייט־אונטערשייד פון דעם סאָלאַרן יאָר מיטן לונאַרן יאָר, כּדי פּסח זאָל אויספאַלן, טאַקע אין פרילינג. פּסח איז דאָך חג־האָביב, דער פרילינג־יום־טוב.

אונדזערע תּנאים, אמוראים האָבן אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַסטראָנאָמיע. איין אמורא איז גערופן געוואָרן מיטן נאָמען שמואל ירחינאי (ירח=לבנה). מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז ער קען די וועגן פון דער לבנה מיט די שטערן ווי די וועגן פון נהרדעא — „נהירים לו שבילי רקיע כשבילי נהרדעא״.

אין אונדזער תּקופה זענען שוין די אַסטראָנאַוטן דערגאַנגען צו דער לבנה, און פון די הויכקייטן אַרויסגעזונגען דאָס תּהילים־

געזאַנג וועגן דער גרויסקייט פון גאָט: „השמים מספרים כבוד אל" (אַרמסטראָנג).

די גמרא (ראש השנה י"ד א) דערקלערט, אַז ט"ו בשבט איז דער אָנהייב פון פרילינג. „הואיל ויצאו רוב גשמי השנה" — עס זענען שוין אַדורך די מערסטע רעגנס פון יאָר... זיי האָבן שוין אָנגעטרונקען די ביימער און די פרוכטן הייבן שוין אָן צו קנאָספּן.

עס איז דער סוף (אין דער נאַטור) פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, און ס'הייבן אָן צו שפּראָצן די וואָרצלען פון די ביימער טיף אין די געדערעם פון דער ערד, שטילערהייט, געהיים, קומט דאָרט פאָר אַ טראַנספאָרמאַציע. די נאַטור מאַכט אירע צוגרייטונגען צוויי חדשים פאַר פסח, אַריינצוברענגען דעם פרילינג. ווי געזאָגט, איז פסח דער חג־האָביב, דער פרילינג־יום־טוב, ווען די נאַטור לעבט אויף פון איר לאַנגן ווינטער; אַלע זעען דאָס און דערפילן דאָס. ס'איז גלוי לעינים, יעדער איינער קען עס פילן און זען. מיר ייִדן אָבער זעען נישט נאָר דעם ניגלה, נאָר אויך דעם ניסתּר, דאָס פאַרבאָרגענע; מיר קוקן טיפער און ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו די וואָרצלען, פאַרבאָרגענע אין די טיפענישן, צוגעדעקטע מיט דער ערד, און, ווי די גמרא זאָגט, ווען עס הייבט זיך אָן דער אָנהייב־פּראָצעס פון די ביימער, ווען די פרוכטן באַקומען זייער זאַפט. אין העברעיִש הייסט עס שׂרף ווי אין שיר השירים שרייבט זיך: „עלה השׂרף באילנות".

דאָס איז דער ראָש־השנה פון די ביימער. ס'איז אַ מערקווערדיקער ייִדישער נײַיאָר.

אַלע פעלקער האָבן אַ ראָש־השנה, אַ נײַיאָר, ווען דער לעצטער צעטל פון דעם קאַלענדאַר ווערט אַראָפּגעריסן און זיי הייבן אָן צו ציילן זייערע טעג אין חדשים. פאַר אונדז ייִדן איז נישט גענוג איין נײַיאָר, ס'מוז זײַן עפּעס קאָמפּליצירטער. אונדזער לוח הייבט זיך טאַקע אָן ראָש־השנה, דעם ערשטן טאָג אין חודש תּשרי, דער טאָג

פון הרת־עולם, פון וועלטבאַשאַף און פון דעם געבוירן פונעם ערשטן מענטשן (אָדם).

מיר האָבן אויך דעם חודש ניסן, אויך אַ נײַיאָר, דעם ראָש־חדשים, ווי ער ווערט אָנגערופן אין חומש, פרשת באָ: „ראשון לחדשי השנה", דער ערשטער אינעם חשבון פון די מאָנאַטן.

מיר האָבן אויך דעם אָריגינעלן געבוירן־טאָג, דעם ראָש החיים, ווען דער יחיד איז געבוירן געוואָרן און ער פירט דעם פּריוואַטן חשבון פון זיין אייגענעם לעבן. און ט"ו בשבט — ראָש־השנה לאילנות. אין אַלגעמיין גערעדט שפּילט דער פּריוואַטער געבוירן־טאָג אַ קליינע ראָלע און איז נישט אַזוי שטאַרק וויכטיק. ייִדן האָבן קיין מאָל נישט געהאַלטן פון קיין געבוירן־טאָג. מיר האָבן נישט אין דער תּורה קיין איין מאָל קיין אָנוויז, אַז אַ ייִד, לאָמיר זאָגן איינער פון די אָבות, אָדער ווער פון די היסטאָרישע פיגורן, האָט זיך ווען עס איז געמאַכט אַ יום־טוב פון זיין געבוירן־טאָג.

ס'איז יאָ פאַראַן אין חומש שמות, אַז פרעה מלך מצרים האָט זיך געפּראַוועט אַזאַ יום־טוב און אין מגילת אסתּר האָט זיך אַחשוורוש געמאַכט אַזאַ יום־טוב.

ס'איז זייער פּשוט — מיר האָבן געהאַט זייער ווייניק צו טאָן מיט אונדזער געבוירן ווערן, נישט מע האָט אונדז געפרעגט ווען און וווּ און ביי וועמען געבוירן צו ווערן. מיר האָבן אויך נישט אויסגעקליבן אונדזערע עלטערן, אַזוי אַז מיר קענען זיך נישט באַרימען מיט אונדזער געבוירן־טאָג. להיפך, ביי אונדז איז וויכטיק דער יאָרצייט פון אַ מענטשן, ווען און ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט זיין שליחות אויף דער וועלט, ווי דאָס איז געשריבן וועגן משהן: „ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו. לא כהתה עינו ולא נס לחה".

אמת, ציילן איז אין דער ייִדישער טראַדיציע. ווען אַ ייִדיש ייִנגעלע ווערט געבוירן, ציילט מען אָפּ אַכט טעג און מען פירט

אים אַרײַן אין ברית אַברהם, נאָך דעם צײלט מען װײַטער דרײַסיק טעג ביזן פּדיון הבן פֿונעם בכור. אַז מען איז שױן פּאַרטיק מיטן צײלן די טעג, הײבט מען אָן צו צײלן די יאָרן, ביז צו זײַן בר־מצװה, און אַזױ װײַטער.* מען צײלט צענדליקער יאָרן װאָס װײַזן אָן אױף דעם מענטשנס פֿיזישע און גײַסטיקע כּחות אין משך פֿון זײַן לעבן.

באַלד אין אָנהײב פֿון באַשאַף צײלט מען די טעג און מען רעכנט אױס געניט, װאָס יעדער טאָג האָט געבראַכט אין דער עקסיסטענץ. „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" — ס'איז געװען אָװנט און ס'איז געװען פֿרימאָרגן — אײן טאָג, אַזױ ביז שבת. מען קען אַזױ צײלן און צײלן. דאָס צײלן האָט אַ געװיסן מוסר־השׂכּל — עס לערנט אונדז, אַז צײַט איז װיכטיק, הײליק, אַז מען טאָר נישט פֿאַרשװענדן קײן צײַט, מען דאַרף לעבן מיט חשבון, מיט חשבון הנפש. אַ ייִדישער שפּריכװאָרט זאָגט: װער עס לעבט אָן חשבון, שטאַרבט אָן װידוי.

האָבן מיר, הײסט עס, נישט אײן ראָש־השנה, נאָר עטלעכע — פֿיר. חמישה־עשׂר בשבט איז דער ראָש־השנה פֿון די בײמער, װאָס איז אין אַ געװיסן זין ענלעך צו דעם תּשרי ראָש־השנה; דאָן, לױט אונדזער מסורה, װערן מענטש און פֿאָלק געמישפּט, „מי לחיים ומי למות", װי דער „ונתנה תוקף" דריקט זיך אױס. ט"ו בשבט, זאָגט די טראַדיציע, איז דער טאָג װען דער גורל פֿון די בײמער װערט באַשטימט: װעלכער בױם װעט בליִען און װאַקסן און װעלכער װעט פֿאַרטריקנט װערן, װעלכער װעט ברענגען פּרוכטן און װעלכער װעט אײַנגעשרומפּן און אָפּגעהאַקט װערן.

אין ספר דברים (י"ט, כ') זאָגט זיך „כּי האדם עץ השדה" — דער מענטש איז געגליכן צו דעם בױם. דער בױם איז דער סימבאָל

* אין פּרקי־אָבות איז פֿאַראַן אַ גאַנצע רשימה פֿון צײלן יאָרן: „בן חמש למקרא, בן עשׂר למישנה", אַז אַ ייִנגל װערט אַלט פֿינף יאָר דאַרף ער אָנהײבן לערנען חומש, צו צען יאָר — משנה, צו דרײַצן יאָר — בר־מצװה. אאַז"װ.

פון אַ פֿאַמיליע: יעדער פון אונדז איז ווי אַ צווייג פון אַ בוים. פונקט ווי די צווייגן פון אַ בוים זענען געבונדן צום שטאַם און צו די וואָרצלען, אַזוי איז דער מענטש געבונדן צו זיין משפחה, און יעדער איינער טראָגט די גענען פון זיינע עלטערן, אורעלטערן, און שפיגלט אָפּ די ירושה פון די פריִערדיקע דורות.

אין דעם תנך ווערט זייער אַ סך גערעדט וועגן דעם בוים, ווייל די עקסיסטענץ פון מענטשן איז באַזירט אויפן עולם הצומח, די וועלט פון די פלאַנצן. און ווידער אַ מאָל, ביים אָנהייב פון באַשאַף, האָבן מיר שוין צו טאָן מיט אַ בוים. גאָט אַליין פלאַנצט צוויי סימבאָלישע ביימער אין דעם גן־עדן, דעם עץ החיים און עץ הדעת, וואָס אין זיי איז באַהאַלטן דער טיפער סוד פון גוט און שלעכט, פון לעבן און טויט, פון פרייען אויסוואַל און מאָראַל.

אַברהם אָבינו, ווען ער קומט דאָס ערשטע מאָל אויף אַ נייעם פּלאַץ, אין באר־שבע, וואָס טוט ער? ער פלאַנצט אַ בוים, דעם אשל.

די תורה ווערט געגליכן צו אַ בוים — „עץ החיים היא למחזי־קים בה" (משלי ג׳, י"ח).

ווען משה רבינו שיקט אַרוים די צוויי מרגלים אויסצופאָרשן דאָס לאַנד כנען, זאָגט ער זיי אָן זיך גוט צוצוקוקן „היש בה עץ אם אין" (במדבר י"ג, כ׳). אין דער גאַנצער ביבלישער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין תהילים און ביי די נביאים, ווערט דער צדיק, דער פיינער, אָרנטלעכער מענטש, פאַרגליכן צו אַ בוים פאַרפלאַנצט ביי אַ וואַסערשטראָם און ער ווערט געבענטשט: „צדיק כתמר יפרח, כארז בלבנון ישגה"; „והיה כעץ שתול על פלגי מים, אשר פריו יתן בעתו ועליהו לא יבול". אַן ענלעכער אויסדרוק איז דאָ ביי ירמיהו (י"ז, ח׳).

דער תלמוד דערציילט (תענית), אַז ר׳ יוחנן בן זכאי פלעגט זאָגן: אויב דו האַלטסט ביי פאַרפלאַנצן אַ שפּראָצל און עס קומט

אָן אַ בשׂורה, אַז משיח קומט אָן, פֿאַרפּלאַנץ דאָס שפּראָצל פּרִיער און נאָך דעם גיי מקבל פּנים זיין משיחן.

אין ישׂראל האָט זיך געשאַפֿן די אָרגאַניזאַציע „נאות קדו־מים" — שיינקייטן פֿון אַ מאָל, אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון קדיש לוז ז"ל, דעם יושב־ראש הכּנסת; שפּעטער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דעם יצחק נבון י"ל, דער פֿינפֿטער פּרעזידענט פֿון ישׂראל.

„נאות קדומים" האָט זיך פֿאַרנומען צו פֿאָרשן, אָפּצוהיטן, אויפֿצולעבן און רעסטאַווירן די פֿאַרשיידענע פֿלאַנצן אוןביימער פֿון אַ מאָל אין ארץ־ישׂראל, וואָס זענען דערמאָנט אין תּנך, באַ־ווייזנדיק זייער שיינקייט אין די אַלייען, פּאַרקן און סעדער. משה דיין ע"ה איז געווען אין פּריוואַטן לעבן אַ לאַנדווירט, אַן אַגראָנאָם, מחוץ פֿון זיין דיפּלאָמאַטישער און מיליטערישער קאַריערע. אַליין אַ סאַברע, אַ קינד פֿון דעם מושב עובדים נהלל, איז ער געווען אויך אַן אַרכעאָלאָג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש מיט לאַנדפֿאָרשונג. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן טיטול „לחיות עם התּנך" (לעבן מיטן תּנך). אין זיינע באַשרייבונגען וועגן דעם לעבן פֿון אַ מאָל, אין די צייטן פֿון די אָבֿות, פֿון די שופֿטים און מלכים, גיט ער איבער בילדער פֿון דעם גאַנצן אַרום — פֿון פּייזאַזש, פֿון דער פֿלאָרע און פֿאַונע, פֿון די געוויקסן און פֿלאַנצן אין די תּנך־צייטן.

אין זיין בוך „לחיות עם התּנך" באַשרייבט משה דיין די תּקופֿה פֿון די אָבֿות און דעם איבערגאַנג פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. אין דעם אַריינפֿיר צום בוך שרייבט ער, אַז דאָס יִדישע פֿאָלק איז שפּעטער פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זיין לאַנד, אָבער דאָס לאַנד איז נישט דערווייטערט געוואָרן פֿון זיין האַרץ. די מדינות וווּ די יִדן זענען געזעסן, זענען געווען פֿרעמד פֿאַר זיי, גלות, זייער פֿאָטערלאַנד איז געבליבן ארץ־ישׂראל. דער ירדן און דער קישון זענען געווען זייערע טייכן, דער שרון און

יזרעאל — זייערע טאָלן, דער תּבור און מוריה — זייערע בערג, און ענתות, בית־אל און שומרון — די שטעט פון זייערע אָבות.

די ייִדן וואָס זענען געקומען פון גלות האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען דאָס גייסטיקע ארץ־ישׂראל פון די ספרים אין אַ גשמיותדיק פאָטערלאַנד. ער אָבער, דיין, האָט געוואָלט געבן דעם לאַנד אַ גייסטיק־היסטאָרישע פאַרטיפונג, אַריינבלאָזן אין די וויסטע חורבות און בערגלעך די נשמה פונעם עבר, און אויפלעבן דאָס ישׂראל פון די צייטן פון אונדזערע אָבות, שופטים און מלכים.

דער קק״ל האָלט אין אויפשטעלן אין די בערג פון יהודה אויף אַ שטח פון אַ זעכציק דונאַם, אַ מוזיי אויפן נאָמען פון דעם בוך „לחיות עם התּנך״, וואָס וועט זיין אַ דענקמאָל פאַרן אָנדענק פון משה דיין, און גלייכצייטיק אַן אַטראַקציע פאַר די באַזוכערס פון לאַנד און פאַר אויסלענדישע טוריסטן.

ווי מיר האָבן געזאָגט פריִער, איז ט״ו בשבט אַ וואָכעדיקער יום־טוב אָן קיין רעליגיעזן באַטייט. ער האָט נישט קיין ספּעציעלע תּפילות, וואָס זאָלן זיין פאַרבונדן מיטן יום־טוב; ער דערמאָנט נישט קיין היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, ווי פּסח — יציאת מצרים; ער סימבאָליזירט נישט קיין קולטוראַקט פון גרויסער וויכטיקייט, ווי שבועות — מתּן תּורה; מיר געפינען נישט אין אים קיין נסימדיקע רעטונג פאַר ייִדן אין די גלות־לענדער, ווי פּורים, און אַוודאי וועקט ער נישט אויף אין אונדזער נאַציאָנאַלן זכּרון דעם שטאָלץ פון די חשמונאים — נצחונות אין קאַמף פאַר דער רעליגיעזער פרייהייט, ווי חנוכּה. ער דערמאָנט נאָר דאָס אידילישע לעבן פון אונדזער פאָלק, ווען עס איז געזעסן אינעם אייגענעם לאַנד און געפירט אַ שטיל, רויִק לעבן, אַקערנדיק און זייענדיק די פעלדער, שניידנדיק די פּרוכט פון דער ערד און היטנדיק די וויינגערטנער און די אַנדערע פּרוכטביימער מיט וועלכע דאָס לאַנד ווערט געלויבט.

דער חומש (דברים ח׳), רעכנט אויס פינף סאָרטן אַזעלכע ביימער, וואָס מיט זיי איז דאָס לאַנד געבענטשט געוואָרן: גפן, תאנה, רימון (גראַנאַט), שמן (זית), דבש (טייטלבוים) — תמר. ט״ו בשבט איז אַ נאַטור־יום־טוב. אָן שום היסטאָרישע דערקלערונ־גען, ווען די לאַנדווירטן האָבן געלעבט רויִק אָן זאָרגן פאַרן מאָרגן, אין דער בחינה פון „איש תחת גפנו ותחת תאנתו ואין מחריד״, ווי דער נביא מיכה (ד׳, ד) זאָגט — איטלעכער אונטער זיין ווייַנ־שטאָק און אונטער זיין פייגנבוים און קיינער וועט זיך נישט שרעקן.

ס׳איז געווען אַ מאָל אַ מינהג אין ארץ־ישראל צו באַגריסן דעם געבורט פון אַ ייִנגעלע מיט פלאַנצן אַ צעדערבוים און פון אַ מיידעלע — אַ ציפּרעס, לויט די אייגנשאַפטן פון די צוויי מינים: דער צעדערבוים סימבאָליזירט די שטאַרקייט און פּראַכט, דער ציפּרעס — די איידלקייט, חן און זיסקייט. די קינדער פלעגן אַכטונג געבן אויף די ביימעלעך, געפלאַנצטע אין זייער כּבוד ווענגן. ווען זיי פלעגן חתונה האָבן, פלעגט מען פון די צווייגן פון זייערע ביימער מאַכן די שטאַנגען פאַר זייער חופּה.

ט״ו בשבט איז געווען די יערלעכע דאַטע פון דעם מעשׂר־אָפּצאָל פאַר יעדן יאָר, אַ מין שטייער־דאַטע, ווען דער פיסקאַלער יאָר ענדיקט זיך און אַ ניי יאָר הייבט זיך אָן.

ט״ו בשבט איז געווען און איז אַ יום־טוב פון פלאַנצן, חג הנטיעות. אין ויקרא (י״ט, כג) איז פאַראַן דער הייליקער געבאָט צו פלאַנצן: „כּי תבואו אל הארץ ונטעתּם עץ מאכל״. מיט דעם געבאָט פון פלאַנצן און אָפּהיטן דעם בוים קומט דער שטרענגער פאַרבאָט נישט צו צעשטערן. דער בוים איז דער פונדאַמענט פון דער מענטשלעכער שפּייז — „ממנו תאכל ואותו לא תכרות״. „בל תשחית״ — פאַרדאַרב נישט און צעשטער נישט די נאַטירלעכע

מקורים פון דער עקסיסטענץ, דאָס איז אַ פונדאַמענטאַלער פּאַר־באַט ביי ייִדן.

אין מדרש איז דאָ אַ שיינע אַלעגאָריע: „בשעה שכורתים עץ, האילן שנותן פרי, קולו הולך מסוף העולם ועד סופו" — ווען מען שניידט אונטער אַ פּרוכטבוים, וויינט דער בוים און זיין קול גרייכט פון איין עק וועלט צום אַנדערן. לויטן ייִדישן געזעץ פאַר אינטער־נאַציאָנאַלער שוץ טאָר מען נישט פאַרניכטן קיין בוים, אַפילו ווען ער געהער צו אַ שונא.

די פליכט פונעם מענטשן איז אָפּצוהיטן די נאַטור, רעספּעקט־טירן די טבע און נישט שטערן איר צו דערפילן איר פונקציע, ווי אַ שותף אין וועלט־באַשאַף. הטבע איז אלקים בגימטריא (86); די נאַטור און געטלעכקייט זענען סינאָנימען. שמירת הטבע — אָפּהיטן די נאַטור איז פון די סאַמע ערשטע געבאָטן אין דער תורה. ס'ווערט אָנגעזאָגט אין בראשית ב' ט"ו: „לעבדה ולשמרה", באַאַרבעטן און אָפּהיטן.

דער מאָדערנער מענטש אין די אינדוסטריעלע לענדער איז באַוואָפנט מיט אַלערליי טעכנאָלאָגישע דערפינדונגען און צוליב גייציקייט שטערט ער אַרויסצוציִען וואָס מער פון דער נאַטור. ער שעפּט אויס אירע רייכטימער, ער פאַרסמט די אַטמאָספער, פאַרפּעסטיקט די לופט, ער פאַרשמוצט די טייכן און די ימען און אַלץ וואָס אין זיי. — ער מאַכט קאַליע די סביבה, אין וועלכער מיר לעבן.

זאָגט עס נישט עפּעס וועגן די היינטיקע עקאָלאָגישע פּראָבלע־מען? הערן מיר דאָס נישט טאָג איין טאָג אויס פון די מאָדערנע ענווייראָנמענטאַליסטן? דאָ נישט לאַנג, ווען דער אינערן־מיניסטער פון אַמעריקע, דזשיימס וואַט, האָט פאַראָרדנט, אַז די פּריוואַטע קאָמפּאַניעס פון נאַפט און גאַז זאָלן באַקומען דאָס רעכט צו עקספּלו־אַרירן די פעדעראַלע שטחים, וואָס זענען רייך אין קאַליפאָרניע

נאַטור־געוויקסן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן פון די ענווײַראָנמענטאַליסטן, וואָס באַשיצן די נאַטור־אוצרות פון לאַנד. דער מיניסטער האָט געמוזט מוותּר זײַן.

ט״ו בשבט האָט דורכגעמאַכט אַ סך גילגולים. מיט אַן ערך פיר הונדערט יאָר צוריק, נאָך דער גרויסער עליה פון די מקובלים, אונטער דער השפּעה פון אר״י הקדוש, רבי יצחק לוריא אַשכּנזי, האָט ט״ו בשבט באַקומען זײַן תּיקון; דער ראש השנה לאילנות האָט אָנגענומען אַ מער יום־טובדיקן כאַראַקטער. די מקובלים האָבן צוגעגעבן געוויסע רמזים און סודות. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין בית־מדרש אָדער אין די היימען און בײַ געדעקטע טישן, באַפּוצטע מיט בלומען, פלעגן זיי זינגען קאַפּיטלעך תּהילים, לערנען פּסוקים פון תּנך, מאמרים פון גמרא און זוהר, ווי עס רעדט זיך וועגן חובת הארץ און וועגן די פּרוכטן פון לאַנד. זיי האָבן אײַנגעפירט אַ סדר מיט אַ הגדה און אַרבע כּוסות, ווי אום פּסח, און פאַרביסן מיט די פּירות הארץ, מאַכנדיק די געהעריקע ברכה און „שהחינו״.

דער מקובל רבי חיים וויטאַל, אַ תּלמיד פון אר״י הקדוש, האָט באַשטימט צו געניסן פון דרײַסיק מיני פּרוכטן: צען פון עולם הבריאה — פּרוכטן, וואָס האָבן נישט קיין שאָלעכץ און נישט קיין האַרטע בײַנדלעך, ווי די ווײַנטרויבן, פײַגן; צען פון עולם היצירה — וואָס די פלאַנץ־קערנער זענען אין דער פּרוכט, ווי טײַטלען, אײַלבירטן און פלוימען; צען פון עולם המעשׂה — וואָס מען וואַרפט אַוועק די קליפּה (שאָלעכץ) און מען עסט דעם תּוך, ווי נים, מאַנדלען, קאַשטאַנעס.

דער אופן פײַערלעכקייט האָט אינספּירירט די ארץ־ישׂראלדיקע ייִדן; ביזן הײַנטיקן טאָג ריכטן זיי אָפּ ט״ו בשבט אויף אַן ענלעכן אופן און פּראַקטיצירן די אַלע מנהגים פון תּיקון ט״ו בשבט.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז מען ריכט אָפּ אַזאַ יום־טוב אין

ארץ־ישׂראל, ווו עס איז דאָן דער סעזאָן, אָבער ווי קומט עס, וואָס אין די תּפוצות, אין די לענדער פון שטאַרקן ווינטער, מיט שנייען, קעלטן און זאַווערוכעס, אין די פּראָסטיקע טעג פון אייראָפּע און מיזרח־אַמעריקע, פייערט מען אַזאַ יום־טוב אין דער וואָכן, אין מיטן חודש?

דער ענטפער איז, אַז יידן, ווו זיי זאָלן נישט זיין, לעבן זיי מיט ארץ־ישׂראל, און דורכן טעם און ריח פון די ארץ־ישׂראלדיקע פּרוכטן, טראָגן זיי אין געדאַנק זיך אַריבער אין לאַנד פון די אָבות. עס דערמאָנט זיך ווי אין די קינדעריאָרן פלעגן מיר וואַרטן אויף דעם חמשה עשׂר בשבט יום־טוב מיט בענקשאַפט נאָך די האַרטע טרוקענע באָקסער. מע פלעגט זיך אָפט צעברעכן די ציין, אָבער ס׳איז געווען אַ מחיה.

דאָס יידישע פאָלק ווערט געגליכן צום באָקסער, צוליב זיין האַרטקייט, צוליב דער עקשנות צו בלייבן לעבן, טראָץ די אַלע פאַרפאָלגונגען — „לא אמות כי אחיה״.

מיט דעם ציוניזם ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג, און שפּעטער מיטן אויפקום פון דעם אַלט־נייעם היימלאַנד צו אַ ניי לעבן, האָט ט״ו בשבט באַקומען מער ערך, מער וואָגיקייט. ס׳איז געוואָרן אַן אָפיציעלער יום־טוב אין ישׂראל, ווי דער טאָג פון פלאַנצן, איבער־הויפּט פאַר די קינדער און נאַטירלעך אויך פאַר די דערוואַקסענע. מע גייט אַרויס גרופּנווייז הינטער דער שטאָט אָדער אין דאָרף. יעדער פאַרפלאַנצט אַביימל און לאָזט זיך ווויליגיין מיט די זאַפטיקע, זיסע ישׂראלדיקע פּרוכטן.

היינט צו טאָג איז פלאַנצן ביימער דער ציל פונעם קרן קיימת לישׂראל. ט״ו בשבט איז געוואָרן ענג פאַרבונדן מיטן קק״ל. דער קרן קיימת לישׂראל איז אַנטשטאַנען אין 1901 אויפן פאָרשלאָג פון ד״ר הערמאַן שאַפּירא, אַליין אַ מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר און אַ פירער פון די חובבי־ציון.

דער קרן קיימת האָט זיך פֿאַרנומען ביז דעם יאָר 1947 מיטן אויסקויפֿן באָדנס, וואָס זאָלן פֿאַרבלײַבן אויף אייביק דאָס אייגנטום פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. ס'איז טאַקע אַן אייביקער פֿאָנד, ווי זײַן נאָמען וואָס ער טראָגט — אַ קרן קיימת פֿאַרן הײַנט און פֿאַרן מאָרגן. „אדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא". ער האָט געשאַפֿן קאָלאָניעס, געפֿלאַנצט וועלדער.

ביימער באַרײַכערן דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ווערט פֿון דער ערד און האַלטן אויף איר לעבנסקראַפֿט. ביימער שיצן דעם באָדן פֿון די מידבר־זאַמדן, זיי רייניקן די לופֿט, זיי גיבן אָפּרו דעם אויס־געמאַטערטן וואַנדערער און שיצן די געגנטן פֿון דעם שׂונא. אין אַלע יאָרן האָט דער קק"ל פֿאַרוואַנדלט גרויסע שטחים, וואָס זענען געלעגן פֿאַרלאָזן טויזנטער יאָרן, אין גרינע פֿעלדער, און פּרוכטבאַרע אָאַזיסן, אַרײַנברענגענדיק באַוואַלדונג אין די סאַמע מידברדיקע ראַיאָנען פֿון לאַנד.

ס'איז באַקאַנט וואָס גאָלדע מאיר ע"ה האָט אַ מאָל דערציילט: זי איז געפֿלויגן אונטער די וואָלקנס איבער גרויסע שטרעקעס פֿון דעם נאָענטן מיזרח, האָט זי געוואָלט פֿון דער הייך זען ווּ איז ישׂראל, דאָס איז געווען שווער צו דערקענען. פּלוצלונג האָט זי אויסגעשריִגן מיט פֿרייד: „יאָ, יאָ, איך זע! ישׂראל — דאָס איז דאָס גרינע פֿינטעלע, וואָס שײַנט אַרויס פֿון דער פֿאַרטריקנטער וויסטעניש פֿון די אַרומיקע לענדער".

ס'איז אויך באַקאַנט די רעדע וועגן קק"ל וואָס חיים ווײַצמאַן, דער ערשטער פּרעזידענט פֿון ישׂראל, האָט געהאַלטן אין 1951 — בערך ווי איך געדענק:

דער קרן קיימת ברענגט וואַסער צו אַ דורשטיקער ערד, שאָטן די ברענענדיקע זאַמדן, געלעכטער די קינדער און פֿרייד די ערטער ווּ ביז איצטער נישט לאַנג האָבן שאַקאַלן געוואָיעט. ער אַנטדעקט די גוטע ערד פֿון אונטער די שטיינער, עס פֿאַרטרײַבט

דעם מידבר און טריקנט אוים די זומפּן, שאַפט בלִיענדיקע גערטנער.

אַזוי איז ט״ו בשבט, פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן פאָנד, געוואָרן אַ בריק צווישן פאָלק און לאַנד, פאַרבינדט דעם ייִד פון דער וווּיטנס, צעזייט און צעשפּרייט אין די אַרבע כּנפות הארץ, מיט ארץ־ישׂראל. די ווייסבלויע פּושקע איז געוואָרן אַ סימבאָל פון דער ייִדישער היים פון אינעווייניק, ווי די מזוזה סימבאָליזירט די ייִדישע היים פון דרויסן.

ט״ו בשבט פאַלט אוים מיינסטנס צוזאַמען מיט שבת פּרשת בשלח, וואָס מערקט אָפּ דעם סוף פון גלות מצרים און דעם אָנהייב פון גאולת ישׂראל. וואָלט דאָך דער שבת געדאַרפט אָנגערופן ווערן שבת גאולה. מע רופט אים אָבער אָן שבת שירה, ווייל ייִדן זענען אַ פּאָעטיש פאָלק, אַ פאָלק פון געזאַנג. די שירה זינגט אוים די שילדערונג פון יציאת מצרים. משה, צוזאַמען מיט די ייִדן, גייען אַרוים אין אַ כאָראַלן געזאַנג: „אז ישיר משה ובני ישׂראל״, און אויך „אז ירננו כל עצי יער״ (תהלים צ״א יב); ייִד און בוים זאָגן שירה.

איך וועל פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון עמוס (ט׳, י״ד):

„ושבתי את שבות עמי ישראל ובנו ערים נשמות וישבו ונטעו כרמים ושתו את יינם ועשו גנות ואכלו את פריהם״.

(און איך וועל אומקערן די געפאַנגשאַפט פון מיין פאָלק ישׂראל און זיי וועלן אויפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן, און פלאַנצן וויינגערטנער און עסן זייער פּרוכט. און איך וועל זיי איינ־פלאַנצן אויף זייער ערד, און זיי וועלן מער נישט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן, זאָגט גאָט, דיין גאָט).

פורים — דער הצלה־יום־טוב

אַט וויקלען מיר פונאַנדער די פאַרמעטענע יריעות פון דער אַלט־נייער מגילה, און עס טויכן אַרויס פאַר אונדזערע אויגן די העלדן פון דער דראַמע, די ליכטיקע געשטאַלטן פון מרדכי און אסתּר, פון דעם טיפשדיקן, אומגעלומפּערטן אַחשוורוש און דעם פינצטערן ארכי־שׂונאי־ישׂראל, המן.

זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „finis coronat opus" גליקלעכערוויז ענדיקט זיך די דראַמע מיט אַ גוטן פינאַל.

ווי עס איז אונדז אַלעמען באַקאַנט, שטאַמען אונדזערע יום־טובים פון תּורת משה. דאָרט, אין פּרשת אֱמור, אין חומש ויקרא, און אויך אין דברים, זענען מיר אָנגעזאָגט געוואָרן צו פייערן אונדזערע יום־טובים, ווי אַזוי זיי צו פייערן און זייערע כאַראַקטעריסטיקעס, — זייערע אייגנשאַפטן און סיבות, פאַר וואָס און פאַר ווען.

פורים איז אַ יום־טוב וואָס ווערט נישט דערמאָנט אין חומש מיט קיין איין וואָרט; ער איז דער איינציקער יום־טוב, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט אַ מגילה, מגילת־אסתּר.

אמת, מגילת־אסתּר איז אויך אַ טייל פון די כּתבי־הקודש; מיר האָבן פינף מגילות, וואָס זענען אַריין אין די כּתובים, און יעדע מגילה ווערט געלייענט בציבור אין די יום־טובים און נאַציאָנאַלע דערינערונגען.

פּסח — שיר השירים, שבועות — רות, תּשעה באָב — איכה,

סוכּות — קהלת, און פּורים לייענען מיר צוויי מאָל מגילת אסתּר.

די מגילות האָבן אין דער אמתן נישט קיין קלאָרן, ענגן צוזאַמענהאַנג מיט די שלוש רגלים, און אַפילו מגילת איכה, וואָס איז יאָ פאַרבונדן מיט תּשעה באָב, ווייל ס'איז אַ קלאַגליד, קען מען זיך אָבער גאַנץ גוט פאָרשטעלן דעם נאַציאָנאַלן טרויערטאָג פון חורבן בית המקדש אויך אָן דער מגילה.

פּורים אָבער איז זיך סומך אויסשליסלעך נאָר אויף דער מגילה, וואָס איר הויפּטציל איז צו דערקלערן דעם יום־טוב פּורים. דאָס הייסט, די געשעעניש איז געווען פריִער, און נאָך דעם איז געשריבן געוואָרן די מגילה וואָס דערקלערט די סיבה פון דעם יום־טוב.

דער סיפּור המעשׂה פון פּורים איז אַלעמען גוט באַקאַנט. יעדעם חדר־ייִנגל ווייסט עס. די מגילה דערציילט עס אויף זייער אַ שיינעם אופן.

אַחשוורוש, דער מעכטיקער מלך פון פּערסיע, וואָס האָט געקיניגט אין דער הויפּטשטאָט שושן איבער 127 מדינות, איז ברוגז געוואָרן אויף זיין קעניגין ושתּי און האָט זי געטייט. פּראָסט און פּשוט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער זיך פאַרבענקט און האָט גענומען אויף איר פּלאַץ ווי אַ ווייב די שיינע ייִדישע טאָכטער, אסתּר, אַ קוזינע פון מרדכי היהודי.

דאַן האָט איינער אַ שׂר, אַ גרויסוויזיר מיטן נאָמען המן, זיך דערוואָרבן גרויס כּבוד און איז געוואָרן ביים מלך דער הויפּט־אויפזעער.

המן האָט געטראָגן אַ כּעס אויף מרדכין און זיך געוואָלט נוקם זיין אין אים און אין זיין פאָלק, די ייִדן. ער האָט גאָר אָן שוועריקייטן געפּועלט ביי אַחשוורוש דורכצופירן זיין נקמה־אַקט,

וואָס האָט געמיינט אויסצוהרגענען אַלע ייִדן פון דעם גרויסן לאַנד אין איין טאָג, פון גרויס ביז קליין, און מאַכן דאָס לאַנד „ייִדנריין״. המן האָט געוואָרפן גורל, וואָס הייסט אין פּערסיש פּור, און עס איז אויסגעפאַלן אויף דעם 14טן טאָג אין חודש אָדר דורכצופירן זיין גרויזאַמען פּלאַן.

ווען מרדכין איז באַקאַנט געוואָרן דער גזר, האָט ער געפּועלט ביי אסתּרן, די ייִדישע קיניגין, זי זאָל זיך משתדל זיין ביי אַחשוורושן. און זי, אסתּר, האָט אויסגעווירקט ביים קיניג אַ דער־לויבעניש, אַז די ייִדן זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד און זיך פאַר־טיידיקן.

אויף אַזאַ אופן איז געקומען די מעשׂה צו אַ „העפּי ענד״, אין דעם טאָג, ווען מרדכי האָט געדאַרפט אויפגעהאָנגען ווערן, איז המן אויפגעהאָנגען געוואָרן, און טאַקע אויף דעם זעלבן בוים, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר מרדכין. די ייִדן זענען ניצול געוואָרן, ווי דורך אַ נס, און האָבן געפּייערט אַ יום־טוב מיט גרויס שׂימחה און פאַראַד — פּורים.

די פּורים־געשעעניש איז פאָרגעקומען אין לאַנד פּרס — פּערסיע, די היינטיקע איראַן, איבער אַ 500 יאָר פאַר דער געוויינ־לעכער ציים־רעכענונג.

ווען האָבן די ייִדן זיך באַגעגנט מיט די פּערסיער? די ערשטע ייִדן זענען געקומען קיין פּערסיע נאָכן ערשטן חורבן בית המקדש. זיי האָבן געלעבט איזאָלירט און האָבן ווייניק געהאַט צו טאָן מיט די ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין ארץ־ישׂראל און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אפשר צוליב דער געאָגראַפישער ווייטקייט. זיי זענען אָנגערופן געוואָרן דער פאַרגעסענער שבט. די ייִדן דאָרטן האָבן נישט קיין גענויע געשיכטע, ס'איז נישט פאַרבליבן ביי זיי קיין אָריגינעלע דאָקומענטן אָדער כראָניקעס פון זייער פאַרגאַנ־גענהייט. אָבער פּרס־איראַן, דאָס איז דאָס לאַנד, ווו עס האָט זיך

אָפּגעשפּילט די פּורים־געשיכטע, וואָס איז פאַראייביקט געוואָרן אין מגילת־אסתּר.

די פּערסישע ייִדן פייערן פּורים אויף אַ גאַר אימפּאַזאַנטן אופן. דער תּענית־אסתּר איז ביי זי אַזוי אָפּגעהיט ווי דער צום יום־כּיפּור. ביז היינט ווייזן זיי אָנצוווייזן אויף די קברים פון מרדכי און אסתּר אין דער שטאָט האמאַדאַן, די אַמאָליקע הויפּטשטאָט שושן.

דער נאָמען פּערסיע דערוועקט אין אונדז ליכטיקע און אויך טראַגישע זכרונות פון אונדזער געשיכטע.

פון איין זייט — די כּורש־דעקלאַראַציע אין די צייטן פון עזרא און נחמיה. כּורש, דער קיניג פון פּרס האָט באַזיגט דעם קיניג בלשאצר און האָט איינגענומען די גאַנצע אימפּעריע פון בבל, ווו די ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן ביים חורבן ירושלים. ער האָט געגעבן אַ דערלויבעניש פאַר די ייִדן, וואָס זענען געווען אין גלות, זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישׂראל און זיך נעמען בויען דעם בית המקדש און אויפלעבן ירושלים (עזרא א׳, א).

די כּורש־דעקלאַראַציע פון שיבת־ציון איז געווען אַ משיחישע. ישעיה הנביא רופא אָן כּורשן מיטן נאָמען משיח ה׳, און ער איז פאַרצייכנט אין דער געשיכטע ווי אַ גוטער קיניג פאַר ייִדן.

דאָס האָט געמיינט אַז די ייִדן קענען עס טאָן אומגעשטערט און די פּערסישע רעגירונג וועט זיי העלפן.

פון דער געשיכטע ווייסן מיר אויך, אַז נאָר אַריבער 42 טויזנט (42,360) חלוצים האָבן זיך דאַן געלאָזט גיין קיין ארץ־ישׂראל אונטער דער אָנפירונג פון זרובבל בן שאלתּיאל.

זיי זענען געקומען קיין ירושלים און אָנגעהויבן אָפּראַמען די חורבות און בויען דאָס לאַנד. דער גרעסטער טייל אָבער פון די ייִדן, ווי איצט, לדאבוננו, האָט זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דעם גאַנצן ענין און איז פאַרבליבן אין בבל און פּרס.

די יידן־שונאים פון די אַרומיקע פעלקער האָבן די שבי־ציון געשטערט אין דער אַרבעט, באַפאַלן זיי, האָבן אונטערגעקויפט די ראַטגעבער פון דער מלוכה, כּדי צו שטערן זייערע פּלענער, ווי עס ווערט געזאָגט „וסוכרים עליהם יועצים להפר עצתם״.

די חלוצים האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און פאַרגעזעצט זייער אַרבעט, ווי עס איז באַשריבן אין ספר נחמיה — אין איין האַנט האָבן זיי געהאַלטן אַ שווערד זיך צו פאַרטיידיקן און מיט דער צווייטער האַנט האָבן זיי געבויט, געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל.

פון דער צווייטער זייט ברענגט אונדז דער נאָמען פּערסיע אויפן געדאַנק די טרויעריקע געשיכטע פון פּורים, די גזירה פון המן הרשע — „להרג, להשמיד ולאבד״, צו פאַרטיליקן און אומברענגען אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, און צערויבן זייער פאַרמעגן. גליקלעכערווייז האָט זיך עס געענדיקט מיט אַ ליכטיקן פינאַל, מיטן פּורים־נס.

צי די פּורים־מעשׂה איז טאַקע אַזוי געווען ווי עס ווערט פאַרגעשטעלט אין דער מגילה, איז אַ פראַגע. וועגן דעם זענען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. היסטאָריקער, ביבל־קריטיקערס, מפרשים זענען נישט איינשטימיק. די היסטאָרישע פאָרשער האַלטן, אַז אַ סך זאַכן פון דער מגילה האָבן גאָר קיין מאָל נישט געקענט פּאַסירן. זיי ווייזן אויף, אַז לויט די פּערסישע געזעצן פון יענער צייט, האָט אסתּר בכלל נישט געקענט ווערן די קיניגין, ווייל נאָר זיבן ריין־פּערסישע אַריסטאָקראַטישע משפּחות האָבן געקענט צושטעלן אַ ווייב פאַרן קיניג. צווייטנס, ווי איז עס מעגלעך, אַז דאָס גאַנצע לאַנד, דורך די מודעות, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן, האָט אין משך פון עלף מאָנאַטן געוווּסט וועגן דער קומענדיקער שחיטה אויף יידן — און אויך די יידן אַליין ווייסן מסתּמא וועגן דער גזירה, און זיי טוען גאָרנישט, זיי גרייטן זיך

נישט צו באַשיצן זיך, אַנטלויפן, אָדער זיך באַהאַלטן. נאָר זיי זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, וויינען און פאַסטן, טוען זיך אָן אין זעק און באַשיטן מיט אַש דעם קאָפּ — „אבל גדול וצום ובכי ומספד שׂק ואפר״.

נאָך עפּעס: ווי איז עס מעגלעך, אַז ייִדן, אַליין זייענדיק אין גלות, זאָלן אויסהרגענען 75,000 גויים אין דריי טעג, און די גויים זאָלן זיך רויִק לאָזן אויסשעכטן, נישט שטעלנדיק קיין ווידער־שטאַנד?

זיי אַרגומענטירן דאָס אויך מיט דעם, אַז די גאַנצע געשיכטע ווערט נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט נישט אין די פּערסישע כראָניקעס און נישט אין דער ייִדישער געשיכטע פון יענער צייט — נישט די געשעעניש און נישט די פּערסאָנאַזשן.

מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז אין די צייטן פון צווייטן יאָרהונדערט איז שוין געווען איינגעשטעלט דער פּורים־יום־טוב, וואָס ייִדן האָבן געפייערט מיט גרויס ליבשאַפט.

פאַראַן אַ סך השערות און טעאָריעס וועגן פּורים, און די סתירות קענען ביז היינט נישט פאַרענטפערט ווערן.

נאַטירלעך, אַז די רעליגיעזע טראַדיציע האַלט פעסט פון דער הייליקייט פון דער מגילה, ווו יעדע שורה, יעדעס וואָרט איז הייליק, כאָטש די בעלי אַגדה אין די מדרשים זענען אויך נישט אין גאַנצן איינשטימיק. זיי וואַגן אָפט מאָל אַרויסצוגיין קעגן און אויך גאַנץ שטאַרק.

די מגילה האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן קאַנאָניזירט צו ווערן, ס׳הייסט, אַריינגענומען צו ווערן אין די כּתבי הקודש. דער גרויסער תּנא ר׳ עקיבא האָט זי פאַרטיידיקט און איר געגעבן די רעכט איינגעגלידערט צו ווערן אין תּנך. ר׳ עקיבא זאָגט: „אסתּר ברוח הקודש נאמרה״ — די מגילת־אסתּר איז געשריבן געוואָרן מיטן רוח הקודש. די פּורים־דערציילונג איז דאָן באַרייכערט

געוואָרן מיט אינטערפּרעטאַציעס און קאָמענטאַרן דורך די תּלמו־דישע חכמים, תּלמוד בבלי, ירושלמי. זיי האָבן צוגעגעבן אַ מסכתּא אין מישנה — „מגילה" — און מדרשים ווי תּרגום שני, ילקוט שמעוני, אַבא גוריון; שפּעטער איז צוגעגעבן געוואָרן „על הנסים". אַלע רעדן זיי וועגן מגילת אסתּר מיט פאַרשיידענע וואַריאַציעס און אַגדות.

די פּערסאָנאַזשן און די אינצידענטן פון דער מגילה האָבן זייער אַפּעלירט צו זייער פאַנטאַזיע, צו זייערע פּאָליטישע אינסטינקטן און עטישע געפילן. האָבן זיי גענוצט דעם טעקסט פון דער מגילה ווי אַ באַזע, אָבער זיי האָבן קינסטלעך און קונציק איינגעוועבט זייערע אייגענע, אימאַגינאַטיווע פאָרשטעלונגען, אויפגעוויזן די מאָטיוון פון דער דערציילונג און הומאַניזירט די פיגורן פון אסתּר און מרדכי. אויף אַזאַ אופן איז די תּנכישע מגילה נישט געבליבן בלויז אַ דראַמאַטישער עפּיזאָד פון יענעם אַמאָל אין פּערסיע, נאָר געוואָרן אויך אַן איבערלעבונג, אַ לעבעדיקע דערפאַרונג פון זייער אייגענער צייט און אויך פון די שפּעטערדיקע דורות.

ווער האָט געשריבן די מגילה? דאָס איז אומבאַקאַנט. מען האַלט, אַז זי איז געשריבן געוואָרן אין די צייטן פון די אַנשי כּנסת הגדולה. די קריסטן האַלטן, אַז עזרא הסופר איז דער מחבר, און ער האָט טאַקע געלעבט אין דער תּקופה פון די אנשי כּנסת הגדולה, ווען איר קוקט אין דעם אַלטן טעסטאַמענט ביי די גויים, וועט איר זען, אַז זיי שליסן איין דאָס „בוך פון אסתּר" אין דעם ספר עזרא.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, כאָטש אַן אויטענטישע ידיעות וועגן דער פּורים-געשעעניש און וועגן די פּערסאָנאַזשן — לעגענ־דאַרישע, פיקטיווע, קלאָרע אָדער פאַרנעפּלטע, איז עס אַ וווּנדער־באַרע ליטעראַרישע דערציילונג, געשריבן טאַקע פון אַן אומבאַ־קאַנטן מחבר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און קענער

פון געשיכטע, ער האָט אונדז געגעבן אויף אַ היסטאָרישן הינטער־גרונט, און אויף אַ ליטעראַרישער קאַנווע, אַ ווערק וואָס באַלאַנגט צו די שענסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס האָט אַ סך שפּאַנונג, ס'איז פאַרבנרייך און פאַרכאַפּנדיק. אַלע זענען איינשטימיק, אַז דאָס איז אַ חנעוודיקער היסטאָרישער ראָמאַן, אָדער דראַמע, אויב איר ווילט, פון אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט, מיט אַלע נייטיקע קאָמפּאָנענטן, ווי שפּראַך, קאָלאָריט, בילדלעכקייט און אָן אַ שיעור דראַמאַטישע עפעקטן.

פונעם היסטאָרישן קוקווינקל איז עס טאַקע צעמישט אַ ביסל, די פאַקטן זענען פאַרפּלאָנטערט, דער מחבר האָט איבערגעקערט די יוצרות, אָבער ער האָט אונדז געגעבן אַ ליטעראַרישע שאַפונג מיט פאַנטאַזיע, אין וועלכער די פרווי אסתּר האָט מיט איר שיינ־קייט געפאַנגען דאָס האַרץ פון דעם שׂונא און אַזוי אַרום געראַ־טעוועט איר פאָלק פון אַ קאַטאַסטראָפע.

אַזעלכע נאָוועלעס זענען נישט קיין זעלטענקייט אין דער ליטע־ראַטור. מיר האָבן, צום ביישפּיל, אין די אַפּאָקריפישע שריפטן, וואָס זענען נישט אַריין אין די כּתבי הקודש, די מעשׂה פון יהודית, וועלכע האָט אויך מיט איר שיינקייט פאַרכּישופט דעם שׂונא ישׂראל, דעם גענעראַל האָליפערנוס, וואָס האָט געוואָלט אַריינ־דרינגען אין ירושלים און זי פאַרניכטן, אָבער יהודית הרגעט אים אַוועק און מיידט אויס אַ שחיטה אויף ייִדן — און זי ווערט די רעטערין פון איר פאָלק.

אין די פערסיש־אַראַבישע מעשׂיות האָבן מיר (אין „טויזנט און איין נאַכט") אַ מעשׂהלע פון שעכערעזאַדע, די שיינע און קלוגע טאָכטער פון גרויסן וועזיר, וואָס זיצט און דערציילט דעם קיניג פאַנטאַסטישע געשיכטעס אין משך פון טויזנט און איין נאַכט. דער קיניג פלעגט יעדע נאַכט חתונה האָבן מיט אַן אַנדער מיידל און אויף צו מאָרגנס פלעגט ער זי טייטן, כּדי צו זיין זיכער,

אַז זי וועט אים נישט פאַררעטן. שעכערעזאַדע פאַראינטערעסירט אים אַזוי מיט די פאַנטאַסטישע מעשׂיות אין משך פון אַ לאַנגער צייט, ביז ער באַשליסט זי צו לאָזן לעבן.

די מגילה אסתּר הייבט זיך אָן מיט אַן אינטערעסאַנטן פּראָלאָג. מיט אַ סצענע פון אַ קייזערלעכן, עקזאָטישן גלאַנץ ווערט פאַר־געשטעלט דער קיניגלעכער הויף — די אויסערגעוויינלעכע אַט־מאָספער פון דעם חצר המלכות, דעם פּאַלאַץ פון דעם טיראַנישן מלך, אחשוורוש — און מיר זענען די צושויערס פון אַ גרויסן קיניגלעכן באַנקעט פאַר טויזנטער מענטשן, האַרן און קנעכט. מיליטערלייט און אַדללייט, וואָס ציט זיך גאַנצע זיבן טעג. דאָס אַלץ קומט פאָר אין דעם פּאַלאַץ־גאָרטן, אויסגעשטאַט מיט גאָלד און זילבער, מערמלשטיין, אַלאַבאַסטער און פּערלמוטער, מיט אויסגעהאָפטענע טישטעכער און פּערסישע טעפּעכער. מע עסט און מע טרינקט און מע שיכּורט, און דער קיניג באַווייזט זיך מיט זיין רייכקייט, גדלות און פּראַכט.

אויב איר געדענקט, איז מיט אַ צייט צוריק פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקע פייערונג, אַ 3000־יעריקער אוניווערסאַר פון דער איראַנער מלוכה, אונטער דער הערשאַפט פון דעם דעמאָלטיקן שאַך רעזאַ פּעהלעווי. דער יום־טוב איז פאָרגעקומען אין פּערסע־פּאָליס, נישט ווייט פון טעהעראַן, וואָס האָט דאַן אויפגערודערט די וועלט מיט זיין פּאַרנעם און איבערגעטריבענעם לוקסוס. די געסט זענען אַלע געווען קיניגן און פּרעזידענטן פון די וועלט־מלוכות. די פרוי ניקסאָן האָט רעפּרעזענטירט אַמעריקע. דאָס עסן, די מעדנים, די פּאַטראַוועס זענען געבראַכט געוואָרן פון פּאַריז.

ווער זענען די הויפּטהעלדן, די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון דער מגילה?

אַחשוורוש. ער איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פּערזענלעכ־קייט. זיין אמתער נאָמען איז געווען כשאַיאַירשאַ, וואָס די ייִדן האָבן פאַרגרייזט אויף אַחשוורוש. די גריכן זאָגן אים גערופן אַנטיקסערקסעס, — דער קיניג וואָס האָט געפירט אומגעלומפּערטע מלחמות מיט זיי.

לויט דער מגילה ווערט ער פאַרגעשטעלט ווי אַ נאַרישעוואַ־טער, אָריענטאַלישער דעספּאָט, פאַרריסן אין זיין רייכטום און מאַכט, וואָס קיניגט איבער 127 מדינות מהודו ועד כוש, פון אינדיע ביז עטיאָפּיע. אַ מלך, וואָס האָט נישט קיין פעסטע שטע־לונג אין זיין האַנדלונג און בייט די מיינונג עקסטרעם פון איין מינוט צו דער אַנדערער. אָט אָ דער נפש איז דער צענטראַלער העלד פון דער מגילה, ער איז דער, וואָס איז בולט אין דעם גאַנצן סיפור און ער איז די אַקס, וואָס אַרום איר דרייט זיך די גאַנצע פאַרלאָפענע געשיכטע. זיין געשטאַלט פילט אויס די אַלע צען פרקים פון דער מגילה; 187 מאָל ווערט ער דערמאָנט, מיט אים הייבט זיך אָן די מגילה און מיט אים ענדיקט זי זיך. קיין זאַך ווערט נישט געטאָן אָן דעם מלך און אַלע דרייען זיך אַרום אים, ציטערן פאַר אים, ווילן אים געפעלן און באַקומען זיין הסכמה צו וואָס עס זאָל נישט זיין.

וואָלט דאָך געדאַרפט זיין, אַז אַזאַ אַבסאָלוטער טיראַנישער מלך, וואָס האַלט דאָס לעבן און טויט פון יעדן איינעם אין זיין האַנט, זאָל אַליין האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן — איז אָבער אינטערעסאַנט אַז אין דער גאַנצער מגילה איז נישטאָ קיין איין אַקט, פון וועלכן ער זאָל זיין דער איניציאַטאָר. ער ווייסט בלויז ווי צו מאַכן גרויסע הוליאַנקעס, זיך צו באַרימען מיט זיין רייכקייט, ער באָדט זיך אין ווילטאָג און לוקסוס און פאַרנעמט זיך מיט שיכּרות און פרויען. אויף דער עצה פון זיינע משרתים פאַרמישפּט ער זיין ווייב ושתי צו טויט־שטראָף, ווייל זי וויל נישט באַווייזן

זיך אַ נאַקעטע פאַר די פאַרבעטענע געסט. די הויכע לייט זאָגן אַז זי ווייזט אַ שלעכטן ביישפּיל מיט איר אָפּזאָג „און עס וועט זיין געגנוג בזיון און ערגערניש״. איז אַרויס אַ באַפעל פונעם קיניג, אַז יעטוועדער מאַן זאָל זיין דער הערשער אין זיין הויז און זיין ווייב מוז אים אַלע מאָל פאָלגן.

אומצוברענגען די יידן פאָלגט ער אויס, אָן איבערצוטראַכטן, דעם ווילן פון המן הרשע און גיט אים זיין רינג מיטן קעניגלעכן זיגל, ווי אַ סימן פון הסכמה.

אָבער ווער ברענגט צו דעם פורים־נס? אסתר מיט איר איינפאַל. ער אַליין האָט נישט קיין אייגענע איניציאַטיוו, ער הערט אויס און איז גלייך מסכים. דער זעלבער מלך, וואָס איז געזעסן און געשיכּורט ווען די יידן האָבן געטרויערט, נעמט איצט אַראָפּ זיין רינג און גיט אים מרדכין מיט אַ נייער פאַראָרדענונג פאַר זיין אימפּעריע, און אסתר מיט מרדכין זענען מפרסם דעם קעניגלעכן באַפעל.

אַחשוורוש איז זייער אייפערזיכטיק אויף המנען. ער ציטערט ער זאָל אים נישט הרגענען און אַוועקנעמען זיין טראָן. ער קען נישט שלאָפן, „נדדה שנתו״; דער מדרש דערציילט, אַז ער האָט אַ חלום און זעט המנען מיט אַ שווערד אויסגעשטרעקט צו אים.

ווען ער קומט אַריין צו אסתרן און זעט ווי המן הרשע ליגט אַ שיכּורער אויפן דיוואַן, גיט ער אַ געשריי: „דו ווילסט צונעמען ביי מיר אויך מיין ווייב?״ דאָס איז דער זעניט פון דער מעשׂה.

יאָ, ער איז אַ מלך טיפּש, ווי אַבא גוריון רופט אים אָן אין מדרש.

המן דער רשע. די הויפּטשטריכן פון זיין כאַראַקטער.

די מגילה דערציילט גלייך זיין יחוס, אַז ער שטאַמט פון אגג, מלך עמלק — דער זון פון המדתא, דער אגגי. ער איז אַ געפּער־

לעכער בעל־גאווה, גרויס בײַ זיך און עגאָיסטיש מיט אַ געוואַלדיקן מינערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, און ווי איז דעם, וואָס רירט אָן זײַן כּבוד. ער ווערט אָנגעצונדן ווי אַ פֿײַער: „וירא המן כי אין מרדכי כּורע ומשתחוה לו, וימלא המן חמה" — ווען מרדכי בוקט זיך נישט און קניט נישט פֿאַר אים ווי די אַנדערע הויפֿלײַט, איז דאָס אַליין גענוג עס זאָל אַרויסרופֿן אַ פֿינצטערע שׂינאה קעגן מרדכין און ער טראָגט גלײַך איבער דעם זעלבן האַס אויף אַלע ייִדן און מאַכט זיי אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער שולד פֿון איינעם: „עם מרדכי" — מרדכים פֿאָלק, רופֿט ער אויס. ער איז אין כּעס אויף מרדכין, ווײַל ער זיך נוקם זײַן אויך אין זײַן פֿאָלק און ער וועט נישט רוען, ביז ער וועט נישט אויספֿירן זײַן גרויזאַמען גוט־פֿאַרטראַכטן פּלאַן. ער פֿאַרמסרט די ייִדן פֿאַרן „מלך טיפּש" און זאָגט אין דעם פּאַשקוויל: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים" — פֿאַראַן אַזאַ פֿאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פֿעלקער אין דײַן קיניגרײַך, וואָס איז אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער.

ער האָט נישט קיין סיבה צו זײַן קעגן די ייִדן, נאָר זייער אַנדערשקייט קען ער נישט פֿאַרטראָגן. רבי נפֿתלי ראָפּשיצער האָט געזאָגט אויף דעם: „דערפֿאַר וואָס די ייִדן זענען צעריסן צווישן זיך, אָן אחדות, וועט זײַן לײַכט זיי צו פֿאַרטיליקן, האָט געטראַכט דער שׂונא".

המנס פּאַשקוויל איז אַ מין צווייטע וואַריאַציע פֿון בלעמס ווערטער: „הנה עם לבדד ישכּון" — אַ פֿאָלק וואָס קען זיך נישט אויסמישן „ובגוים לא יתחשב" (במדבר כ"ג ט) — עס רעכנט זיך נישט מיט די מיינונגען פֿון די אַנדערע פֿעלקער.

המן איז ממש שיכּור מיט דער מאַכט. זײַן שטרעבונג צו גרויסקייט האָט נישט קיין גרענעץ. ווען אחשוורוש פֿרעגט אים „מה לעשׂות באיש אשר המלך חפץ ביקרו" — וואָס דאַרף מען

טאָן מיט אַ מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד — מיינט דאָך המן, אַז אַחשוורוש איז אים אויסן, חזרט ער איבער דריי מאָל און זאָגט דעם קיניג, מען זאָל אויספּוצן דעם אַ מענטשן אין מלכות־דיקע בגדים מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ און אויף דעם קיניגלעכן פערד זאָל ער רייטן איבער די גאַסן פון שושן, אַז אַלע זאָלן זען, אַז ער איז דער מאַן, וועמען דער מלך וויל אָנטאָן כּבוד. אַזוי מאַכטגייציק, און איינגעגלויבט אין זיין חשיבות, איז ער, המן.

מרדכי. לאָמיר איצט רעדן וועגן דער געשטאַלט פון מרדכי. די מגילה דערציילט אונדז אין געציילטע ווערטער: „איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן יאיר, בן שמעי, בן קיש, איש ימיני (אסתר ב׳ ה), אשר הגלה מירושלים עם הגולה אשר הגלתה עם יכניה מלך יהודה אשר הגלה נבוכדנצר מלך בבל״. — געווען אַ ייִד אין דער הויפּטשטאָט שושן מיטן נאָמען מרדכי, דער זון פון יאיר, דעם זון פון שמעי, דעם זון פון קיש, אַ מאַן פון בנימין, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים מיט יכניה דעם מלך פון יהודה, וואָס נבוכדנצר, מלך בבל, האָט פאַרטריבן.

מרדכי האָט אַדאָפּטירט און דערצויגן זיין קוזינע אסתּר, וועלכע איז געבליבן אַן עלנטע, קיילעכדיקע יתומה.

מרדכי איז דער ערשטער גלות־ייִד וואָס ווערט געשילדערט אין תּנך. און די גאַנצע געשעעניש קומט פאָר אין גלות. עס איז אויך דאָס ערשטע מאָל בכלל, אַז אַ ייִד רופט זיך אָן „יהודי״, נישט „עברי״, כאָטש ער איז נישט פון שבט יהודה, נאָר פון שבט בנימין. די חז״ל באַצייכענען אים מיטן העכסטן טיטל — מרדכי הצדיק. אויף דעם האָט אַ מאָל געזאָגט רבי יהונתן מפּראָג, אַז די גרויסקייט פון מרדכין באַשטייט אין דעם איש יהודי היה בשושן, וואָס ער איז געווען אַ ייִד נישט נאָר בביתו, אין זיין שטוב, אָדער אין שול, נאָר אויך אַ ייִד בשושן הבירה, אין גאַס צווישן גויים,

אויף יעדן פּלאַץ איז ער געווען אַ ייִד. מיט דעם האָט דער רבי געוואָלט אַ שטאָך טאָן די משׂכּילים, וואָס האָבן געהאַלטן פון „היה אדם בצאתך ויהודי באוהליך".

מרדכי האָט געלעבט אין גלות; עס קומט אויס, אַז ער איז אַסימילירט, אַפילו זיין נאָמען איז נישט קיין ייִדישער. מרדכי קומט פון מאַרדוק, אַ פּערסישן גאָט. זיין קוזינע אסתּרס נאָמען איז אשתּורת — אַ פּערסישע געטין, די גריכישע ווענוס; איר ייִדישער נאָמען איז גאָר געווען הדסה.

ווען אסתּר ווערט גענומען אינעם קיניגלעכן פּאַלאַץ אַנטייל צו נעמען אין דעם שיינהייט־פּאַרמעסט, זאָגט ער איר אָן, זי זאָל פאַרבאָרגן איר אָפּשטאַם און נישט אויסזאָגן אַז זי איז אַ ייִדישע: „אין אסתּר מגדת מולדתה ואת עמה" (אסתר ב׳ כ).

רבי אייזל חריף אין אַ פּורימדיק־דערלויבטן שפּאַס, האָט געזאָגט, אַז דאָס אַליין, אַז אַ ייִדישע פרוי זאָל קענען איינהאַלטן אַ סוד, דאָס איז דער גרעסטער נס פון פּורים.

מרדכי, דער הויפייִד, זיצט ביים טויער פונעם קיניגלעכן פּאַ־לאַץ; ער איז דער טיפּ פון אַ ייִדישן שתּדלן, וואָס וויל דורך שתּדלנות, זיצנדיק הינטער די קוליסן, אויספּועלן אַ שטיקל טובה ביים קיניג.

אָבער אינעם מאָמענט פון דער העכסטער נאַציאָנאַלער געפאַר, אין די גורלדיקע טעג פון דער המן־גזירה, דערוועקט זיך ביי אים דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, ער אידענטיפיצירט זיך מיט זיינע ייִדישע ברידער און מיט האַרצוויייטיק וואָרנט ער אסתּרן, זי זאָל גיין צום מלך (אומגעבעטענערהייט) און אויסבעטן רחמים פאַר אירע ברידער, אַפילו ווען זי שטעלט אין קאָן איר אייגן לעבן. ווען אסתּר דערשרעקט זיך און וויל נישט גיין, זאָגט ער איר שאַרף: „אל תדמי בנפשך להמלט בית המלך מכּל היהודים" — מיין נישט, אַז דו וועסט זיך קענען אויסבאַהאַלטן פון דער אַלגעמיינער ייִדישער

גזירה, דער זעלבער גורל וועט דיך אויך טרעפן אַפילו אינעם קיניג־לעכן הויף.

די אַגדה דערציילט, אַז ווען מרדכי האָט זיך דערוווּסט וועגן המנס קאָנספּיראַציע, איז ער אַרויס אין גאַס, האָט אָפּגעשטעלט דריי קינדערלעך וואָס זענען געגאַנגען פון חדר און האָט זיי געפרעגט וואָס זיי האָבן געלערנט יענעם טאָג. איינער האָט געענט־פערט: „אל תירא מפחד פתאום ומשאת רשעים כי תבא" — האָב נישט קיין מורא פאַר אַ פּלוצעמדיקער שרעק (משלי ג' כה); דער צווייטער: „עוצו עצה ותופר, דברו דבר ולא יקום כי עמנו אל" (ישעיהו) — עס וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן פון דער עצה. דער דריטער: „ועד זיקנה אני הוא ועד שיבה אני אסבול אמלט" — איך בין דער אייגענער אַפילו ביזן עלטער... איך וועל אויף זיך נעמען און ראַטעווען. מרדכי האָט געזען אין די דריי פּסוקים די בשורה פון אַ ישועה, און אַזוי איז טאַקע געווען.

די מגילה אַליין לויבט זייער מרדכין, אַז ער האָט געוווּנען די ליבשאַפט פון די ייִדן, אַז ער האָט געזוכט גוטס פאַר זיין פאָלק און גערעדט צום פרידן פון זיין גאַנצן שטאַם — „דורש טוב לעמו שלום לכל זרעו". דער מדרש גיט נאָך צו דעם גרעסטן שבח און זאָגט: „מרדכי שקול בדורו כמשה בדורו", דאָס הייסט, מרדכי אין זיין דור איז געווען אַזוי וויכטיק ווי משה אין זיין דור (אסתר רבה).

אסתר המלכה. זי איז צאַרט, איידל און צניעותדיק. זי איז נישט קיין כאַריזמאַטישע פּערזאָן, ווי די אַנדערע פרויען־געשטאַלטן פון תנך אָדער געשיכטע, אַ שטייגער, ווי דבורה הנביאה, אָדער ווי אַביגיל, צי אַפילו יעל אשת הקני אינעם שופטים־ספר, אָדער יהודית אין דער גניזה, וואָס ווייזן אַרויס גרויסע גבורה. זי איז נישט קיין דינאַמישע העלדין, נאָר אַ שטילע, געהאָרכזאַמע פיגור.

ווען מרדכי זאָגט איר זי זאָל גיין צום מלך זיך איינשטעלן פאַר די ייִדן, בלייבט זי צעשראָקן. ווי קען איך עס טאָן? זאָגט זי, איך בין נישט גערופן געוואָרן פון קיניג, און ווער עס קומט צו אים אויף דער אייגענער אחריות, נישט גערופענערהייט, ווערט געטייט אויפן אָרט.

אָבער אונטערן דרוק פונעם גורל באַרעכנט זי זיך און טראַכט איבער נאָך אַ מאָל און זאָגט: „כאשר אבדתי אבדתי", זי שטעלט זיך איין און קומט צום קיניג. ווען ער נעמט זי אויף גוטמוטיק און גוטוויליק און קוקט זי אָן אין שטוינונג, וואָס פאַר אַ דרינגע־דיקע סיבה האָט זי געבראַכט צו אים און פרעגט זי: „מה לך אסתר המלכה ומה בקשתך", ענטפערט זי מיט גרוים ווייטאָג: „איכה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי" — ווי קען איך אויסהאַלטן די צרות פון מיין פאָלק.

אין אַ מאָמענט פון נויט, אַרבעט זי אויס אַ געניועם פּלאַן ווי אומצוּוואַרפן המנען. אָט אָ די שטילע אסתּר, וואָס איז אין דער בחינה פון אַ „תינוק שנשבה לבין העכו"ם", קען דעם מלכם נאַטור, זיין אייפערזוכט, און איר אינטויציע נאַרט זי נישט אָפּ, זי לאַדט אים איין אויף אַ וויין־באַגעגעניש. ווער זענען די איינגעלאַדענע געסט? — איינער בלויז, המן.

שטענדיק ווערן טויזנטער מענטשן פאַרבעטן אויף דעם מלכם מאָלצייטן, און דאָ אַ מאָלצייט צוליב איין אורח? עפּעס איז נישט גלאַטיק, דאָס דערוועקט ביים אחשוורושן מאָדנע, אומרויִקע גע־דאַנקען און שטערט זיין רו. ער קען נישט שלאָפן, כאָטש ער איז שיכּור. זאָל עס זיין אָז זיין גרויסוויזיר וויל אים באַרויבן פון זיין טראָן און אויך פון זיין מלכּה?

אסתּר איז זייער באַליבט ביים פאָלק און רופט אַרויס מיטלייד און באַוווּנדערונג. דער מדרש רעדט וועגן איר מיט אַ סך ליבע און פאַרערונג. זי הייסט הדסה. אַזוי ווי די מירט גיט אַרויס אַן

אַנגענעמען ריח, אַזוי פֿאַרשפּרייט אסתּר גוטע מעשׂים איבערן לאַנד. אַזוי ווי דער הדס פֿאַרוועלקט נישט, נאָר בלייבט גרין און פֿריש אין ווינטער ווי אין זומער, אַזוי איז אסתּר אין איר צדקות, זי פֿאַרלירט זיך קיין מאָל נישט.

אסתּר איז געווען די זעלבע אסתּר אין איר יוגנט און אירע עלטערע יאָרן, זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו טאָן גוטע מעשׂים. איר קיניגלעכער אויפֿשטייג האָט זי נישט געביטן; זי איז געבליבן די זעלבע באַשיידענע אסתּר מיט אירע גוטע מאַנירן און ריינקייט פֿון געדאַנק און נשמה, ווי זי איז געווען אַ מאָל — איידל, צניעות־דיק און פֿיין.

אסתּר ווערט פֿאַררעכנט ווי אַ נביאה, איינע צווישן די זיבן נביאות, און מיט רעכט: אין דעם בריוו וואָס די שיקט צו די חכמים אין ירושלים שרייבט זי: „קבעוני לדורות ליום טוב ולקריאה", ווי זי וואָלט פֿאָרויסגעזען אין אַ חזיון, אַז יעדער דור האָט זיין המן.

ווי געזאָגט פֿריִער, איז די מגילה אַ טיפּישע שאַפֿונג פֿונעם גלות־לעבן און האָט נישט קיין פֿאַרבינדונג מיט ארץ־ישׂראל. איין מאָל ווערט דערמאָנט ירושלים, ווען עס דערציילט זיך אַז מרדכי איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דאָרט דורך נבוכדנצרן.

עס איז אויך דער איינציקער ספֿר אין תּנך, ווו גאָטס נאָמען ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט.

ווען מרדכי זאָגט אסתּרן „אם החרש תחרישי... רווח והצלה יעמד ליהודים ממקום אחר" — וועט אונדזער ישועה קומען פֿון אַן אַנדער אָרט. דאָ בעט זיך ממש ער זאָל זאָגן „גאָט וועט שיקן אַ ישועה" אָבער מרדכי האַלט זיך אָפּ דאָס אַרויסצוזאָגן.

געוויסע מפֿרשים האַלטן, אַז דאָס וואָרט „מקום" באַציט זיך אויף גאָט, אָבער אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז נישט מעגלעך, ווייל „מקום" אין דער מגילה באַהעפֿט זיך מיט דעם וואָרט „אחר".

איבן עזרא גיט אָן זײַן אײגענעם טעם: װען מרדכי האָט געשריבן די מגילה אין העברעיִש, האָט דער קיניג זי געהײסן איבערזעצן אויף פּערסיש און זי אַרײַנגענעמען אין דער געשיכטע פֿון די פּערסישע קיניגן, װי די מגילה דריקט זיך אויס: „וכל מעשה תקפו וגבורתו... הלא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס". האָט מרדכי מורא געהאַט טאָמער װעלן זײ איבערבײַטן גאָטס נאָמען אויף דעם נאָמען פֿון זײערע געטער, איז ער געװען אָפּגעהיט און נישט דערמאָנט גאָטס נאָמען.

אויך אין אַנדערע ערטער איז ער זײער פֿאָרזיכטיק. װען די ייִדן טוען תּפֿילה, פֿאַסטן און טרויערן, בײַ די בקשות און תּחנונים. דאָס זעלבע, װען זײ פֿרײען זיך און דריקן אויס זײער שׂימחה מיטן נס, װעמען דאַנקען זײ? זײ זענען זײער פֿאָרזיכטיק נישט צו דערװעקן דעם מינדסטן פֿאַרדאַכט פֿון יהדות.

מרדכי פֿילט, אַז עפּעס אַ געהײמע האַנט פֿירט אָן מיט דער גאַנצער געשעעניש און ער רופֿט אויס: „מי יודע אם לא לעת כזאת הגעת למלכות" — װער װײסט, אפֿשר דערפֿאַר האָסטן דערגרייכט צו דער מלוכה, פּונקט װי יוסף זאָגט צו זײַנע ברידער „כי למחיה שלחני ה'" — ס'איז באַשערט געװען צוליב אַ גוטער זאַך װאָס איר האָט מיך פֿאַרקויפֿט. אַזױ זעען מיר אַז צװישן די שורות ליגט פֿאַרבאָרגן אַ טיפֿער גלויבן אין דער געטלעכער השג־חה, װאָס פֿירט די מעשׂה פֿון אָנהײב אָן, פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל — ביז צו דעם עפּילאָג מיט אַ ייִדישן נצחון.

די ספּעציפֿישע מנהגים פֿון פּורים

פּורים װערט געפֿײַערט שפּילעװדיק, לײַכט, אָן שװערע רע־ליגיעזע צוימען. עס האָט זיבן מצוות מיט װעלכע מיר באַערן דעם יום־טוב:

1. מע לײענט צװײ מאָל די מגילה, װעלכע איז געשריבן

אויף פארמעט, וואס איז דויערהאפטיק. דארט ווערט געזאגט: „וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים" — די דאזיקע טעג פון פורים זאלן נישט אפגעשאפט ווערן פון צווישן ייִדן, און זייער געדעכעניש זאל נישט אויפהערן ביי זייערע קינדער. 2. סעודת מצווה, 3. משלוח מנות איש לרעהו, 4. מתנות לאביונים, 5. קריאת התורה — פרשת זכור, 6. „על הנסים": צוגעגעבן אין דאווענען און אין בענטשן אין די צייטן פון די גאונים, 7. איסור צום והספד — נישט פאסטן און נישט מספיד זיין, חלילה, אין אן אומגליק.

לייענען די מגילה איז אזוי וויכטיק, אז די חז"ל האבן געהאלטן, אז מען דארף איבעררייסן דאס לערנען תורה, אבי צו הערן לייענען די מגילה. ווען מען דערמאנט המנס נאמען, קלאפט מען מיט די פיס און מען גרעגערט מיט א גראגער.

דער רמ"א (ר' משה יסרליש) ברענגט, אז דאס איז באגרינדעט אויפן פסוק: „מחה תמחה את זכר עמלק מתחת השמיים". — זאלסט פארניכטן דעם אנדענק פון עמלק, אים אפמעקן, ווייל המן שטאמט פון עמלקן.

מאכן א סעודה איז א מיצווה, ווי עס ווערט געזאגט: „חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי" — עס איז א מצווה צו עסן און טרינקען און זיין פריילעך, אפילו זיך אנצושיכורן, טרינקען אזוי פיל, מען זאל נישט וויסן דעם אונטער־שייד צווישן „ארור המן און ברוך מרדכי" (מסכת מגילה ז), הגם ביי ייִדן איז שיכּרות אן עבירה, א שיכּורער טאר נישט דאווענען, און איז פסול צו עדות.

„ברוך מרדכי" און „ארור המן" מאכט אוים פאר יעדן בגימטריא 502. ווייטער, אין דער מגילה רעדט זיך א סך וועגן א סעודה, א משתה, צוואנציק מאל איז דערמאנט א מסיבה אין דער מגילה.

מע שיקט מתנות איינער צום צווייטן און מע גיט צדקה

פּאַר אָרעמע לייט, זיי זאָלן זיך קענען מיטפריייען מיטן גאַנצן ציבור. „צדקה תרומם גוי״ — צדקה דערהייבט אַ פאָלק.

שבת פאַר פּורים, פּרשת זכור, לייענט מען אין דער תורה וועגן דעם שׂונא עמלק, „געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן, ווען דו ביסט אַרויס פון מצרים״; „מלחמה לה׳ בעמלק בכל דור ודור״ (שמות י״ז טז), ס׳איז אַ דורותדיקער קאַמף מיטן עמלק.

דאָס גלייכן לייענט מען די הפטורה וועגן שאולס מלחמה קעגן אַגג, דעם קיניג פון עמלק. עמלק איז דער פּראָטאָטיפּ פון המנען, ער איז אויך אַ שׂונא ביי וועמען עס איז געווען פּשוטע רישעות אָן שום אייגן־אינטערעס.

המן איז טאַקע אַן אָפּשטאַמיקער פון עמלק; מרדכי איז אַן אָפּשטאַמיקער פון קיש, ווי שאול המלך.

זעען מיר, אַז נאָך 600 יאָר טרעפן זיך די צוויי אוראייניקלעך, מרדכי און המן, אין אַ דראַמאַטישן פּאַרמעסט, און דער קאַמף צווישן לעבן און טויט האַלט נאָך אָן אַזוי פיל יאָרן. המן לעבט.

פּורים איז זייער ענלעך צו חנוכּה. ביידע יום־טובים זענען אויסער דער תורה, ביידע דערציילן וועגן אַ ייִדישער רעטונג. אָבער בעת פּורים איז אַ טיפּישער יום־טוב פונעם ייִדישן גלות, האָט זיך די חנוכּה־געשעעניש אָפּגעשפּילט אין ארץ־ישׂראל, און דערפאַר ווערן זיי אַנדערש געפייערט. חנוכּה איז איינגעוויקלט אין דער ייִדישער גבורה, וואָס דערציילט פון העלדישקייט און מוטעקייט. דער נס פון חנוכּה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער ייִדישער גייסט איז געראַטעוועט געוואָרן; די גזירה פון אנטיוכוס הרשע איז געווען אויסצוראָטן די ייִדישע תורה און אמונה, „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך״ (על הנסים). דערפאַר פייערן מיר חנוכּה מיט הלל, מיט לויב און געזאַנג, מיט ליכט — תורה אורה.

דער נס פון פּורים איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ייִדן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פיזישן אומקום. און מיר פייערן

דאָס במישתה ובשימחה, מיט סעודות און הוליאַנקעס, מיט גוטע, געשמאַקע מאַכלים.

די פורים־שימחה איז נישט נאָר אין דעם טאָג ווען דער יום־טוב פאַלט אוים, נאָר אַ גאַנצן חודש אָדר. עס ווערט געבראַכט: „משנכנס אָדר מרבין בשימחה". ווען דער חודש אָדר פלעגט אָנקו־מען, פלעגט פריילעך ווערן אויפן הארצן; ער האָט געבראַכט שימחה אין די ייִדישע היימען, אין דעם ייִדישן געמיט. ס'איז אַ יום־טוב ווען מען פלעגט זיך דערלויבן אַראָפּצוּוואַרפן די ערנסטקייט, אַן אמתער פאָלקס־יום־טוב.

ווער געדענקט נישט דעם שלח־מנות־טרעגער? ער פלעגט גיין פון הויז צו הויז מיט לידער און געזאַנג, מיט שפּיל און שפּאַס, ספּע־ציעל פלעגן וואַרטן אויף פורים די ישיבה־בחורים. אין דער ישיבה פלעגט מען אויסקלייבן אַ פּורים־רב, אַ מין קיניג אויף אַ טאָג, און ער פלעגט זיך לאָזן ווילגיין און זיך דערלויבן אַריינצוזאָגן דעם ראש־ישיבה און דעם רב אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אויפן הארצן.

מע פלעגט זיך איבערטאָן, אָנטאָן פרויען־קליידער צו שפּילן אסתּר המלכּה. דער פּורים־רב פלעגט מאַכן פּאַראָדיעס פון חומש, מע האָט פאַרגעשטעלט די פּורים־מעשׂה און אויך אַנדערע ביבלי־שע מאָטיוון, ווי מכירת־יוסף, דוד וגלית, בר כוכבא...

פון די וויצן און שפּאַסן, הלצות און ווערטלעך, האָט זיך געשאַפן אַ פאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור, אַן אוצר, וואָס האָט געגעבן דעם אָנהייב דעם ייִדישן טעאַטער. ביי די גריכן און ביי די קריסטן איז דער טעאַטער אַרויסגעוואַקסן פון דער רעליגיע.

ווייל מען זען ווי פריילעך פּורים ווערט היינטיקע יאָרן גע־פייערט, דאַרף מען גיין קיין תּל־אָביב, וואָס האָט איבערגענומען און פאַראייגנט דעם פּורים־יום־טוב מער ווי יעדע אַנדערע שטאָט.

פּורים איז געבוירן געוואָרן אין גלות, און תּל־אביב איז אַ שטאָט וואָס איז אויסגעוואַקסן פון ייִדן פון דער צעשפּרייטקייט,

פון מיזוג גלויות, איז עס די ריכטיקע שטאָט פאַרן יום־טוב, פּונקט ווי חנוכּה ווערט ספּעציעל געפייערט אין מודיעין, די חשמונאָים־היימשטאָט, און ל״ג בעומר אין מירון, וווּ ס׳געפינט זיך רבי שמעון בר־יוחאָים הייל.

די שטאָט ווערט פאַר פּורים באַלויכטן, דעקאָרירט מיט פאָנען, ס׳גייט אָן אַ קאַרנאַוואַל פון די פּורים־כאַראַקטערן, מיט פּאַראַדיעס, סאַטירעס און קאָמישע מאַסקעס.

פּורים איז אַ האַלב־וואָכעדיקער אָבער דער באַליבטסטער יום־טוב פון הצלה. ער איז פּאָפּולער און אַקטועל, באַליבט ביי קליין און גרויס, יונג און אַלט און אַפּעלירט צו אַלעמען מיט זיין פריי־לעכקייט און שטיפערישקייט.

אומעטום וווּ ייִדן האָבן געלעבט זענען אויפגעשטאַנען המנס, וועלכע האָבן געזוכט מיט אַלע כּוחות צו פאַרפאַלגן און אונטער־דריקן ייִדן. פּורים האָט געגעבן מוט איבערצוטראָגן די גזירות און האָפן, אַז מען וועט איבערלעבן די פינצטערע צייטן און זען די מפּלה פון דעם שונא.

די פּורים־מעשׂה, היסטאָריש אָדער פיקציע, איז פאַר ייִדן אַן אַלעגאָריע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ נישט איין געוויסע צייט, נאָר בפירוש אַלע צייטן, אַ קוואַל פון אויפמונטערונג און פרייד, פון וואַנען דער ייִד האָט געצויגן בטחון און קוראַזש און אַן אויסקוק אויף אַ ישועה.

די אַלטע, אָבער שטענדיק נייע פּורים־מגילה איז איצט אַזוי אַקטועל ווי אַ מאָל, ווייל די ייִדן־שונאים לאָזן זי נישט אַלט ווערן. „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו״. ס׳איז אַן אַלטע מעשׂה אין אַ נייער אויפלאַגע; כּל זמן די שׂינאה קעגן ייִדן וועט הערשן אויף דער וועלט, וועט פּורים נישט בטול ווערן.

חג שׂמח

די מדינה טרעט איצט אַריין אין 40סטן יאָר פון איר עקזיסטענץ — פערציק יאָר פון אומדערמידלעכן, אָנגעשטרענגטן שאַפן, פון בויען און קעמפן אונטער די שווערסטע אומשטענדן, מיט שטערונגען פון אויסנווייניק און שטרויכלונגען פון אינעווייניק; פון באַשיצן דאָס לאַנד פון די אָנפאַלערס און אויפנעמען נייע עולים און באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט און וווינונג.

יאָ, קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות — אויסמישן און אויסקנעטן און איינגלידערן אין דעם געוועב פון דעם פאָלק די אַלע פאַרשיידענע עולים; מענטשן פון פאַרשיידענע גלותן מיט פאַרשיידענע שפּראַכן און אַלערליי קולטורן, אָדער גאָר „אָן קולטורן", און פון זיי אַלע שאַפן אַן איינהייטלעך פאָלק און בויען אַ לאַנד און זיך אַליין אויסבויען — „לבנות ולהבנות בה".

ווען מיר מישן די בלעטער פון די פאַרלאָפענע יאָרן פון דער מדינה, זעען מיר, אַז נישט אויף אַ זילבערנער טאַץ איז זי אונדז געגעבן געוואָרן. איר וועג איז נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט בלומען, נאָר מיט שוויים, בלוט און טרערן. אָבער אויך מיט פרייד, — פרייד פון שאַפן און דערגרייכן.

ווען מיר קוקן זיך צו צו אירע דערגרייכונגען אין די געגעבענע אומשטענדן, זעען מיר, אַז נישט געקוקט אויף די ספקות און קריטיק, האָבן מיר דאָך אַ יסוד זיך צו פרייען און מיר מעגן מאַכן די טראַדיציאָנעלע ברכה פון „שהחיינו".

די געשיכטע פון תּקומת המדינה איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן, כאָטש הונדערטער ביכער און טויזנטער אַרטיקלען האָבן זיך שוין מיט דעם פאַרנומען. אומצאָליקע שרייבערס, פּאָליטיקערס און מיליטערישע עקספּערטן, צענדליקער אַרטיסטן, פּאָעטן, ייִדישע און נישט־ייִדישע, זענען אינספּירירט געוואָרן דורך די וווּנדער־מעשׂים און העלדנטאַטן, וואָס יחידים, גרופּעס און דאָס פאָלק אין ציון האָבן דורכגעפירט אין די גורלדיקע טעג.

דאָס איז אַן עפּאָס, וואָס וואַרט נאָך אַלץ אויף דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער. אפשר איז נאָך צו פרי, מיר זענען צייטלעך צו נאָענט צו דער עפּאָכע, כּדי זי אָפּצושאַצן, צו באַנעמען איר גרויסקייט. דאָס דאַרף האָבן מער פּערספּעקטיוו, און אַוודאי געהער די טעמע פון תּקומת המדינה צו די, וואָס לאָזן זיך נישט אויסשעפּן אין אַזאַ געוויינלעכן אַרטיקל ווי דער.

ווען מיר דאָ מאַכן בלויז אַ קורצן שפּאַציר איבער דער לאַנגער ייִדישער געשיכטע, כּדי צו באַנעמען און בעסער פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אין 70סטן יאָר פון דער אַנגענומענער צייט־רעכענונג האָט רוים איינגענומען ירושלים און צעשטערט ארץ־ישׂראל, פאַרברענט דעם צווייטן בית־המקדש, וואָס איז געווען דער צענטער פון דער ייִדישער אומאָפּהענגיקייט און דער סימבאָל פון גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן פון פאָלק. זיי האָבן דערהרגעט טויזנטער פון דעם פאָלק און אַ גרויסן טייל פאַרטריבן אין גלות. די ייִדן, צעזייט און צעשפּרייט אין אַרבע כּנפות הארץ, האָבן געלעבט אין דער פרעמד, אין פאַרשיידענע לענדער, אונטער פרעמדע רעזשימען, אויסגעשטעלט אויפן גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון די בעלי־בתּים. לעבנדיק אין אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיי אָבער דאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז דאָס איז אַלץ נאָר צייטווייליק; זיי

האָבן געגלויבט אין דער הבטחה, וואָס גאָט האָט געגעבן צו אונדזערע אָבות, אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן קיין ארץ־ישׂראל ווען די צייט וועט קומען און זיי וועלן אויפבויען צוריק זייער לאַנד. זיי האָבן געוויינט און געטרויערט אויפן חורבן בית־המקדש, אָבער נישט געלאָזט זיך באַהערשן פון יִיאוש, נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגן שיבת־ציון און זי געהאַלטן וואַך, רעאַל — אין די תּפילות דריקן זיי אויס די גאולה־לעכצונגען און די זכרונות פון אונדזער רומפולן עבר — און געוואַרט אויף ביאת המשיח, אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות.

„ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״;

„לירושלים עירך ברחמים תשוב״;

„וקרב פזורינו מבין הגוים ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ״.

אַזוי איז אויפגעהאַלטן געוואָרן נישט נאָר דאָס רעליגיעזע געפיל, נאָר אויך דאָס נאַציאָנאַלע אַ סך הונדערטער יאָרן נאָך פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם פון דער מאָדערנער צייט.

וועגן דער אַנטשטייונג פונעם מאָדערנעם ציוניזם קען מען זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע דערקלערונגען און פאַרשיידענע טעאָריעס. אייניקע זאָגן, אַז דער יִדישער נאַציאָנאַלער געדאַנק און דער ציוניסטישער אידעאַל איז באַגרינדעט אויף דער ווייזע פון די נביאים, ד״ה אויפן עטישן ציון־אידעאַל און די שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן און איינפירן אין לעבן די שליחות „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״. זיי האַלטן, אַז דאָס איז געווען די טרייבקראַפט צום ציוניזם.

אַנדערע זאָגן, אַז דער ציוניזם איז געקומען צוליב דער השפּעה פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אייראָפּע פון יענער צייט אין 19טן יאָרהונדערט. מע דאַרף געדענקען, אַז אין 19טן יאָרהונדערט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער נאַציאָנאַליזם

ביי די פעלקער, וועלכע זענען יאָרן־לאַנג געווען אונטערדריקט אונטערן יאָך פון די דעמאָלטיקע גרויסמאַכטן, ווי למשל — איטאַליע, אונגאַרן און פוילן, וואָס איז געווען צעריסן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך. די אַלע האָבן גענומען קעמפן פאַר זייער פרייהייט. די מלוכות האָבן מער ווייניקער אָנערקענט דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. באַהערשט פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אַטמאָספער, האָבן ייִדן געפילט און פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען אַ צייט ווען אויך זיי קענען מאָנען זייער רעכט אויף ארץ־ישׂראל; אפשר וועלן די מלוכות מתקן זיין די שווערע עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן ייִדישן פאָלק.

די רדיפות און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, וואָס ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די 80ער יאָרן, האָבן אויך משפּיע געווען אויפן ציון־אידעאַל.

און די, וואָס האָבן געהאַט געלייגט זייער האָפענונג אויף פּראָגרעס און עמאַנציפּאַציע, אַז די הילף פאַר ייִדן וועט קומען צוזאַמען מיט דער דערלייזונג פון דער וועלט, האָבן פּלוצלונג דערזען זייער טעות — אַז ייִדן האָבן גאָר אַן אויסנעמלעכן טראַגישן גורל. זיי האָבן איצט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט, אַז מען מוז זיך אַליין העלפן — לייזן די ייִדן־פראַגע דורך שאַפן אַן אייגענע היים אין אַן אייגן לאַנד. עס קומען אויף די בילו־באַוועגונג (בילו — ר״ת פון בית יעקב לכו ונלכה — ישעיהו ב) און די חובבי־ציון־געזעלשאַפטן. עס באַווייזן זיך ד״ר לעאָן פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע”, משה העסעס „רוים און ירושלים”. אין 1896 דערשיינט ד״ר בנימין זאב הערצלס „יודענשטאַט” — אַ בראָשור וואָס האָט אויפגע־טרייסלט די ייִדישע וועלט. דער מחבר — אַ זשורנאַליסט, אַ דראַ־מאַטורג און אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נייע פרייע פּרע־סע”, אַ מערב־אייראָפּעיִשער, האַלב־אַסימילירטער ייִד — איז

צערודערט געוואָרן דורך דער דרײַפוס־אַפערע. אַלפרעד דרײַ־פוס, אַ קאַפּיטאַן אין דער פראַנצייזישער אַרמיי, איז פאַלש באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש פאַר דייטשלאַנד (1894). דאָס האָט הערצלען אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט דערזען, אַז עס איז פאַראַן אַ ייִדן־פּראָבלעם, וואָס קען נישט געלייזט ווערן דורך אַסימילאַציע; די שׂינאה צו ייִדן איז אַן אייביקע, „שׂינאת עולם לעם עולם״. הערצל האָט איינגעזען, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ מאַסן־פּסיכאָז, וואָס לאָזט זיך נישט אויסהיילן. דאָס איז נישט בלויז אַ סאָציאַלע פראַגע, און אויך נישט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אַ נאַציאָנאַלע. ייִדן זענען אַ באַזונדער פאָלק און זיי מוזן זיך אומקערן צו אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענער מלוכה.

הערצל רופט צונויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (1897) ווו עס ווערט געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווי אַ רעגירונג אונטערוועגס — דער פּאָליטישער ציוניזם. אויפן קאָנגרעס איז קלאָר און אָפן דערקלערט געוואָרן פאַר דער גאַנ־צער וועלט און פאַר דעם צעזייטן און צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק, אַז דער ציל איז ארץ־ישׂראל.

אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען דער חידוש וואָס ד״ר הערצל האָט אַריינגעבראַכט?

ער האָט פאַרשטאַנען איינצושפּאַנען די ייִדן־פראַגע, די אויסנעמלעכע ייִדישע סיטואַציע, אין דינסט פון די דורות־אַלטע גאולה־בענקעניש, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט. ער האָט זיי ביידע צוזאַמענגעבונדן און געשפּירט, אַז איצט איז געקומען דער שעת־הכּושר אויסצונוצן דעם ייִדישן באַפרייונג־ווילן אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סיטואַציע אין דער וועלט. ער האָט אָנגעשטעלט בולט די דריי עיקרים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: די נאַציאָנאַלע און עטישע באַדייטונג, איר היסטאָרישער כאַראַקטער

און איר שטעלונג צו די אַקטועלע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק. אויב ארץ־ישׂראל איז געווען פריִער נאָר אַן אָביעקט פאַר חלומות און משיחישע בענקשאַפטן, איז עס מיטן ציוניזם אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן רעאַלן באָדן, אין דער ספערע פון מעשׂים. ד״ר הערצל האָט זיך באַמיט צו טרעפן מיט די הערשנדיקע און איינ־פלוסרייכע פּערזענלעכקייטן און ווירקן זיי זאָלן געבן זייער צושטי־מונג צו אַ ייִדישן שטאַט. ער האָט זיך געזען מיטן סולטאַן, מיטן דייטשן קייסער ווילהעלם און אויך מיטן פּויפּסט. ער איז געפאָרן אין רוסלאַנד זיך משתדל זיין פאַר די ייִדן נאָכן קישינעווער פּאָגראָם אין יאָר 1903. ער האָט אָבער נישט דערלעבט צו זען רעאַליזירט דעם ציל, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט — מדינת ישׂראל. ער איז געשטאָרבן אין 1904 פון אַ האַרצאַטאַק. ער האָט איבערגע־לאָזט אַ צוואה צו זיינע נאָכפאָלגערס: שטעלט זיך נישט אָפּ, זייט ממשיך אייער קאַמף און איר וועט געווינען: „אם תּרצו אין זו אגדה — אויב איר ווילט, איז דאָס נישט קיין לעגענדע״.

שפּעטער קומט אַ גאַנצע קייט פון געשעענישן, נאָך צו דער־מאָנען די וויכטיקסטע פון זיי: די באַלפור־דעקלאַראַציע, די ערשטע וועלט־מלחמה און דער חורבן־היטלער י״ש מיט זיינע טראַגישע פאָלגן.

וואָס איז געווען די באַלפור־דעקלאַראַציע?

סיר אַרטור באַלפור, דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער פון יענער צייט, באַווויגן דורך זיין פריינד ד״ר חיים וויצמאַן, האָט סימפּאַטיזירט מיט די ציוניסטישע שטרעבונגען און פאַרעפנט־לעכט די אַזוי־גערופענע באַלפור־דעקלאַראַציע דעם 2טן נאָוועמ־בער 1917 (אַדרעסירט צו לאָרד ראָטשילד), אין וועלכער ער דער־קלערט: זיין מאַיעסטעטס רעגירונג באַציט זיך גינסטיק צו דעם שאַפן פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן ייִדישן פאָלק אין ארץ־

ישׂראל און וועט מאַכן די גרעסטע באַמיִונגען צו פאַרלייכטערן די דערגרייכונג פון דעם ציל.

מיט דער „באַלפור־דעקלאַראַציע" האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער אידעע, אָבער ער האָט געבראַכט אויך נייע שוועריקייטן. קעגנער און שׂונאים האָבן נישט געפעלט. ענגלאַנד אַליין האָט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן ענין און נישט געוואָלט באַשטעטיקן די באַל־פור־דעקלאַראַציע, זי האָט געבראַכן אירע צוזאָגן און התחייבותן. ד״ר וויצמאַן האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו ווירקן אויף ענגלאַנד, זי זאָל באַשטעטיקן די באַלפור־דעקלאַראַציע. ווי אַ פּראָפעסאָר פון כעמיע האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מלחמה און דורך זיינע כעמישע דערפינדונגען האָט ער געהאָלפן ענגלאַנד צו געווינען דעם קריג, און דאָס, אייגנטלעך, האָט זי באַוויגן אונטערצושרייבן דעם באַלפור־דאָקומענט.

ארץ־ישׂראל איז געוואָרן אַ מאַנדאַט־לאַנד אונטער דער ברי־טישער אימפעריע, וואָס האָט געדאַרפט העלפן בויען די נאַציאָנאַלע היים פאַר יידן. אָבער אַנשטאָט דעם זענען די ענגלענדער מער געווען אויף דער אַראַבישער זייט, זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן נייע פּירושים אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע; זיי האָבן אַרויסגעגעבן די אַזוי־גערופענע „ווייסע ביכער" פאַרן באַגרענעצן די עליה.

די אַראַבער פון זייער זייט זענען אַרויס אין קאַמף קעגן ציוניזם, אַדורכגעפירט שחיטות אויפן יידישן ישוב אין די יאָרן 1920, 1921, 1929, 1936.

נאָכן היטלער־חורבן, ביי דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט, וואָס האָט פאַרמאַכט אירע אויערן פאַר די גסיסה־קרעכצן פון די פאַרפייניקטע יידן, האָט איר געוויסן אַ ציטער געטאָן. און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין מאָמענט פון דער אָפּשטימונג אין „אונאָ", דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, איבערן חלוקה־פּלאַן צו

צעטיילן ארץ־ישׂראל אויף צוויי טיילן, פאַר אַראַבער און פאַר ייִדן, און שאַפן אַ פרייע ייִדישע מדינה. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס מיט אַ גרויסער מערהייט — 33 קעגן 13 — אַז דער ענגלישער מאַנדאַט ענדיקט זיך, און אין טאָג פון 14טן מײַ 1948 זאָל פּראָקלאַמירט ווערן די ייִדישע מדינה אין ארץ־ישׂראל.

די אונאָ־רעזאָלוציע איז געווען געפּאַרט מיט דער ייִדישער געוואַגטקייט דאָס אָנצונעמען, טראָץ די שאַרפע וואָרענונגען פון אַלע זייטן אָפּצוהאַלטן דעם פּלאַן. משה שרת שרייבט צו בן־גוריונען, אַז אַמעריקע לייגט שטיינער אויפן הארצן, לייגט פאַר אָפּצוהאַלטן די פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. מע דראָט, אַז אַמעריקע וועט נישט קומען צו הילף, דער ייִשוב וועט נישט קענען אויסהאַלטן און מוזן קאַפּיטולירן פאַר די אַראַבער.

ישׂראל איז געווען אַליין, פאַרלאָזט פון אַלע געוועזענע פריינד: „עם לבדד ישכון“. דער איינציקער פאַרבינדעטער אין איר נויט איז געווען דאָס ייִדישע פאָלק.

אַמעריקע האָט טאַקע נישט געהאָלפן, אָבער די ייִדן האָבן אויסגעהאַלטן. דאָס איז געווען אַן ענין פון „יהרג ואל יעבור“.

דעם דראַמאַטישן מאָמענט וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. כ׳האָב דאַן געלעבט אין מעקסיקע. ווען עס איז אָנגעקומען די בשׂורה וועגן דער אָפּשטימונג פון דער פעלקער־משפחה, האָט דער גאַנצער, פיל־טויזנטקעפּיקער פאַרזאַמלטער עולם פון דער ייִדישער קהילה אויסגעבראָכן אין אַ מזל־טוב־געשריי צוזאַמען מיט אַ געוויין פון שׂימחה; מע האָט זיך געקושט און געהאַלדזט, מע האָט פאַרגעסן אַלע עוולות, מע האָט געטאַנצט אין די גאַסן, אַ ליבשאַפט און אחדות ביי ייִדן ווי ביי מתן־תורה.

ה׳ אייר תש״ח — דעם 14טן מאַי 1948, פרייטיק, ווען דער ענגלישער מאַנדאַט איז פאָרמעל פאַרענדיקט געוואָרן, האָט דוד בן־גוריון פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל. אין

אַט דעם היסטאָרישן טאָג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער דורות־לאַנגער חלום פון ייִדישן פאָלק; די באַנייטע מדינה איז אַנטשטאַנען אין אייגענעם אַלט־נייעם היימלאַנד.

מיט דער מגילת העצמאות האָט ישׂראל אויסגעשטרעקט אַ פריינדלעכע האַנט צו אַלע פעלקער פון דער וועלט. אָבער די אַראַבישע שכנים אונדזערע האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון דער פעלקער־משפחה און נישט אָנגענומען דעם חלוקה־פּלאַן. זיי האָבן אַריינגעשיקט זייערע באַוואָפנטע חיילות, באַפאַלן די ייִדן און אָנגעהויבן אַ פאָרמעלע מלחמה קעגן דער מדינה.

די ייִדן, קליין אין צאָל, האָבן זיך געשטעלט אין אַ פאַרטיידיקונג־קאַמף. מיט ווייניק געווער, אָבער מיט גייסטיקער גבורה און טיפן גלויבן אין נצחון פון גערעכטיקייט, האָבן זיי אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס און באַזיגט די אָנפאַלערס.

דאָס שאַפן פון דער ייִדישער מדינה איז אַ געשעעניש, וואָס איז געווען די סענסאַציע פון דעם יאָרהונדערט, ווי ד״ר חיים ווייצמאַן שרייבט. די גאַנצע וועלט, אונדזערע פריינד און פיינט, ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף אונדז. ער זאָגט אין זיינע מעמואַרן (Trials and Tribulations) בערך אַזוי (ציטירט פון זכרון): אונדזער זיכערקייט וועט זיין אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק נישט נאָר פון דער אַרמיי און פון דעם פלאָט, וואָס די מדינה וועט שאַפן, נאָר אויך פון דער אינערלעכער מאָראַלישער סטאַביליטעט פון לאַנד, וואָס וועט משפּיע זיין אויף דער אויסערלעכער שטאַרקייט.

אוודאי איז דוד בן־גוריון געווען דער, וואָס האָט געהאַט דעם היסטאָרישן פאַרדינסט און זוכה געווען צו פּראָקלאַמירן די מדינה אין דעם געגעבענעם מאָמענט. בן־גוריון מיט זיין וויזיע, מיט זיין קוראַזש און מיט זיין ייִדישער עקשנות, האָט זיך נישט אָפּגע־

שראַקן פֿאַר די אַראַבישע דראָונגען; ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו דעם דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער סטייט־מיניסטער, דזשאָרדזש מאַרשאַל, וואָס האָט געאַרבעט מעשׂים אָפּצוהאַלטן די מדינה־אַנטשטייונג. שוין מיט דעם אַליין האָט בן־גוריון זיך קונה עולמו געווען, דאָס איז געווען זיין שענסטע שעה.

אין דער מגילת העצמאות ווערט קלאָר געזאָגט, אַז די מדינה איז אַ פּראָדוקט פֿונעם אָנשטרענג פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק — פֿון די פֿרומע און פֿון די פֿרייע, פֿון די טרוימערס און די אנשי־המעשׂה: די וואָס האָבן געדולדיק געוואַרט אויף דעם הימלישן גואל, ער זאָל ברענגען די גאולה ווי עס ווערט געזאָגט: „אם ה׳ לא יבנה ביתו, לשוא עמלו בוניו בו"; די וואָס האָבן געטראָגן אין האַרצן די אַלטע גאולה־לעכצונגען, אָבער נישט זוכה געווען צו דעם גרויסן מאָמענט; די מיליאָנען גבורים וואָס זענען אומגע־קומען אויף קידוש ה׳ און קידוש העם אויף די שייטערהויפֿנס און אַנדערע מיתות־משונות פֿון די אינקוויזיציעס, קרייצוגן, גזירות ת"ח ות"ט; די אַלע האָבן צוגעטראָגן זייער חלק צו דער מדינה; אַוודאי און אַוודאי טאָרן מיר נישט פֿאַרגעסן די קדושים וטהורים פֿון דער פֿינצטערער היטלער־עפּאָכע. אַלע די, וואָס, דורכגענומען מיטן ציון־אידעאַל, זענען זיי געקומען אין לאַנד אַריין דורך פֿאַר־שיידענע וועגן און געשאַפֿן קאָלאָניעס און מושבים; די חלוצים פֿון די קיבוצים, וואָס האָבן מיט זייער שוויס געטריקנט די מאַלאַריע־זומפּן און צעאַקערט די שטיינערנע פֿעלדער; די אונטער־ערדישע מיליטערישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אָפּט מיט זייער לעבן באַפֿרייט דאָס לאַנד פֿון פֿרעמדן יאָך (הגנה, פּלמח, אצל, און לחי).

די מדינה איז דער קנין פֿון גאַנצן פֿאָלק. מע קען נישט און מע דאַרף נישט אַריינגיין אין קיין פּאַרטייען־געראַנגל און אַרויס־

הייבן דעם חלק פון איין פּרטיי איבער דער צווייטער — „כּל ישׂראל יש להם חלק בישׂראל".

ישׂראל איז איצט אין 40סטן יאָר פון איר עקזיסטענץ. עס זענען געווען שווערע יאָרן פון דערפאָלגן און אויך דורכפאַלן. ישׂראל זוכט צו לעבן אין שלום מיט די שכנים, אָבער איר אויס־געשטרעקטע האַנט פאַר שלום ווערט אָפּגעוואָרפן.

די מדינה איז געווען געצוווּנגען דורכצומאַכן אין אַזאַ קורצער צייט זעקס מלחמות מיט שווערע פאַרלוסטן. זי האָט אָבער באַוויזן, אַז זי קען זיך אַן עצה געבן מיטן שונא.

די וועלט אָבער זוכט חסרונות, און וואָס ישׂראל טוט, איז נישט גוט. אומעטום דערציילט מען גוזמאדיק וועגן די נעגאַטיווע דערשיינונגען. געוויס זענען פאַראַן דורכפאַלן און חסרונות, וואָס דאַרפן און מוזן פאַרבעסערט ווערן (וועלכעס לאַנד האָט עס נישט?). אָבער מיר וועלן מאַכן אַ צוריקבליק אויף די 40 פאַרלאָפענע יאָרן און באַטראַכטן די דערגרייכונגען, וואָס די מדינה האָט געמאַכט, און מיר וועלן זען, אַז עס איז פאַראַן מיט וואָס שטאָלץ צו זיין.

פון זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען, איז די ייִדישע באַפעלקע־רונג אויסגעוואַקסן פון 650,000 צו פיר מיליאָן.

מע האָט אויפגעבויט אַ לאַנד וואָס איז געלעגן פאַרלאָזט הונדערטער יאָרן און עס פאַרוואַנדלט אין אַ בליִענדיקן גאָרטן. אין אַ לאַנד פון ווייניק וואַסער־רעזערוון האָט מען אַנטוויקלט אַן אַגריקולטור וואָס שטעלט צו גענוג עסנוואַרג, פרוכטן און גרינסן, און באַשפּייזט צו זאַט אירע איינוווינער.

מע האָט געשאַפן אַ בליִענדיקע אינדוסטריע פאַר זיך און פאַר עקספּאָרט, וואָס ווערט באַוווּנדערט פון דער וועלט.

מע האָט עטאַבלירט אַ ווונדערבאַרן דערציִונג־סיסטעם מיט שולן פון קינדערגאָרטנס ביז אוניווערסיטעטן און קונסט־אַקאַדע־

מיעס. די העברעיִשע אוניווערסיטעטן און הויכשולן האָבן אַ נאָמען אין דער וועלט מיט זייערע פאָרשונגען אין מעדיצין און הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

מע האָט געשאַפן אַ נייעם, פרייען, שטאָלצן יִדישן מענטשן, וואָס איז פּראָדוקטיוו און גייט אָן מיט בנין הארץ.

*

די אַנטשטייונג פון דער מדינה האָט באַרייכערט אונדזער קאַלענדאַר מיט אַ גרויסן יום־טוב. אין יעדן יאָר, ה׳ אייר, ווערט געפייערט דער יום העצמאות אין לאַנד און אין די תּפוצות.

אַ טאָג פריִער ווערט אָפּגעריכט דער נאַציאָנאַלער יום הזכּרון. מיר דערמאָנען אונדזערע העלדן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַרן לאַנד. אין יענעם טאָג איז ישׂראל איינגעהילט אין טרויער. אַלע פאַרוויילֿ־פּלעצער זענען געשלאָסן. מע גייט צו די בית עולמס אויף „קבר בנים״, צו באַזוכן די קברים פון די 18, 20־יעריקע קינדער, געפאַלענע אין די שלאַכטן.

און אויף מאָרגן, דעם צווייטן טאָג, ה׳ אייר, פּראַוועט מען דעם גרויסן יום־טוב, מע טאַנצט, מע זינגט ישׂראל־לידער, אין די שולן זאָגט מען „הלל״.

טייל מאָל אָרדנט מען אויך איין אַ מיליטערישן פּאַראַד, צו וועלכן עס קומען ישׂראלים און טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט.

אָבער אַ וווּנדערבאַרער איינפּיר אין יום העצמאות איז דער „חידון התּנך״. תּנך־קענערס פון לאַנד און אויסלאַנד, תּלמידים פון ישיבות און שולן, קומען קיין ישׂראל און באַטייליקן זיך אין אַ קאָנקורס פון תּנך־וויסנשאַפט. פּרעמיעס ווערן אויסגעטיילט צו די געווינערס, וואָס ענטפערן ריכטיק אויף די פראַגעס. דער בעסטער צווישן זיי ווערט געקרוינט ווי דער חתן־התּנך אין דעם געגעבענעם יאָר.

דאָס גאַנצע פאָלק פון ישׂראל איז פאַראינטערעסירט אין די ענטפערס פון די אָנטיילנעמערס. דער עולם איז צוגעשמידט צום ראַדיאָ. דער חידון איז אַ מין חינוך־אימפּרעזע וואָס סטימולירט צו לערנען תּנך.

אויך אין די תפוצות ווערט דער יום העצמאות געפייערט מיט גרויס פּאַראַד, מיט אַקאַדעמיעס און סעמינאַרן, ווייל די מערהייט ייִדן מחוץ לארץ אידענטיפיצירן זיך מיט ישׂראל. כאָטש מע וווינט אין גלות, איז אונדזער האַרץ און נשמה פאַרבונדן מיט דער מדינה. ווי עס ווערט געזאָגט: „איש איש יוולד בו, אחד הנולד ואחד המצפה לראותו".

אַזוי פרייען זיך ייִדן און אַזוי פייערן זיי זייערע יום־טובים. פון באַרג סיני ביז מלכות ישׂראל ציט זיך איין גאָלדענע קייט. אַזוי זענען מיר געקומען פון אומקום צו אויפקום, פון חורבן צו תקומת המדינה — אויף אייביקע יאָרן.

ב

דער משיח־אידעאַל ביי ייִדן

פון די עלטסטע צייטן אָן האָבן מענטשן געשטרעבט נאָך גליק. מע שטרעבט צו אַ זאַך וואָס מען האָט נישט, אָדער צו אַ זאַך וואָס מע האָט אַ מאָל געהאַט און מ׳האָט עס פאַרלוירן. דאַן קוקט מען אויף צוריק, מען דערמאָנט זיך אין יענער „גליקלע־כער״ צייט, ווען מע האָט עס געהאַט; דאָס האַרץ בענקט און מע אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט.

דער מענטש האָט אַלע מאָל געליטן פון קראַנקייטן, פון פיזישע ווייטאָגן, געפייניקט געוואָרן פון שרעקן פאַר די עלעמענטן פון דער נאַטור — ווינטן, רעגן, קעלט און היץ — קעגן וועלכע ער האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן. האָט ער געגלויבט אין איבערנאַ־טירלעכע כּוחות און געזוכט זיי זאָלן אים באַשיצן קעגן די אַלע געפאַרן און צרות. פון דאַנען — דער גלויבן אין די מאַגישע כּוחות. כּדי צו געווינען זייער חסד, פלעגט דער מענטש זיך באַנוצן מיט פאַרשיידענע איבערגלויבענישן, ווי קמיעות, טאַבום וכּדומה, וואָס דורך זיי וועט אָפּגעווענדט ווערן זייער צאָרן, געפינען ווערן חן אין זייערע אויגן און ער וועט אויסמיידן די אומגליקן.

ביי אַ סך פון די פּרימיטיווע פעלקער איז געווען אַ גלויבן, אַז גאָר אַ מאָל, אין דער פּרעהיסטאָרישער צייט, אין דעם אוראַלטן עבר, איז טאַקע געווען אַ גאָלדענע תּקופה, ווען דער מענטש איז געווען גליקלעך, פריי פון זאָרג, פּיין און ווייטאָג, און דער עיקר — פריי פון מורא פאַרן טויט, ווייל דער מענטש האָט געלעבט אייביק.

מיר, ייִדן, האָבן אויך די באַקאַנטע חומש־מעשׂה מיטן גן־עדן. אָדם און חוה האָבן געלעבט דאָרטן רויִק, אָן זאָרג פֿאַר פּרנסה, נישט געדאַרפֿט אַרבעטן פֿאַר זייער חיונה, אַלץ איז געווען פֿאַר זיי צוגעגרייט און פֿאַרטיק.

בין איך אָבער נישט זיכער צי מיר וואָלטן געוואָלט לעבן אין אַזאַ גן־עדן. י"ל פּרץ, אין זײַן חנעוודיק מעשׂהלע „אין ערגעצלאַנד" באַווייזט, אַז די צוויי קליינע, נאַיִווע קינדערלעך האָבן פֿאַרשטאַנען ווי אָפּצוּוואַרפֿן מיט ביטול דעם אָנבאָט פֿון דעם פֿרעמדן מאַן, וואָס האָט זיי געוואָלט פֿירן אין ערגעצלאַנד, צוזאָגנדיק זיי גאָלדענע גליקן — אַלץ וועט קומען צו זיי פֿון זיך אַליין, אָן אַרבעט, אָן אָנשטרענג. „ניין, מיר וועלן נישט גיין מיט אים דאָרטן", זאָגט איציקל, „מירן אַליין גראָבן ליים פֿון דעם באַרג, מיטן שווייס פֿון אונדזער פּנים, כּדי צו פֿאַרדינען און קויפֿן מעדיצין פֿאַר דער קראַנקער מאַמען".

איך נעם אָן דעם מוסר־השׂכּל פֿון דער תּמימותדיקער מעשׂה. איך פֿאַרגים נישט קיין טרערן אויף דעם, וואָס דער מענטש איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון גן־עדן; איך בין צופֿרידן וואָס ער האָט געגעסן פֿון עץ־הדעת און באַקומען שׂכל צו קענען אויסקלײַבן בין טוב ורע, צווישן גוטס און שלעכטס. דער מענטש איז גאָר דורך דעם דערהויבן געוואָרן. דער עץ הדעת איז דער סימבאָל פֿון מענטשלעכער ווערדע, פֿון בחירה חופשית — פֿרײַען ווילן; דער מענטש איז געוואָרן דער באַלעבאָס פֿון זײַנע מעשׂים און טראָגט די גאַנצע אַחריות פֿאַר זײַנע טאָטן; ער אַליין קלײַבט אויס אין וועלכן וועג צו גיין און וואָס צו טאָן. נאָר אַזוי קען מען פֿאַרשטיין דעם באַגריף פֿון שׂכר ועונש, באַלוינונג און שטראָף, אויב נישט אויף דער וועלט איז אויף יענער וועלט.

אמת, דער גלויבן אין „יענער וועלט", עולם־הבא, איז בײַ ייִדן אויפֿגעקומען אַ סך שפּעטער. אין דער תּורה איז נישטאָ

אפילו קיין רמז פון אַ „יענער וועלט״, ביי ייִדן איז אַלץ געגעבן געוואָרן פאַר „דער וועלט״. מיר גלייבן יאָ אין השארת הנפש, אָבער דער אַ גלויבן איז אויך איז אויפגעקומען אַ סך שפּעטער, ערשט נאָך דער תּנכישער תקופה; אפשר דורך דער השפּעה פון העלע־ניזם. די גריכן האָבן געגלויבט, אַז די נשמה ווערט אויסגעלייזט דורכן טויט פון דער זינד פון דער וועלט און קערט זיך אום צו איר געטלעכן שורש. אַ רמז פון דער אמונה זעען מיר שוין אין קהלת (יב, ז): „וישב העפר אל הארץ כשהיה והרוח תּשוב אל ה׳ אשר נתנה״. (און דער שטויב וועט זיך אומקערן צו דער ערד ווי געוועזן, און דער גייסט וועט זיך אומקערן צו גאָט וואָס האָט אים געגעבן).

דאָס רעדט זיך אַלץ וועגן אַ דערלייזונג פון אַ יחיד, וואָס ייִדן גלויבן אויך אין דעם, אָבער מיר שפּעקולירן נישט צו פיל וועגן דעם, מיר ווייסן ווייניק. אמת, אין אונדזער פאָלקלאָר האָבן מיר אַ פאָרשטעלונג פון אַן עולם־הבא און אַ גן־עדן אויף יענער וועלט. מיר זענען אָבער אַ פּראַגמאַטיש פאָלק, און ווילן געניסן אויף דער וועלט. ווי האָט געזאָגט אַ חסידישער רבי: „אַז עס איז דאָ אַ גן־עדן אויף יענער וועלט, דאַרף מען גלייבן, נאָר אַז עס איז דאָ אַ גיהנום אויף דער וועלט, זעען מיר שוין איצט״. טראָגן מיר טאַקע אין אונדזער הארצן אַ טיפע בענקשאַפט און גלייכצייטיק אַ האָפע־נונג און אַ גלויבן אין אַ משיח, אין אַ דערלייזונג, וואָס וועט פאַר־וואַנדלען דעם גיהנום אין אַ גן־עדן אויף דער וועלט פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין.

*

דער באַגריף פון משיח ווי אַ גואל, ווי מיר פאַרשטייען אים היינט, איז אין חומש דווקא נישט פאַראַן.

משיח, פאַרטייטשט אין ייִדיש, הייסט אַ געזאַלבטער. אין די ביבלישע צייטן פלעגט מען זאַלבן אַ מלך מיט בוימל. דאָס

איז אויך געווען אַזאַ מינהג, אַזאַ טיטול, ווי צו דערהויבן אַ מענטשן און ווידמענען אים צו אַ ספּעציעלן אַמט. אַזוי ווערט געבראַכט אין חומש, אַז דער כּהן־גדול ווערט אָנגערופן כּהן המשיח.

משיח ה׳ הייסט: דער געזאַלבטער פון גאָט, וואָס איז געווען דער כּבֿוד־טיטל פאַר די מלכים פון ישׂראל. אין תּנך איז פאַרשריבן, אַז שמואל הנביא האָט געזאַלבט שאולן און דודן פאַר מלכים אין ישׂראל, און נתן הנביא האָט געזאַלבט שלמהן.

שפּעטער האָט מען אָנגערופן משיח ה׳ אַן אידעאַלן הערשער, אויסגעווײַלט און באַשטימט צו אַ געוויסער געטלעכער שליחות. אַפילו אַ נישט־ייִדישער קיניג, וואָס איז אַן אוהבֿ־ישׂראל, ווערט אָנגערופן משיח. כּורש מלך פּרס ווערט אַזוי אָנגערופן: „כּה אמר ה׳ למשיחו לכּורש״ (ישעיה מה). כּורש האָט פאַרדינט דעם דאָזיקן משיח־טיטל מחמת דעם וואָס ער האָט געגעבן ייִדן די דערלויבע־ניש זיך אומצוקערן קיין ציון און בויען דעם בית המקדש, און גלײַכצײַטיק עמאַנציפּירט די ייִדן, וואָס זענען געבליבן וווינען אין זײַנע מדינות.

מיר זעען דאָ, אַז דער משיח־באַגריף איז שוין דאַן געווען פאַרבונדן מיט **שיבת ציון**, מיטן צוריקקערן זיך צום אייגענעם לאַנד, מיט פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד פון די אָבֿות אין אַ לאַנד פון בנים ובני־בנים, ווו ייִדן קענען זײַן פרײַ פון פרעמדן יאָך און זײַן די בעלי־בתּים פון זייער אייגן לאַנד; דאָס הייסט, מיטן באַגריף פון נאַציאָנאַלער גאולה.

גאולה איז געווען פון אָנהייב אַ רעאַליסטישער באַגריף, משיח איז געווען אַן ערדישער, אַ בשׂר־ודם, און דער משיח־אידעאַל ווערט באַטראַכט אין רעאַליסטישן און פּאָליטישן זינען. ייִדן האָבן געשטרעבט זיך אומצוקערן קיין ציון און אויפשטעלן אַ ייִדישע סוווערענע מלוכה. ספּעציעל האָבן זיי געבענקט נאָך די צײַטן פון דוד המלך, וועמען זיי האָבן אידעאַליזירט. דוד איז געווען דער

מלך, וועלכער האָט פּאַקטיש פאַראייניקט אַלע שבטים אונטער זיין הערשאַפט; ער האָט באַזיגט די שׂונאים, די פּלישתּים, וואָס האָבן ביז דאַן געפירט אַ מין אויסראַט־מלחמה קעגן ישׂראל.

דוד המלך האָט איינגעשטעלט אַ שטאַרקע מלוכה מיט דער הויפּטשטאָט ירושלים. ער האָט צוגעגרייט דעם באָדן צו בויען דעם בית־המקדש, ווי דעם ייִדישן גייסטיקן צענטער, הגם ער אַליין איז נישט געווען ראוי דאָס צו טאָן. זיין זון שלמה האָט דאָס דורכגעפירט.

דוד האָט געשאַפן די דוד־דינאַסטיע; ער איז פאַרהייליקט געוואָרן ביים פאָלק: „דוד מלך ישׂראל חי וקים".

אונדזערע תּפילות זענען פול מיט רעמינעסצענסן וועגן דודן, וואָס דריקן אויס די בענקשאַפט צו יענער „אידעאַלער" צייט, און גלייכצייטיק די טיפע האָפענונג אַז עס וועט זיך צוריקקערן די גרויסקייט און גלאָריע פון דודן אונטער זיינעם אַ יורש: משיח, דער אָפּשטאַמער פון בית דוד, וועט קומען און אויסלייזן דאָס פאָלק. אַן אָנזאָג אויף דעם האָבן מיר שוין ביי שמואל הנביא:

„כוננתי את כסא ממלכתו עד עולם" — איך וועל איינשטעלן זיין קעניגלעכן טראָן ביז אייביק" (שמואל ב, ז); „ויצא חוטר מגזע ישי" (ישעיה יא, א); „חדש ימינו כקדם" — באַניי אונדזערע טעג ווי אַ מאָל — ווערט אַ מאָטאָ אין אונדזערע תּפילות.

שפּעטער האָט דער אַמורא הלל השני געוואַגט צו זאָגן אַפילו (סנהדרין) „אין להם משיח לישׂראל". ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן עולם־הזה און ימות המשיח, נאָר שיעבוד מלכות אַליין, דאָס הייסט, די אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג צו פרעמדע פעלקער.

רבי עקיבא האָט באַצייכנט מיטן נאָמען משיח שמעון בר כּוכבאן, אַ מיליטערישן העלד, וואָס האָט געפירט אַן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט און זיך פאַרמאָסטן אָראָפּצוּוואַרפן

דעם פּרעמדן יאָך. רבי עקיבא האָט אונטערשטיצט דעם אויפֿ־שטאַנד מיטן גאַנצן האַרצן. „דרך כוכב מיעקב״ — ער האָט סימ־באָליש געביטן זײַן נאָמען פֿון כּוזיבא (אַנטוישונג) אויף בר־כּוכבא. עס איז געווען אַ העראָיִשער פּאַרמעסט פֿון אַ שוואַכן קעגן אַ ריז, צוויי און אַ האַלב יאָר האָט דער רוימישער אָדלער געדאַרפֿט האַלטן מלחמה. לײַדער האָט עס זיך געענדיקט טראַגיש, מיטן פֿאַלן פֿון דער לעצטער פֿעסטונג ביתּר. דער אויפֿשטאַנד איז געוואָרן דערטרונקען אין ייִדיש בלוט.

צוזאַמען מיטן באַגריף פֿון אַ רעאַלן, נאַטירלעכן משיח האָט זיך אַנטוויקלט דער גלויבן אין אַ מיסטישן, איבערנאַטירלעכן אויס־לייזער. ביידע באַגריפֿן זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט און די ייִדן האָבן נישט געפֿונען קיין סתּירה צווישן זיי.

דער גלויבן איז אויפֿגעקומען און זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט נאָכן חורבן פֿון צווייטן בית המקדש. די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז באַפֿאַלן די ייִדן אין יענער צײַט, האָט געבראַכט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרלוירנקייט און ייִאוש אין די הערצער פֿון די בעסטע פֿון אונדזער פֿאָלק, און זיי האָבן געלעכצט נאָך אַ ביסל נחמה, נאָך אַ משיחישער טרייסט, ממש בכדי צו קענען ווײַטער אָנגיין מיטן לעבן. דאָס איז געווען אַ ביטערע צײַט, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן פֿאַרוויסט און צעטראָטן פֿון די רוימישע לעגיאָנען; דער בית המקדש, דער גײַסטיקער צענטער וואָס האָט פֿאַראייניקט דאָס פֿאָלק — פֿאַרברענט, און ירושלים — צעשטערט, ווי דער תּהילים שילדערט:

ה׳, באו גויים לנחלתך,
טמאו את היכל קדשך,
שמו את ירושלים לעיים.

(תהילים ע״ט א)

די חכמים, דורכגעדרונגען מיט ליבע פאַרן פאָלק און מיט זאָרג פאַר זיין קיום, קומען צו הילף. זיי הייבן אָן צו פאָרשן די כּתבי הקודש, צו זוכן רמזים, עפּעס אַ סימן, אַ פאַרבאָרגענעם צייכן וואָס זאָל צוגעבן וואָג און מחזק זיין דעם גלויבן אין אַ משיח. ברענגען זיי (אין תּלמוד) אַז דווקא ווען דער בית המקדש האָט געברענט, איינגעהילט אין פלאַמען, דווקא אין דעם טאָג פון חורבן, איז משיח געבוירן געוואָרן. דיליידן און יסורים וואָס דאָס פאָלק טראָגט איצט איבער, דאָס זענען די „חבלי משיח", ווי די חבלי־לידה וואָס אַ פרוי מאַכט דורך איידער זי ברענגט אַ ניי לעבן אויף דער וועלט. דאָס איז אַ בשׂורה פון טרייסט און דערוואַרטונג. אָבער אַן אַנדער אַגדה זאָגט גאָר, אַז משיח איז געבוירן געוואָרן נאָך פאַר בריאת העולם.

נאָך תּשעה באָב, נאָך דעם טרויעריקן שבת חזון, נאָכן „איכה ישבה"־געוויין קומט דער פרייִלעכער שבת פון „נחמו נחמו עמי" — טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

דער חודש אָב, דער חודש פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווערט דווקא אָנגערופן „מנחם אָב", דער טרייסטער.

איינער פון די פיל נעמען פון משיחן איז מנחם, ווי דער אָנזאָגער פון תּנחומים און גאולה. דאָס אַלץ גיט אַריין מוט און בטחון אין די פאַרייִאושטע הערצער און גיט זיי כּוח צו האָפן ווייטער. דער ספר דניאל רעדט וועגן דעם. ווי עס איז באַקאַנט, געהער דער ספר צו דער אַזוי גערופענער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור. דאָס מיינט אַ געטלעכע התגלות צו אַ מענטש דורך אַ חלום, אַ וויזיע, אַ טראַנס. דניאל זעט אין די וויזיעס וואָס ער האָט געחלומט אויף דער וואָר דעם גרויסן טאָג, ווען ירושלים ווערט אויפגעבויט. ער רעדט וועגן קץ הפּלאות, דעם סוף פון די ליידן.

אָבער דער קץ איז פאַרהוילן. דוכט זיך, אָט־אָט און ער איז נאָענט, אָט־אָט און ער איז דערגרייכלעך, אָבער דער קץ הפּלאות

רוקט זיך אָפּ װײַטער, פּונקט װי דער האָריזאָנט, װוּ הימל און ערד, דוכט זיך, טרעפֿן זיך צונױפֿ... „כי סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ". (דניאל י"ב ט).

עס איז דאָ אַ מדרש, אַז אויך יעקב אָבינו װיל מגלה זײַן דעם קץ פֿאַר זײַנע קינדער, װען זײַנע טעג האָבן זיך דערנענטערט צום שטאַרבן. ליגט ער אויפֿן טויטנבעט, אַרומגערינגלט מיט זײַנע זין. עקבערדיקע געדאַנקען לויפֿן דורך אין זײַן מוח. ער טראַכט וועגן דער צוקונפֿט פֿון זײַנע יורשים, און אַ ציטער נעמט אים אַרום. זײ געפֿינען זיך אין אַ פֿרעמד לאַנד (גושן־מצרים), צווישן געצנדינערס. ער קוקט אין דער װײַטער צוקונפֿט און פֿאַר זײַנע אויגן גײען דורך אַלע יסורים און עינויים װאָס זײַנע צוקונפֿטיקע דורות האָבן אויסצושטײן. עס איז אים שווער אויפֿן האַרצן, דער־מאָנט ער זיך אין דער הבטחה פֿון גאָט װעגן אַ גליקלעכער, שטראַלנדיקער צוקונפֿט פֿאַר זײַנע קינדער, װען אַלע משפּחות פֿון דער װעלט װעלן זיך מיט זײ בענטשן. װעט אָט די ברכה מקוים װערן? יאָ, ער האָט בטחון און גלייבט מיט דער גאַנצער התלהבות פֿון זײַן נשמה. װיל ער אויפֿדעקן פֿאַר זײַנע קינדער זײַן חזיון פֿון גליקלעכן סוף: „האספו ואגידה לכם את אשר יקרא לכם באחרית הימים". זאָגט דער תּלמוד: „בקש יעקב אבינו לגלות את קץ הימין, ונסתלקה הימנו השכינה". די שכינה האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן און ער האָט פֿאַרגעסן אַלץ װאָס ער האָט זײ געװאָלט זאָגן. די סיבה? דערקלערט דער מדרש: זײ זענען נאָך נישט ראוי צו װיסן דעם קץ הימים.

און אַזױ װאַרט מען װײַטער, און דער גלויבן אין אַ משיח װערט נישט פֿאַרשװוּנדן. פֿאַרקערט, ער איז ממשותדיק אין אונדזער באַװוּסטזײַן. מיר בענקען נאָך אים און האָפֿן, אַז ער װעט אַ מאָל יאָ קומען, אונדז אויסלײזן און ברענגען גליק.

גליק אָבער װערט פֿאַרשטאַנען פֿאַרשײדן. יעדער אײנער

האָט זיין אייגענעם באַגריף וועגן דעם. דאָס איז אָפּהענגיק פון זיינע אייגנאַרטיקע השגות און אויך פון דער צייט און פון די אומשטענדן אין וועלכע ער לעבט.

דערפאַר געפינען מיר טאַקע אין דער זעלבער צייט, צווישן די גאולה־זוכערס, צוזאַמען מיט די בעלי־חלומות — אויך רעאַ־ליסטן, צוזאַמען מיט די בעלי־אגדה — אויך בעלי־הלכה, ראַציאָ־נאַליסטן און מקובלים, מאמינים און אפּיקורסים. אָט זעען מיר ביי דעם גרעסטן שילטון־השׂכלדיקן דענקער פון אונדזערע טעאָ־לאָגן, ביים רמב״ם, אַז ער האָט איינגעפּירט דאָס געדולדיקע וואַרטן אויף משיחן ווי אַן עיקר אין דער יידישער אמונה. און בוודאי קען מען נישט רעדן וועגן גאולה, אָדער ימות המשיח, און נישט דערמאָ־נען אונדזערע נביאים פון אַ מאָל: „כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח״ (סנהדרין). עס איז כמעט נישטאָ קיין יידישער דענקער וואָס זאָל נישט באַרירן אָט דעם ענין.

די נביאים זענען געווען די מחנכים פונעם פאָלק. זיי האָבן אָפּגעהיט אונדזער גייסטיק לעבן, אַז עס זאָל נישט פאַרשוועכט ווערן, זיי זענען געווען דאָס געוויסן פונעם פאָלק; זיי האָבן גע־גאַרט נאָך אַן אידעאַלער געזעלשאַפט, געבויט אויף יושר און צדק, מיט אַ גערעכטן סדר־העולם פאַרן גאַנצן באַשאַף, פאַר יידן און פאַר אַלע מענטשן.

עס איז דערביי כדאי צו באַמערקן, אַז אויך פאַר די נביאים איז פון אָנהייב די גאולה נישט געווען קיין הימלזאַך און אויך נישט אַ האָפענונג אויף אַן אוטאָפּיסטישער ווייטער צייט. די גאולה קען דערגרייכט ווערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, און בימינו, — מענטשן אַליין קענען ברענגען די גאולה. ווי אַזוי? דער מענטש מוז זיין רוחניותדיק ריין. דערפאַר פלעגן די נביאים פון אָנהייב שטראָפן און מוסרן די יידן, רופן זיי אויסצובעסערן זייערע וועגן, טאָן גערעכטיקייט, העלפן דעם אָרעמאַן און געדריקטן, באַשיצן

דעם שוואַכן און הילפלאָזן און לעבן לויט די חוקים ומשפּטים פון דער תּורה: „סור מרע" — נישט גענוג, „ועשה טוב" — אַ חיוב צו תּשובה טאָן און נאָר דעמאָלט קען קומען אַ פאַרבעסערונג פון לעבן, אַ דערלייזונג פון שלעכטס. און מיט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערלייזונג וועט במילא אויך דער ייִדישער יחיד דערלייזט ווערן.

אָבער נאָך דעם חורבן, נאָך דעם גרויסן היסטאָרישן נאַציאָנאַלן קאַטאַקליזם, ווען דער עצם קיום פונעם פאָלק איז געווען אין סכּנה, ענדערט זיך דער תּוכן און דער אויסדרוק פון די נביאישע רייד. אַנשטאָט צו שטראָפן קומען זיי מיט ווייכע טרייסטווערטער און ברענגען נחמה צום פאָלק.

דער בליק פון די נביאים ווערט אָפּגעווענדט מער צום מאָרגן, צו עתיד לבוא, צום אחרית הימים. אין מיטלפּונקט פון זייערע האָפענונגען שטייט דער חזיון וועגן אַ משיח, אַ וועלט־דערלייזער, דער געזאַלבטער מיטן צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט און מאָראַלישער ריינקייט, וואָס וועט משפּטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די שוואַכע פון לאַנד. זיי דריקן אויס זייער טיפן גלויבן אין אַן אַבסאָלוטער גערעכטיקייט און אַ האָפענונג אויף אַ גאולה פונעם גאַנצן באַשאַף. משיח ווערט ביי זיי אַן אוניווערסאַלע פּערזענלעכקייט, אַ וועלט־דערלייזער אין אַ וועלט־פאַרמעסט.

אָבער ווידער אַ מאָל, אין צענטער פון דעם אוניווערסאַליזם, אין מיטלפּונקט פון דער וועלט־גאולה שטייט דאָס ייִדישע פאָלק. ישׂראל איז דער עם סגולה, דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס וועט ווערן אַ ליכט פאַר אַלע פעלקער. די אומות העולם, אינספּירירט דורך דער רוחניותדיקער ריינקייט פונעם ייִדישן פאָלק, וועלן קומען לערנען פון אים דעת ה' („ונהרו אליו עמים רבים"), און דאָ קומען די דערהויבענע און עקזאַלטירטע נבואות פון ישעיהו,

מיכה און אַנדערע, וואָס פּראָקלאַמירן דאָס אָנקומען פון דער גלאָררייכער תקופה און פון דער אידעאַלער געזעלשאַפט, די גאָט־דערקענטעניש, וואָס ברענגען דעם געגאַרטן אייביקן שלום און די ממשלה פון גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

וכתתו חרבותם לאתים
וחניתותיהם למזמרות,
לא ישׂא גוי אל גוי חרב
ולא ילמדו עוד מלחמה.

יאָ, ישראל איז אַן עם נבחר, אַן אויסדערוויילט פאָלק, אָבער אין דעם עצם אויסדערוויילטקייט, ווייל ער איז אַן עם נבחר, טראָגט ער די שווערע לאַסט פון אַחריות פאַר דעם גורל פון דער וועלט.

דער נביא עמוס זאָגט עס קלאָר און בולט:

רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקד עליכם את כל עוונותיכם.

ישׂראל האָט דעם חוב, די פליכט אויסצוטרעטן דעם וועג פאַר דעם אוניווערסאַלן, אַלעמענטשלעכן דערלייזער.

ישׂראל איז דער וואָס דאַרף פאַרטרייבן די פינצטערניש וואָס נעמט אַרום די וועלט, „נישט דורך שילטן די פינצטערניש, נאָר דורך אָנצינדן אַ ליכטל זי צו פאַרטרייבן", דורך אויסלייזן די וועלט פון דער רישעות, וואָס הערשט אין איר:

וכל הרשעות כעשן תכלה,
כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ.

*

דער משיח־געדאַנק איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזער מאַרטי־ראָלאָגיע. ער האָט אונדז געגעבן דעם כּוח איבערצוטראָגן אַלע נסיונות פון אונדזער לאַנגן גלות־וועג און אין אים האָבן מיר

געפונען דעם טיפערן זין פון אונדזער קיום און פון אונדזערע יסורים.

עס איז באמת נישט צו באַנעמען מיטן שׂכל, אַז אַפילו שטייענדיק ביים ראַנד פון קבר, ווען דער חלף האָט שוין אַנגערירט דעם האַלדז, האָט דער ייִד נאָך אַלץ געפונען אין זיך דעם אינערלעכן גייסטיקן כּוח צו זאָגן: „אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח". אַזאַ בטחון איז פּשוט אומבאַגרייפלעך, איבערמענטשלעך. דער בטחון ציט זיך נאָך פון אַברהם אָבינו, ווען אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט ער געשלאָסן דעם בונד מיט גאָט:

והנה אֵימה חשכה גדולה נופלת עליו... ואעשׂך לגוי גדול ואברך ואגדלה שמך והיה ברכה.

דער דייטשישער פילאָסאָף שאָפּענהאַוער אין זיין שׂינאה צום ייִדישן פאָלק, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן און פאַרגעבן דאָס ייִדישע קלאַמערן זיך אין לעבן, דעם געוואַלדיקן דראַנג איבערצולעבן אַלע צרות. דער ייִדישער אָפּטימיזם האָט סותר געווען זיין פילאָסאָפישע טעאָריע פון פּעסימיזם.

און אין אונדזערע צייטן, אין דער פינצטערער עפּאָכע פון נאַציזם, פלעגן אָפט די רוצחים וווּנדערן זיך אויפן איבערמענטשלעכן אויסדויער פון זייערע ייִדישע קרבנות, וואָס פאַר אַ ווילנסקראַפט צום לעבן זיי פלעגן אַרויסווייזן. ביי די שווערסטע פּייניקונגען און רציחות, האָבן זיי האַרטנעקיק באַשלאָסן, להכעיס די שׂונאים, צו בלייבן לעבן.

עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס אין אונדזער געשיכטע, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז מען קען שוין מער נישט אַריבערטראָגן די צרות, „כּלו כּל הקצין", „באו מים עד נפש", האָבן זיך געפונען בעלי חלומות וואָס האָבן געוואָלט אַליין ברענגען די דערלייזונג, די גאולה. אייניקע פון זיי האָבן ערנסט געמיינט אַז די צייט איז רייף, אַז זיי איז באַשערט עפּעס אויפצוטאָן צו באַפרייען ארץ־

ישׂראל, בויען דעם בית המקדש, ברענגען צו קיבוץ גלויות. מע רופט זיי די פֿאַלשע משיחים, גרויסע טראַגעדיעס פלעגן זיך אָפּשפּילן, אייניקע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם.

כ׳וועל דאָ דערמאָנען נאָר עטלעכע:

דוד אלרואי האָט זיך דערקלערט פאַרן משיח אין 12טן יאָר־הונדערט. דער רייזנדער ר׳ בנימין פון טודעלאַ דערציילט וועגן אים אין זיינע רייזע־מעמואַרן — „מסעות בנימין״. זיין געשטאַלט האָט אויך געררייצט די פאַנטאַזיע פון לאָרד ביקאָנספּילד (דיזראַעלי), וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן וועגן אים.

אין יאָר 1524 באַווייזן זיך אין ווענעציע דוד ראובני און שלמה מולכו. דער ערשטער — אַ געהיימניספולע פּערזענלעכקייט, אַ נזיר, פאַרפייניקט דורך סיגופים און תעניתים, דערציילט וועגן זיך פאַנטאַסטישע מעשׂיות, אַז ער איז דער ברודער פון אַ ייִדישן קיניג, וואָס הערשט ערגעץ איבערן שבט ראובן אין אַ מיזרח־לאַנד. ער האַלט אַז ער איז געשיקט פון גאָט צו שאַפן אַ דיפּלאָ־מאַטישע און מיליטערישע באַוועגונג דורך העלפן די קריסטן צו שלאָגן די טערקן, זיי אַרויסטרייבן פון ארץ־ישׂראל און ברענגען די גאולה פאַר ייִדן.

צו אים שטייט צו דער קדוש שלמה מולכו, וועלכער גלייבט הייליק אין זיין שליחות. ער אַליין, אַ מאַראַן וואָס האָט פאַרנומען אין קריסטנטום אַ הויכן פּאָסטן אין קיניגלעכן הויף אין פּאָרטוגאַל, שטעלט אין סכנה זיין לעבן און דערקלערט זיך עפנטלעך פאַר אַ ייִד. ער ווערט אַ מקובל, האָט משיחישע זעונגען. ער באַגלייט דוד הראובנין און דורך פּאָליטישע אינטערווענצן דערגרייכן זיי ביידע צום פּויפּסט, וועלכער איז זיי מקבל פּנים.

דער סוף פון דער פּאָליטיש־משיחישער באַוועגונג איז געווען אַ טרויעריקער. שלמה מולכו איז געכאַפּט געוואָרן פון דער אינק־וויזיציע און איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן, אין עלטער

פון 32 יאָר; דוד הראובני איז געשטאָרבן אין אַ תּפיסה. זייערע פּילצאָליקע נאָכפאָלגערס האָבן אויך טייער באַצאָלט פאַר זייער ערלעכן גלויבן אין זייער משיחישער שליחות.

עס בעט זיך ממש צו דערמאָנען בקיצור די שבתי צבי־באַוועגונג, וואָס פאַרדינט אין דער אמתן אַ באַזונדערע אַרבעט.

די באַוועגונג איז אויפגעקומען אין 17טן יאָרהונדערט, נאָך די כמעלניצקי־שחיטות פון ת״ח ות״ח (1648), ווי אַ רעאַקציע נאָכן גרויסן חורבן וואָס די קאָזאַקן האָבן געבראַכט. די אימהדיקע צרות האָבן באַפרוכפּערט דעם באָדן און געשאַפן אַ גינסטיקן מאַטעריאַל פאַר משיחישע דערשיינונגען. שבתי צבי האָט עס אויסגענוצט און געוווּנען אַן אומגעהויער גרויסע צאָל אָנהענגער. מיר ווייסן מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט: פון איין זייט — איבערגעלאָזן אַ טיפן ברוך אין דער יידישער נשמה, און, פון דער צווייטער זייט — געווירקט, הגם אומדירעקט, אויף דער שאַפונג און אויפקום פון דער חסידישער באַוועגונג.

אַזוי פלעגט אָפט אַרומכאַפּן דאָס פאָלק אַ מין פּסיכאָז, אַ רעליגיעזער אויפפלאַקער. יעדעס מאָל ווען אַ נייע כוואַליע פון רדיפות און נגישות פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אויף די יידישע קעפּ, אויף די יידישע קהילות, פלעגט דאָס אַרויסרופן אַ נייע משיחישע באַוועגונג.

די משיח־אידעע האָט אין איר געשיכטלעכן גאַנג דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים. די יידישע משיח־געשטאַלט, פאַרוואָרצלט טיף אין אונדזער אַלטער דורותדיקער קולטור, האָט געשעפּט פון אונדזערע אַגדות אין תּלמוד, מדרש און זוהר, באַזירטע אויפן אויסטייטש פון די נביאים, האָט לכתחילה אָנגעהויבן מיט אַ יידישער אויסלייזונג. ערשט דערנאָך שפּרייזט משיח אַריבער די ריין־נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע גרענעצן אַרומנעמענדיק אויך די אַנדערע

פעלקער ביז צו אוניווערסאַלע חלומות. ער ווערט אַ מאָל אַפילו עקסטרעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אונטערבאַוווסטזיניק ווערט ער דאָך געשטויסן פון דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן משיח־אידעאַל.

דער אַלטער משיח, ער איז שוין געשטאָרבן,
האָבן אַ מאָל געזונגען די בונדיסטן. אָבער אַלץ משיח.

ווי געזאָגט, איז די משיח־געשטאַלט אַ פיל־פּאַרנעמענדיקע, אַ פיל־פּנימדיקע. אַ מאָל איז משיח הכנעהדיק, געדולדיק — „עני ורוכב על חמור" — געזאַלבט מיט בוימל און טראָגט פּאַסיוו אַ לאַרבערקראַנץ אויפן קאָפּ — און אַ מאָל איז ער רעוואָלטירנדיק, סקעפּטיש, אַ הימל־שטורעמער, געזאַלבט מיט פייער אין די רע־וואָלוציעס און טראָגט די שווערד פון קאַמף אויף די באַריקאַדן.

נעם די שווערד, מיין זון,
און שלאָג צוריק דעם פיינד
און עס וועט זיך גאָט דערבאַרעמען.

(אַ. ליעסין)

און דאָס איז אויך ייִדיש, אויך אין איינקלאַנג מיט די רייד פון אונדזערע נביאים. דער נביא יואל, נוצנדיק די אייגענע ווערטער פון ישעיה און מיכה, זאָגט פּונקט דאָס פּאַרקערטע:

קדשו מלחמה, כתו אתיכם לחרבות
ומזמורותיכם לרמחים.

(יואל ד' ט)

(שמידט אייערע אַקעראייזנס אויף שווערדן און אייערע צווייגמע־סערס אויף שפּיזן).

עס רעדט זיך וועגן שרעקלעכע מלחמות וואָס וועלן אויסברעכן און חרוב מאַכן אַלע לענדער פאַרן אָנקומען פון טאָג פון גאָט (יום ה'). עס וועט פאַרקומען אַפילו אַ קאָסמישע ענדערונג, די נאַטור מיט אירע געזעצן וועט איבערגעביטן ווערן: „דם ואש

ותמרות עשן" (בלוט און פייער און זיילן רויך) ; „השמש יהפך לחושך והירח לדם".

נאַטירלעך, די הויפּט־ליידנדיקע וועלן זיין, ווי אַלע מאָל, די ייִדן. אָבער נאָך דעם וועט קומען די גלאָררייכע תקופה אָן ליידן, אָן פּיין : „לא ישמע קול בכי וקול זעקה" און גאָטס גייסט וועט זיין אויסגעגאָסן אויף יעדן איינעם. אַ נייער מין מענטש וועט אויפשטיין.

פאַראַן אויך אַ לעגענדע וועגן אַ טאָפּלטן משיח — משיח בן יוסף, וואָס וועט זיין דער פאָרלויפער פון דעם משיח בן דוד. משיח בן יוסף וועט פאַרפירן מלחמות און אַליין אומקומען אין קאַמף, אָבער ער וועט צוגרייטן דעם וועג פאַר דעם שלומדיקן גואל. עס וועט זיין אַ דור שכּולו זכּאי. אויך אין דעם שטעקט די אידעע פון תּיקון, קודם פון זיך אַליין, אַראָפּצוּוואַרפן די אַלע אָנוווקסן פון גלות אויפן ייִדישן כאַראַקטער, צוליב די אומנאָרמאַלע אומשטענדן אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן.

עס איז באַקאַנט דעם קאָצקערס זאָג, פאַר וואָס מען דאַרף האָבן צוויי משיחים : איין משיח — אַרויסצופירן דעם ייִד פון גלות, דעם צווייטן — אַרויסצופירן דעם גלות פון דעם ייִד.

און דער כּוח הדמיון אַרבעט ווייטער : מע וויל שוין משיחן נישט האָבן אין די הימלען, מע ברענגט אים אַראָפּ פון אויבן, פון זיין גאָלדענעם שטול אין די הימלישע הויכן ; מע וויל אים האָבן דאָ אונטן, אויף דער ערד, צווישן זיך, אַ געשלאָגענעם, אַ צעווייטאָגטן, ווי ס'איז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, מע באַזעצט אים אין די טויערן פון רוים, געפּענטעט און געשמידט אין קייטן, מיט בלוטיקע ווונדן אויף די פיס. ער איז אויך אין גלות און ער וואַרט אויך אויף זיין אייגענער גאולה — ער וואַרט דאָס פאָלק זאָל אים אויסלייזן.

אין דער קבלה איז דאָ דער באַגריף, אַז אויך די שכינה

באַגלייט דאָס פֿאָלק אין גלות (שכינתא בגלותא) און עס וואַרפֿט זיך דורך דער ווונדער פֿון גאולה־השתּוקקות אויך אין שכינה־גאָרונג. דאָס פֿאָלק האָט די פֿונקציע, די התחייבות אויסצולייזן אויך די שכינה. אָבער ווען? — ווען דאָס פֿאָלק וועט זיין ראוי דאָס צו טאָן.

די משיח־אידעע — אַן עיקר אין דער יידישער אמונה — פֿאַרנעמט אויך אַ געוואַלדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון ציוניזם. שיבת ציון און קיבוץ גלויות איז עיקרדיק אין דער שטרעבונג צו גאולה, נאָך די אַלע אַנטוישונגען וואָס דאָס פֿאָלק האָט געליטן דורך דער עמאַנציפּאַציע מיט די פֿאַלשע לאָזונגען פֿון ליבעראַליזם און ראַדיקאַליזם. אין בעסטן פֿאַל איז אפשר דער יחיד טיילווייז באַפֿרייט געוואָרן, און דאָס אויך נאָר דורך אַ מיתה בנשיקה — אַסימילאַציע און שמד, אָבער ס'האָט נישט געבראַכט קיין נאַציאָנאַלע, פֿאָלקישע באַפֿרייונג. מע זעט זיך אַרום, אַז מע קען זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף חסד לאומים. מע וואַרפֿט אָפּ דאָס פּאַסיווע, געדולדיקע וואַרטן און מען נעמט דעם גורל אין די אייגענע הענט.

חיים גראַדע דריקט עס אויס אין זיין פּאָעמע: „דער טאַנץ פֿון גאולה":

רבונו דעלמא כולה —
נישטאָ מער קיין כּוח צו וואַרטן,
מיר נעמען זיך אַן פֿאַר די הענט
און מיר גייען אַליין צו דער גאולה!

עס קומען די ביל"ו און די חיבת ציון־באַוועגונגען, ליליענבלום, פּינסקער מיט זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע". הערצל רופֿט אויס פּאַטעטיש: „אם תּרצו אֵין זו אגדה" און טויזנטער הערצער ווערן אָנגעצונדן.

מיר האָבן שוין איצט, ב"ה, מדינת ישׂראל. דער משיח־געדאַנק

האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין דעם מדינהשן אויפלעבונג־פּראָ־צעס. עס איז מקויים געוואָרן ביאַליקס נבואה, אַז ס'איז באַשערט אונדזער דור זאָל זיין דער לעצטער פון שיעבוד און דער ערשטער פון גאולה („מתי מדבר"). ווייסן מיר אָבער ליידער, אַז עס איז נאָך ווייט פון גאולה שלימה. אפשר די אַתחלתא דגאולה, אונדזער אַרבעט איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. מיר שטייען איצט פאַרן גרויסן ניסיון צו דערהאַלטן און פאַרשטאַרקן דאָס דערגרייכטע.

אַזוי גייען אַריבער טויזנטער יאָרן אין וואַרטן. דער משיח־געדאַנק, מיט אַלע זיגזאַגן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין געשיכטלעכן גאַנג, באַרייכערט מיט פרישע וואַריאַציעס און ניו־אַנסן, מיט פרישע חידושים און נייע עמאָציעס, לויט די באַדינ־גונגען פון דער צייט, איז נאָך אַלץ לעבעדיק אין פאָלקס־באַוווסטזיין. ער איז איינגעוועבט אין אונדזער פסיכיק און אין אונדזער מענ־טאַליטעט.

לאָמיר אַריינקוקן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, אין ייִדיש און העברעיִש, און מיר וועלן זען, אַז גאולה־שטרעבונג און משיח־פּראָבלעמאַטיק פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין זייער טעמאַטיק.

גענוג צו דערמאָנען די פּאָעטן פון די לעצטע יאָרן, ווי דוד איינהאָרן, א. לעסין, לעיעלעס, די אַזוי גערופענע „יונגע" מיט מאַני לייב בראש, און אַוודאי דעם אויסדריקלעכסטן צווישן זיי — ה. לייוויק (דער גולם, די גאולה־קאָמעדיע). ביי זיי אַלע איז דאָס אַ הויפּטמאָטיוו פון זייערע שאַפונגען.

איך פיל דאָ פאַר נייטיק צו ברענגען אַ ביישפּיל פון דוד פרישמאַנס פּאָעמע „משיח", וואָס גיט, לויט מיין מיינונג, אַ בולטן ענטפער אונדזער דורותדיקן זוכן: משיח געשמידט אין קייטן, צוגעבונדן צום גאָלדענעם טראָן פון כּביכול, קוקט אַראָפּ אויף די מענטשלעכע ליידן. ער רייסט די קייטן, וויל לויפן, וויל פליִען, גרייט

צו העלפן, אָבער ער קען זיך נישט באַפרייען פון די קייטן. ער קריגט זיך מיט גאָט. נישט קיין רחמים בעט ער, נאָר גערעכטי־קייט. ער קלאָגט זיך נישט נאָר אויף זיינע פיזישעליידן, נאָר דער עיקר אויף די גייסטיקע ליידן: זען און פילן יעדן ווייל, יעדן דור אין זיינע טרערן, הערן יעדן דור אין זיינע זיפצן, פילן יעדן מענטש אין זיינע ווונדן — און נישט האָבן די מעגלעכקייט זיי צו העלפן און אויסלייזן. און ער שרייט אויס:

עד מתי!?
און עס קומט דער ענטפער פון הימל:
עד יקום דור
חדש,
דור אשר יבין גאולה,
דור אשר יחפץ להיות נגאל.
אז תקום גם אתה ונגאלת,
אז תקום גם אתה וגאלת.

אין פרייער איבערזעצונג:

ביז עס וועט קומען אַ נייער דור,
אַ דור וואָס וועט פאַרשטיין גאולה, און אָפּשאַצן פרייהייט,
אַ דור וואָס וועט וועלן זיין פריי,
דאַן וועסטו, משיח, אַליין באַפרייט ווערן,
דאַן וועסטו, משיח, די מענטשהייט באַפרייען.

דאָס אייביקע ירושלים

געווידמעט דעם לערער פון דורות,
ר' אַברהם גאָלאָמב ע"ה

ירושלים, ווי ישׂראל בכלל, איז אַן אַקטועלע טעמע, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון סדר היום, אַ טעמע וואָס פאַרנעמט אומעטום דעם אויבנאָן. די וועלט פאַרגינט נישט און וויל מיט כּוח אָדער דורך פאַרשיידענע שפּיצלעך אָוועקרייסן ירושלים פון די ייִדן. איז כּדאַי און צייטלעך אַ קוק צו טאָן אין דער געשיכטע פון ירושלים, איר באַטייט פאַר אונדז; וואָס אייגנטלעך שטעלט זי מיט זיך פאָר און וואָס פאַר אַ ראָל האָט זי געשפּילט אין פאַרלויף פון אַלע דורות ביזן הייַנטיקן טאָג.

ירושלים איז פאַרבונדן מיטן ייִדישן פאָלק פון די ערשטע צייטן פון אונדזער געשיכטע. זי האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן צעטל פון ליידן און טיילט דעם זעלבן גורל ווי דאָס ייִדישע פאָלק. בייזע ווינטן פון דער וועלט האָבן אויף איר שטורמיש געבלאָזן, ווינטן פון טומאה און טייוולאָנישער שׂינאה צו ישׂראל. וויפל מאָל איז זי פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט צוזאַמען מיטן פאָלק, אָבער זי האָט געהאַט די „חוצפּה" נישט צו וועלן אונטערגיין. אַ גע־פּייניקטע, אַ פאַרוווּנדעטע, אָבער אַ שטאָלצע, האָט זי טראָציק איבערגעחזרט: „לא אָמות כּי אֶחיה". האָבן ייִדן זיך געגרויסט

מיט איר און זי באַזונגען מיט אַ רעליגיעזן ציטער און זי פאַרהיי־ליקט.

אמת, אַלע פעלקער גרויסן זיך און שטאָלצירן מיט זייער הויפּטשטאָט. אַלע פעלקער דערציילן לעגענדעס ווען איר אַנט־שטיין. געווּג בלויז צו דערמאָנען רוים מיט דער מעשׂה פון רעמוס און ראָמולוס, די צוויי פאַרלאָזטע צווילינג־ברידער, זין פון דעם מלחמה־גאָט מאַרס. אויפן פּלאַץ וווּ איינער האָט געהרגעט דעם צווייטן, אויפן אָרט פון אַ ברודער־מאָרד, שטייט רוים, די גויִשע הייליקע שטאָט.

ווערט טאַקע רוים באַזונגען דורך די לאַטיינישע פּאָעטן, אַרויסגעהויבן ווי דער סימבאָל פון זייער מיליטערישער קראַפט, פון זייער פּאָליטישער און מלוכישער אָרגאַניזאַציע־פעיִקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין קלעם די אַרומיקע פעלקער.

אין גריכנלאַנד ווערט ספּאַרטאַ דערמאָנט ווי די פאַרהערלע־כונג פון פיזישער קראַפט און קערפּערלעכע פאַרמעסטונגען. די מאָדערנע אָלימפּיאַדעס ציִען זייער שורש פון דאָרטן. אַטען ווערט באַזונגען ווי די גלאָריפיקאַציע פון עסטעטיק אין קונסט, סקולפּטור און פילאָסאָפיע.

אָבער אַלץ איז געווען אַ מין חיי־שעה. זיי זענען אויפגעקומען און אַ גלאַנץ געטאָן אין זייער תּקופֿה. אוודאי האָבן זיי געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף דער וועלט פון יענער צייט; אוודאי זענען זיי אויך איצט אַ טעמע פאַר ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע פאָרשונגען. אַפילו אין תּלמוד רעדט זיך ווען די חכמי אתּונה. נאָר וויפל מענטשן קענען און דערמאָנען האָמערן, זיין איליאַדע און אָדיסייע? אָדער ווירגיל מיט זיין ענעידע? פון זייערע מעכטיקע אימפּעריעס זענען פאַרבליבן בלויז רויִנען, וואָס מע באַוווּנדערט אין די מוזייען.

ירושלים איז איינציק, אייגנאַרטיק און שיינט אַרויס אַליין, אַנדערש פון אַלע שטעט. ירושלים אָטעמט מיט נצחיות, מיט אייביקייט, ווי די מישנה זאָגט: „הנצח זו ירושלים" (ברכות נח, ע"א).

דער אָנהייב

דער אָנהייב פון דער געשיכטע פון ירושלים איז איינגעהילט אין אַ נעפּל. פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען (תל־אל־אמרנה 1887 און אין אוגרית 1928) דרינגט מען אַרויס אַז ירושלים איז שוין געווען אַ וויכטיקער יישוב מיט 4000 יאָר צוריק. עס איז אינטערעסאַנט אַז דער נאָמען ירושלים ווערט אין חומש בכלל נישט דערמאָנט, אָבער אַן איזאָלירטער עפּיזאָד, פאַרטונקלט אין סודות פון פּרעהיסטאָריע, וואָס איז יאָ דערמאָנט אין חומש (בראשית יד) פּירט אונדז אַריין אין דער אַטמאָספער פון ירושלים, אין איר גייסטיקן קלימאַט, עפּעס אַ מיסטעריעזער מלכּי־צדק גייט אַרויס באַגעגענען אונדזער שטאַמפאָטער אברהם מיט ברויט און ווייַן, ווען אַברהם קומט צוריק נאָך זיין נצחון איבער די פיר מלכים וואָס האָבן געהאַלטן געפאַנגען זיין פּלימעניק לוט. אַברהם און מלכּי־צדק שליסן דאָן צווישן זיך אַ בונד פון פריינדשאַפט. מיר ווייסן נישט ווער דער מלכּי־צדק איז, מיר ווייסן נישט זיין יִחוס און נישט זיין אַפּשטאַם. ער האָט אָבער יִחוס עצמו און טראָגט צוויי קרוינען: דער חומש זאָגט לאַקאָניש, אַז ער איז „מלך שלם" און „כֹּהן לאל עליון", דאָס הייסט, דער הויפּט־כֹּהן פון זיין פּאַנ־טעאָן. די מחקרים, די יודעי־דבר אידענטיפיצירן שלם מיט ירושלים.

דאָס ערשטע אָרט וווּ עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען ירושלים איז ספר יהושע. ביים כּיבוש ארץ כּנען נעמט יהושע איין יריחו (חברון, לכיש, עגלון). די שטעט עי און גבעון קאַפּיטולירן; ער באַזיגט דעם קיניג אַדוני־צדק, מלך ירושלים, אָבער די שטאָט

פאַרבליבּט אין די הענט פון אירע ביז דעמאָלטיקע איינוווינערס, די יבוסים.*

ערשט ביים אָנהייב פון דער מלכות־תקופה (הגם נישט ביי שאולן) אין די צייטן פון דוד המלך, ווערט ירושלים דירעקט פאַר־בונדן מיטן ייִדישן פאָלק, און שליסט איין אין זיך דריי טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע.

דוד המלך נעמט איין די שטאָט (פון די יבוסים). ער פירט אַריבער קיין ירושלים די מלוכישע ענינים פון דער ביזאיצטיקער צייטווייליקער רעזידענץ, חברון, און ער קרוינט ירושלים ווי די הויפּטשטאָט פון זיין קיניגרייך, עיר הבירה. ער רופט זי אָן אַפילו מיט זיין נאָמען: „וילכּד דוד את מצודת ציון" — דאָס מיינט די פעסטונג פון ירושלים. „וישב דוד במצודה, וקרא לה עיר דוד" (שמואל ב, ה, ט').

דאָס איז געווען אַן אַקט פון פּאָליטישער וויכטיקייט, וואָס האָט געהאָלפן דודן צעמענטירן די ביז איצט לויז פאַראייניקטע שבטים אין איין גאַנצער פּאָליטישער איינהייט, אין איין פאָלק. דורך מאַכן ירושלים פאַר דער מלוכישן צענטער באַפעסטיקט דוד זיין פּאָליטישע פּאָזיציע, ווי דער מלך פון דעם גאַנצן פאָלק, אויס־מיידנדיק אַזוי אַרום די קריגערייען און רייבונגען צווישן די שבטים, ווען יעדער איינער פון זיי וואָלט געוואָלט האָבן די הויפּטשטאָט אין זיין טעריטאָריע. ירושלימס געאָגראַפישע פּאָזיציע האָט צו דעם צוגעהאָלפן, ערשטנס, ווייל די שטאָט געפינט זיך אין צענטער פון לאַנד, אין מיטן, צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שבטים; און צווייטנס, וואָס זי איז אויסערן תחום פון יעדער נחלה, וואָס די שבטים האָבן באַקומען ווען יהושע האָט איינגעטיילט דאָס

* די צוויי אויבן־דערמאָנטע מלכים פון שלם־ירושלים — מלכּי־צדק און אַדוני־צדק — האָבן אין זייער נאָמען דעם באַשטאַנדטייל צדק — אַ רמז וואָס די שטאָט שטעלט מיט זיך פאָר.

לאַנד. די גמרא זאָגט אין מסכתא יומא (יד, עא): „ירושלים לא נתחלקה לשבטים". דערפאַר טאַקע געהער ירושלים צום כּלל ישׂראל, און קיין שבט אָדער קיין משפּחה קען נישט זאָגן אַז ער האָט אַ גרעסערן חלק אין איר.

דוד המלך פירט אויך אַריבער קיין ירושלים דעם אָרון־הברית מיט די לוחות, וואָס איז געשטאַנען, זינט עלי הכּהן, אין קרית יערים. דער אָרון־הברית האָט סימבאָליזירט דעם בונד צווישן פאָלק און גאָט. ער טוט עס אין אַ פייערלעכער צערעמאָניע, מיט געזאַנג און טענץ, און פון זיינע אייגענע שאַפונגען אין תהילים. איז ער דאָך אַליין אַ פּאָעט און מוזיקער, וואָס טראָגט דעם טיטל „נעים זמירות ישׂראל". ס׳איז געווען אַ יום־טוב וואָס האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויפן פאָלק. אַזוי קריגט ירושלים איר היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און אויך איר רעליגיעזע חשיבות און ווערט דער צענטער פון מלכות ישׂראל.

ווען שלמה המלך, דודס זון, נעמט איבער די מלוכה און בויט אוים דעם בית המקדש (דודן איז עס נישט באַשערט געווען צוליב די מלחמות וואָס ער האָט כּסדר געפירט), ווערט ירושלים נאָך מער דערהויבן ווי אַ גייסטיקער צענטער, צו וועלכן די אויגן פון גאַנצן פאָלק זענען געווענדט. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער אַקט פון שלמה המלך.

דאָס בויען דעם בית המקדש האָט געדויערט זיבן יאָר. עס זענען באַנוצט געוואָרן די טייערסטע מאַטעריאַלן (צעדערביימער פון לבנון, גאָלד און זילבער), און דער בנין איז באַוווּנדערט געוואָרן צוליב זיין פּראַכט און רייכקייט. אימפּאָזאַנט און איינדרוקספול איז געווען אויך דער חנוכּת הבית, וואָס האָט זיך געצויגן צוויי וואָכן מיט דעם אָנטייל פון פאָלק און אויך פאָרשטייער פון פרעמדע מלוכות. שלמה המלך האָט געהייליקט דעם טעמפּל צו גאָט און אַריבערגעפירט דעם אָרון־הברית אין קדשי הקדשים.

דער בית המקדש איז געבויט געוואָרן אויפן הר המוריה, וואָס האָט אַ גרויסן יִיחוס: דאָרטן איז פאָרגעקומען לויט דער מסורה די עקידת יצחק.

אַ תּלמודישע אגדתא דערציילט, אַז דער הר המוריה האָט זוכה געווען צו טראָגן אויף זיך גאָטס הויז, ווייל דאָרט איז פאָר־געקומען אַ זעלטענער אַקט פון ברודער־ליבע און געטריישאַפט: צוויי ברידער האָבן געירשנט אַ שטיקל פעלד, וואָס ביידע צוזאַמען האָבן דאָס באַאַרבעט. נאָכן שניט האָבן זיי צעטיילט די סנאָפּעס אויף צוויי גלייכע חלקים און געלאָזט עס טריקענען אין פעלד. ביי נאַכט האָבן ביידע נישט געקענט שלאָפן, זיי זענען עפּעס נישט געווען צופרידן מיט זיך, טראַכטנדיק אַז יעדער איינער האָט באַעוולט דעם צווייטן.

איינער איז געווען אַ פאַמיליע־מאַן, דער צווייטער האָט גע־לעבט אַליין. דער בעל־משפחה האָט געטראַכט: ס׳איז נישט ריכטיק פון מיר צו נעמען אַ גלייכן חלק ווי מיין איינזאַמער ברודער. אויף דער עלטער וועלן מיינע קינדער מיך באַזאָרגן מיט ברויט, אָבער מיין ברודער, ווער וועט אים שפּייזן?

דער צווייטער האָט געטראַכט, אַז זיין ברודער, דעם בעל־משפחה, קומט מער, ווייל ער האָט צו שפּייזן אַ פאַמיליע; ס׳איז נישט יושרדיק צו נעמען אַ העלפט. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער פינצטערער נאַכט, אַוועק אין פעלד און אַריבערגעטראָגן אַ טייל סנאָפּעס צו דעם צווייטנס חלק.

אין דער פרי האָבן זיי געזען אַז די סנאָפּעס ליגן ווי געווען. האָבן זיי די צווייטע נאַכט געטאָן דאָס זעלבע, אָבער איצט האָבן זיי זיך באַגעגנט, יעדער איינער טראָגנדיק די תבואה צו דעם צווייטנס טייל. זיי איז ערשט קלאָר געוואָרן די רעטעניש. זענען זיי זיך געפאַלן אויף די העלדזער, זיך געקושט און געוויינט, אַ בת־קול האָט דאַן אויסגערופן: אויף דעם אָרט וועט געבויט ווערן

דער בית־המקדש, אַ הויז פון שלום, ליבע און ברידערלעכקייט.
(ישׂראל קאָסטאַ, מקוה ישׂראל, 1851, זייט 30).

אין די צייטן פון שלמה המלך

אין די צייטן פון שלמה המלך האָט ירושלים, ווי גאַנץ ארץ־ישׂראל, געניאָסן פון שלום. שלמה האָט נישט געדאַרפט פירן קיין מלחמות און האָט געקענט אָפּגעבן זיינע כּוחות און שטאַטסמע־נערישע פעיִקייטן אויפן עקאָנאָמישן געביט. ער האָט אַנטוויקלט דעם אינטערנאַציאָנאַלן מסחר, געבויט אַ ים־פלאָט; זיינע שיפן זענען דערגאַנגען ביז אינדיע און אופיר; ער האָט געשלאָסן אָפּ־מאַכן מיט די גרויסמאַכטן פון יענער צייט און דאָס לאַנד האָט געניאָסן פון אינטערנאַציאָנאַלן אָנזען און פּרעסטיזש. „ויגדל המלך מכל מלכי הארץ לעושר ולחכמה" (דברי הימים ב, כב ט).

די שטאָט ירושלים איז געוואַקסן אין באַפעלקערונג, אין פּראַכטיקע בנינים און דערגאַנגען צו דעם הויכפּונקט פון עיר גדולה. שלמה האָט זי געמאַכט צו מקדש מלך ועיר מלוכה. צו דעם האָט צוגעהאָלפן שלמהס פּערזענלעכער חן, ווי דער מלך, דער חכם מכל אדם, דער מחבר פון טויזנטער משלים און שירים. ער פלעגט אויסגלייכן סיכסוכים און אויסטיילן גערעכטיקייט זיינע בירגער.

אַזוי ווי אין פּאָליטיש־מלוכישן זין, אַזוי האָט זיך אויך אָנגע־הויבן די אַנטוויקלונג פון ירושלים אין גייסטיקן און רעליגיעזן זין. אין ירושלים ווערן געשאַפן און פאַרטיפט אונדזערע רעלי־גיעזע, קולטורעלע און הומאַניטאַרע ווערטן פון מענטשן־ליבע, פון יושר און צדק. אין ירושלים האָבן געשאַפן און געווירקט גרויסע פּערזענלעכקייטן, גייסטמענטשן. מיר באַגעגענען שוין דאָ די נביאִים, וואָס שטייען אויף דער וואַך אָפּצוהיטן די גערעכטיקייט. זיי

לערנען דאָס פאָלק די עטישע געזעצן פון דער תורה. די נביאים זענען געווען דאָס געוויסן פון פאָלק ביים וואָרענען און מוסרן ווי נאָר זיי פלעגן זען עוולות. ווי די שליחים פון גאָט, פלעגן זיי זיך נישט אָפּשרעקן אפילו פאַר די מלכים אליין. ווייזט אויס, אַז פריי־הייט פון וואָרט האָט שוין דאַן געהערשט ביי ייִדן. גענוג צו דער־מאָנען נתן הנביא, וואָס וואַרפט אַ שווערע באַשולדיקונג דעם קיניג דוד אין פּנים אַריין צוליב אוריה החתי און בת־שבע: „איש מות אתה!‟ אָדער אליהו הנביא, וואָס דונערט צוליבן אומרעכט וואָס אחאב איז באַגאַנגען קעגן נבות היזרעאלי: „הרצחת וגם ירשת?‟

דאָ אין ירושלים הייבט זיך אָן אויסצוקריסטאַליזירן די ריינע ייִדישע אמונה, דער מאָנאָטעיִזם; מע הערט די דערהייבנדיקע און עקזאַלטירטע נבואות פון עמוס, ישעיהו, מיכה און אַנדערע, וועלכע רופן צו ירושלים, צום הר ה׳ אַלע אומות, צו ציון, ווי דער צענטער פון דעת ה׳, פון וואַנען גאָטס וואָרט שטראָמט אַרויס, און גאָט פון ישׂראל ווערט דער גאָט פון דער מענטשהייט. יהדות גייט אַרויס פון די ענגע, לאָקאַלע און אפילו ריין נאַציאָנאַלע גרענעצן; די ייִדישע אמונה קריגט איר אוניווערסאַלן, אַלמענטש־לעכן פאַרנעם. דאָ ווערט געשאַפן דער תנך, וואָס איז פאַר אונדז אַ מורה־דרך, אויף וועלכן דער גרויסער תלמודישער בנין שפּאַרט זיך אָן.

אין ירושלים ווערט פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט די וויזיע פון אייביקן שלום, פון אַלמענטשלעכן גליק. ירושלים ווערט אַ באַגריף, וואָס מיינט צדק, שלום, גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט:

„ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה‟ (ישעיה א, כז),

אָדער:

„ושׂמתי משפט לקו, וצדקה למשקולת‟ (ישעיה כח, יז).

ירושלים האָט פאַרלאָרן אַ ביסל פון איר גלאָריע נאָך שלמהס טויט, ווען די מלוכה האָט זיך געשפּאָלטן אויף יהודה און שומרון: די צען צפונדיקע שבטים האָבן זיך אָפּגעריסן און געשאַפן אַ מלוכה פאַר זיך, די מלכי שומרון האָבן צוליב פּאָליטישע טעמים זיך באַמיט אָפּצוררייסן די ייִדן פון ירושלים, און קעגן איר אָוועקגע־שטעלט אַנדערע שטעט מיט תנכישער חשיבות: בית־אל, שומרון, מצפה, דן... אָבער עס איז זיי נישט געלונגען. ירושלים איז פאַר־בליבן די עיר הקודש.

אַפילו שפּעטער, אין דער העלעניסטישער תקופה, ווען עס זענען אויפגעקומען אַנדערע וויכטיקע צענטערס, האָט ירושלים אָנגעהאַלטן איר צויבער און צוציִונג־קראַפט. דער שטאַרקער און חשובער ייִדישער יישוב אין אַלעקסאַנדריע, מצרים, וואָס האָט געהאַט אַ קולטור־אויטאָנאָמיע און אַפילו אַן אייגענעם טעמפּל אין העליאָפּאָלים, דער מקדש חניו, הגם פאַרוואָרצלט אין דער גריכישער קולטור, איז דאָך געבליבן לאָיאַל צו דעם איינציקן צענטער אין ירושלים, און האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אים, פון צייט צו צייט פלעגן זיי עולה־רגל זיין קיין ירושלים און שיקן מתנות צום בית המקדש.

ווי דער מיטאָלאָגישער פויגל

ירושלים האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גילגולים. זי האָט געהאַט תקופות פון אויפקום און אויפשוווּנג, גלאַנץ און גלאָריע, בנין און יצירה, אָבער אויך ירידות, אומקום, חורבן און פאַר־ניכטונג. און יעדעס מאָל שטייט זי אויף ווידער צום לעבן, ווי דער מיטאָלאָגישער פויגל, דער פעניקס, וואָס ווערט פאַרברענט און שטייט אויף פון אַש.

ירושלים האָט געהאַט צוויי אויפטרייסלדיקע נאַציאָנאַלע קאַ־

טאַסטראָפעס, בעסער געזאָגט — דריי. דער חורבן פון ערשטן בית־המקדש דורך בבל (586 פאַר דער צייט־רעכענונג), דער חורבן פון בית שני דורך רוים (יאָר 70). טיטוס האָט צעשטערט ארץ־ישׂראל, פאַרברענט דעם בית המקדש, פאַרשוועכט און חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן אַ גרויסן טייל פון פאָלק אין גלות. די דריטע קאַטאַסטראָפע איז געווען דאָס פאַלן פון דער ביתּר־פעסטונג אין בר כּוכבא־אויפשטאַנד, וואָס האָט געלאָזט כּמעט יידנריין די שטאָט (יאָר 135).

ירושלים איז זינט דאַן געווען אין די הענט פון פאַרשיידענע פעלקער און רעליגיעס: געצנדינערס — גריכן און רוימער, קריס־טן — ביזאַנטינער און קרייצציגלער; מוסולמענער, מאַמעלוקן, טערקן, ענגלענדער און אַראַבער. אַלע האָבן זיך געריסן פאַר דער שטאָט און אין די רייסענישן זענען פאַרגאָסן געוואָרן טייכן יידיש בלוט. אַלע האָבן זיי געוואָלט אַרויסרייסן זי פון יידישן זכרון, אויס־מעקן יעדן זכר פון בית המקדש און אָפּמעקן זי פון דער מאַפּע. אַדריאַנוס קיסר האָט אַפילו געביטן איר נאָמען, אָנרופנדיק זי „עלי קאַפּיטאָלינאַ" און האָט איבערגעפירט די הויפּטשטאָט פון דער ארץ־ישׂראל־פּראָווינץ (פּאַלעסטינאַ) קיין צעזאַריאַ; די פרעמדע פעלקער האָבן צעאַקערט די שטאָט, זי פאַרוויסט און פוקסן זענען דאָרט אַרומגעלאָפן (לויט דער אַגדה).

אָבער די שטאָט איז פאַרבליבן געטריי איר פאָלק, ווי זי וואָלט אויסגעשפּיגן די פרעמדע פאַרכאַפּערס. נישט אומזיסט רופט זי זיך אָן קריה נאמנה (געטרייע שטאָט — איינער פון אירע זיבעציק נעמען). זי איז געבליבן געטריי אירע זין, פונקט ווי אירע זין און טעכטער זענען געבליבן איר געטריי ביזן היינטיקן טאָג.

יאָ, די שטאָט איז פאַרהייליקט אויך ביי די קריסטן און מוסולמענער, אָבער פאַר זיי איז זי נאָר אַ דערינערונג פון אַ רעליגיעזן עפּיזאָד פון דער פאַרגאַנגענהייט. די קריסטן האָבן דאָך

אָנגענומען רוים פאַר זייער הייליקער שטאָט; די מוסולמענער ווענדן זייערע אויגן צו מעקאַ און מעדינאַ אין סאַאוד־אַראַביע. פאַר אונדז אָבער איז זי אַן אייביקער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער קנין, וואָס נעמט אַרום דעם היינט אַזוי גוט ווי דעם נעכטן און דעם מאָרגן, אַלע פאַרגאַנגענע און אַלע צוקונפטיקע דורות.

און ווען יידן האָבן פאַרלוירן זייער לאַנד, זייער טעריטאָריע און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, די ערדישע ירושלים, די מלוכישע, מיט אירע פיזישע אייגנשאַפטן און געאָגראַפישע גרענעצן, מיט אירע וואָכעדיקע, טאָגטעגלעכע מדינישע פּראָבלעמען און זאָרגן, ירושלים של מטה — האָבן זיי אויפגעהאַלטן אין זייער האַרץ און נשמה און אין זייער געדעכעניש די הימלישע ירושלים, די גייסטיקע, ווי אַ שטאָט פון חכמה, תורה און וויסן, פון קולטור און יצירה, פון נשמה־יתירהדיקייט — ירושלים של מעלה. יידן האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון ירושלים, נאָר די רישעות פון דער וועלט און די יידן־שינאה האָט זיי נישט צוגעלאָזן צו איר, האָבן זיי געזוכט טרייסט אין ירושלים של מעלה און האָבן אין איר געגלויבט. און געבענקט האָט מען נאָך די ביידע געשטאַלטן פון ירושלים. דוכט זיך, פאַרשיידענע באַגריפן, צוויי מאָדוסן וואָס זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער, ווי הימל און ערד, אָבער אין דער אמתן באַהעפטן זיי זיך ביידע, גייען אַריבער איינע אין דער צווייטער, דאָס רעאַלע און דאָס אידעאַלע דערגאַנצן זיך אין איין שלימותדיקער האַרמאָניע, און ביידע דאַרפן מאַכן ירושלים פאַרן עיר שלם — עיר שלימה, אַ גאַנצע, אַ פּערפעקטע.

זענען יידן געגאַנגען אין גלות אַריין, האָבן זיי מיטגענומען די שכינה מיט זיך, (שכינתא בגלותא — ווי די מיסטיקער לערנען). איז די שכינה אויך געווען נע־ונד און אָפּגעריכט גלות, פּונקט ווי דאָס פאָלק, און געוואַנדערט איבער דער וועלט און געקלאַפּט אין פרעמדע טירן, צוזאַמען מיט די יידן. האָבן יידן זיך באַמיט אויפצו־

האַלטן ירושלים של מעלה, האָט מען געבויט פֿאַר איר צײַטווײַליקע הײמען אין דער פֿרעמד, האָט מען אױפֿגעשטעלט צענטערס אין סורא, פּומבדיתא און נהרדעה (בבל), שפּעטער אין װאָרמס, מאַינץ און שפּײער, קאָרדאָװאַ און לעדאַ, נאָך דעם אין װילנע און לובלין, סלאָבאָדקע און װאָלאָזשין — אומעטום אַ מקדש-מעט — „בית היוצר לנשמת האומה", װי ביאַליק רופֿט עס אָן. מיר װײסן װאָס עס איז פֿון זײ געװאָרן. האָט געזאָגט די שכינה: „לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא לירושלים של מטה".

סימבאָל פֿון ייִדישער בענקשאַפֿט

כּמעט צװײ טױזנט יאָר זענען ייִדן געװען דערװײַטערט פֿון ציון, אָבער זײ האָבן נישט אױפֿגעהערט צו חלומען װעגן איר. זײ האָבן געקלאָגט אױפֿן חורבן, זיך פֿאָרגעשטעלט ציון װי אַ װיסטע אַלמנה, אָנגעטאָן אין טרױער-קלײדער. זײ האָבן אָפּגעריכט חצות, אַפֿילו געלערנט װעגן קרבנות, הגם קײן מזבח איז שױן לאַנג נישט געװען, װי די אַנדערע „מצוות התּלויות בארץ". זײ האָבן אױפֿגעהאַלטן ירושלים אין זכּרון. אַזױ װערט ירושלים אײַנגעװעבט און אײַנגעשפּונען אין דער ייִדישער פּסיכיק און װערט דער סימבאָל פֿון ייִדישער בענקשאַפֿט צו ציון און דער שטרעבונג צו איר װידער-אױפֿלעבונג.

און אױב ייִדן האָבן נישט געקענט לעבן אין הײליקן לאַנד, האָבן זײ געװאָלט כאָטש שטאַרבן אין ארץ-ישׂראל. רבי יהודה הלוי, פֿאַרשײַכורט פֿון חיבת הארץ, װאָס האָט געזונגען זײַן באַרימט ציון-ליד, האָט זיך געלאָזט אױפֿן געפֿערלעכן װעג צום הײליקן לאַנד, כּדי צו קושן די ערד פֿון ירושלים, און דאָרטן, װי די לעגענדע דערצײלט, איז ער צעטראָטן געװאָרן פֿון אַן אַראַבישן רײַטער אױף אַ פֿערד.

אַ סך פון די וואָס האָבן נישט געקענט שטאַרבן אין ארץ־ישׂראל, האָבן זיך באַזאָרגט כאָטש מיט אַ זעקעלע ארץ־ישׂראל־ערד אין קבר אַריין. פּרץ האָט עס אַזוי וווּנדערלעך באַשריבן אין זיין נאָוועלע „די דריי מתּנות״. דער ייִד האָט קאַלט, סטאָיִש צוגעזען ווי די רויבער נעמען אַוועק זיין געלט, זיין זילבער, זיין אָפּגעשפּאָרט פּאַרמעגן, אָבער ער ציטערט־אויף מיט אַלע פּעדעם פון זיין נשמה, ווען זיי רירן אָן דאָס זעקעלע ערד. ער ראַנגלט זיך מיט זיי דאָס צו באַשיצן און ווערט דורך זיי דערהרגעט.

אַזוי האָבן ייִדן געלעבט, געהאָפט און געדאַוונט. אונדזערע תּפילות שפּיגלען אָפּ די בענקשאַפט נאָך ירושלים. זיי האָבן נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן די אַלטע שבועה פון תּהילים (קלז): „אם אשכּחך ירושלים תּשכּח ימיני״.

דורות נאָך דורות האָבן ייִדן אויסגערופן, מיט עקסטאַז און כּוונה: „לשנה הבאה בירושלים״ אין די הייליקסטע מאָמענטן פון אונדזערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע ימים־טובים: פּסח ביים סדר און יום־כּיפּור צו נעילה.

אַזוי האָט זיך אויפגעהאַלטן לעבעדיק דאָס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפיל אין דער פאָלקס־נשמה. דובנאָוו רופט עס אָן: דער סוביעקטיווער ווילן און נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין פון פאָלק, וואָס האָט געדינט ווי אַ פאַקטאָר אויפצוהאַלטן די איינהייט אין פאָלק.

ירושלים — דער נאָמען, ווי די פילאָלאָגן ווילן האָבן, באַטייט **עיר השלום,** די שטאָט פון פרידן — איז באַקרוינט מיט זיבעציק נעמען און יעדער נאָמען דריקט אויס ייִדישע ליבשאַפט, קענגזייטיקע טריישאַפט, וויזיע, הייליקייט און שיינקייט. „ירושלים של זהב״, וואָס נעמי שמר האָט פאַרפאַסט און וואָס איז געוואָרן באַליבט ווי אַ צווייטער הימן, איז נאָר אַ טייל פון דעם כּתר מלכות איבער דער אייביקער שטאָט, וואָס רופט צו שלום. פרויען פלעגן טראָגן

אַזעלכע גאָלדענע שפּילקעס, וואָס האָבן געהייסן ירושלים של זהב, און רבי עקיבא האָט געשענקט זיין באַליבטער רחל אַזאַ שפּילקע.

ירושלים ווערט באַצייכנט מיט די אויסדרוקן: „כּלילת יופי", „יפה נוף", „משוש כּל הארץ" — די שׂימחה פון דער וועלט.

די אַגדה זאָגט (קדושין מ"ט, ב'): צען מאָס שיינקייט איז געגעבן געוואָרן דער וועלט, ניין מאָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר ירושלים און איין מאָס פאַר דער וועלט. ליידער, זאָגט די זעלבע אַגדה, אַז צען מאָס יסורים איז אַראָפּ אויף דער וועלט, פון וועלכע ניין מאָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר ירושלים. ירושלים ווערט באַשריבן ווי דאָס הארץ פון ארץ־ישׂראל און פון יִדישן פאָלק. ווי דאָס האַרץ, דער צענטראַלער אָרגאַן פון לעבן טראָגט און פילט דעם ווייטיק פון יעדן אֵבר אין גוף, אַזוי טראָגט אוים ירושלים אויף זיך אַלע יסורים פון לאַנד און אַלע פּיינען און ליידן פון פאָלק.

ירושלים איז פאַרבונדן מיט אונדזער מאַרטיראָלאָגיע נאָך פון אַברהם אָבינוס צייטן, ווען ער איז געווען גרייט דורכצופירן די עקדה אויפן הר המוריה. זיינע קינדער האָבן אים נאָך איבער־געשטיגן, ברענגענדיק טויזנטער עקידות, געלייטערט און געריי־ניקט דורך יסורים.

אַזוי פיל אַגדות, מדרשים, עקסטאַטאָלאָגישע זעונגען, רעלי־גיעזע און סעקולערע לידער פאַרנעמען זיך מיט ירושלים. די חז"ל שרייבן איר צו ספּעציעלע אייגנשאַפטן. עס ווערט געזאָגט: „אווירא דישׂראל מחכּים" — די לופט פון ישׂראל, און אוודאי פון ירושלים, מאַכט קלוג דעם מענטשן. (ירושלים כּולל כּל ארץ־ישׂראל).

עס ווערן דערציילט וווּנדער־מעשׂיות וועגן די קינדערלעך פון ירושלים, זייער שאַרפזיניקייט און לעבנס־חכמה. די לופט פון דער שטאָט באַאיינפלוסט אירע איינוווינערס און ווירקט אויף זייער טעמפעראַמענט.

אין ישׂראל, זאָגט מען, קען מען גלייך דערקענען צי אַ ייִד

איז פון ירושלים אָדער פון תּל־אביב. די תּל־אביבער ייִדן חיצן זיך און קאָכן זיך, דערפֿאַר זענען דאָרטן כּאַמסינען; אָבער אַ ירושלימי גייט לאַנגזאַם, רויִק, באַזאָכט, און איז שטאָלץ, ער בלאָזט זיך, דערפֿאַר איז דער קלימאַט פון ירושלים קיל און אָנגענעם...

נאָך אַנדערע סגולות ווערן צוגעשריבן ירושלים („עומדים צפופים ומשתחוים רווחים").

קורץ, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו ירושלים איז באַהויכט מיט אַ געפיל פון קדושה, אַפילו די שטיינער און די ערד.

און דער כּותל־מערבי? אַ וואַנט פון שטיינער, אָבער זי שטייט ווי אַן עדות פאַר די אַלע יאָרן פון ייִדישער אמונה און בטחון. וויפל ייִדישע טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן פאַרן כּותל אין די אַלע יאָרן? וויפל שווערע געמיטער און סודות זענען פאַרטרויט געוואָרן צו דער שטיינערנער וואַנט? מע זאָגט, אַז די שטיינער זענען פאַרגליווערטע טרערן. וויפל צער און וויטאָג האָבן ייִדן איבערגעלבט, ווען דער וועג צום כּותל איז פאַר זיי געווען פאַרשפּאַרט, ווען ירושלים איז געווען צעטיילט און צעריסן, ווי דאָס ליד זאָגט: „ובליבה חומה" — אין איר האַרצן אַ וואַנט. אוןביידע טיילן האָבן געלעכצט איינע צו דער אַנדערער, געוואַרט אויפן מאָמענט זיך צו פאַראייניקן, געחלומט זייער חלום פון ווערן איינס.

דער גרויסער טאָג איז געקומען

אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָבן די העלדישע בחורים פון צה"ל, אונטער אַ האָגל פון אַראַבישע קוילן, זיך אַריינגעריסן דורך דעם שער־האריות, דעם לייבן־טויער, אין דער אַלטשטאָט, צום הר־הבית; זיי האָבן געקעמפט ווי לייבן, באַפרייט דעם כּותל־מערבי, פאַרנומען די אַלטשטאָט און פאַראייניקט ביידע טיילן פון ירושלים אין איין שטאָט, ווי דער תּהילים זאָגט: „עיר שחוברה לה יחדיו" — אַ שטאָט וואָס באַהעפט זיך אין איינעם.

און דער נס איז געשען.

דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישער מאָמענט. „אשרי העין ראתה כל אלה" — גליקלעך איז דאָס אויג וואָס האָט עס געזען און דער דור וואָס האָט עס דערלעבט! ווען הרב גורן, דער דעמאָל־טיקער מיליטערישער רב איז אַרויף אויפן הר הבית און מיטן שופר־בלאָזן אָנגעזאָגט אַלע טיילן פון דער וועלט די ענדגילטיקע באַפרייונג פון ירושלים. די אַרויפגעצויגענע ווייסבלויע פאָן האָט געפלאַטערט און די קלאַנגען פון התקווה האָבן אָנגעפילט די לופט. אַלט און יונג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ טאַנץ ביים כותל. מע האָט געזונגען און געוויינט, זיך געקושט און געהאַלדזט, פאַר־געסן אַלע קריוודעס — אַ מין אחדות ווי ביים מעמד הר סיני, „עם אחד בלב אחד", אחדות ביי ייִדן — דאָס אַליין איז אַ נס.

און יונגע צנחנים, אויסגעמאַטערטע פון די שווערע שלאַכטן, האָבן געוויינט מיט טרערן פון פרייד און באַגייסטערונג. חיים חפר, דער פּאָפּולערער פּאָעט פון ישׂראל, דערקלערט אין זיינער אַ פּאָעמע: ווי קומט עס, אַז אַזעלכע גיבורים זאָלן וויינען ווי קינדער? און ער זאָגט בערך אַזוי: די וואָנט האָט געזען גאַנצע אַרמייען פאַר־בייגיין, די וואָנט האָט געזען אימפּעריעס אויפגיין און פאַלן, אָבער זי האָט קיין מאָל נישט געזען פאַראַשוטיסטן וויינען. דאָס איז דערפאַר, ווייל די 18־20־יעריקע בחורים, געבוירענע אין דער צייט פון דער באַנייטער מדינה, טראָגן אויף זייערע יונגע פּלייצעס צוויי טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע.

דאָס איז געווען דעם 28סטן אייר. אייר איז אַ געבענטשטער חודש. די מדינה איז אַנטשטאַנען ה׳ באייר, און אַלט ירושלים מיטן כותל איז באַפרייט געוואָרן אין אייר. 28 מאַכט בגימטריה כח. כח פיזישער און גייסטיקער, גבורה און קדושה צוזאַמען. כח פאַר ירושלים, פאַר דער מדינה, פאַרן פאָלק ישׂראל. דער גרויסער טאָג פון יום ירושלים וועט פאַרבלייבן אויף אייביק אין אונדזער געשיכ־

טע, אונדזער לוח איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ דערהויבענעם יום־טוב פֿאַר אַ גאַנצער עיר הקודש.

ירושלים, די עיר מלכים ונביאים, פֿאַרלאָזט דורך צוויי טויזנט יאָר, האָט ווידער אויפֿגעלעבט און געוואָרן די שטאָט פֿון דער רעגירונג, פֿון כּנסת, פֿון רבנות הראשית, פֿון בית הנשׂיא, בניני האומה, פֿון היכל הספר און העברעיִשן אוניווערסיטעט.

„כּי ימין ושׂמאל תפרוצי״ (ישעיה נ״ד, ג׳) — זי האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט נייע שכונות. אין תּנך ווערט זי באַצייכנט ווי אַ שטאָט אַרומגערינגלט מיט בערג: „ירושלים הרים סביב לה״, ווי אַ דימענט איינגעפֿאַסט אין גאָלד, אַ צירונג וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ווארעמער זון אונטערן בלויען הימל. אַזוי בערך באַצייכענען פּאָעטן די שטאָט, אָבער דאָס איז אויך אַ נייע שטאָט באַזעצט מיט ייִדן, וווּ עס גייט אָן אַן אינטענסיוו ייִדיש לעבן: געשעפֿטן, פֿאַבריקן און לאַבאָראַטאָריעס, ווימנשאַפֿטלעכע פֿאָר־שונגען און מעדיציניש דערפֿינדונגען, שולן און קינדערגאָרטנס; הילכיקע קולות פֿון תּינוקות של בית רבן פֿילן אָן די לופֿט מיטן תּורה־ניגון, און די ליכטיקע ירושלים של זהב, ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה, שטראַלט אַרום מיט איר ליכט און קדושה צו אַלע שטעט און צו אַלע ייִדן וווּ זיי זאָלן נישט זיין — ווי דער דיכטער אהרן צייטלין זינגט אין זיין ליד:

געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש

ס׳גייט אַרונטער פֿון הימל אַ ייִד
און מיט ליפּ וואָס גליט
קושט ער די ערד פֿון ישׂראל.
מיט יענעם קוש פֿאַרבינדט ער
ערד און הימל און ייִד:
זיי ווערן איינס זאַלבעדריט.

לאָמיר לערנען פּרק

ווען מיר קוקן אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט, און ספּעציעל אין די גרויסע רעליגיעזע שאַפֿונגען פֿון יהדות, קומט גלייך אויפֿן געדאַנק דער תּנ״ך, דער ספֿר הספֿרים, דאָס הייסט, דער ספֿר איבער אַלע ספֿרים.

דער תּנ״ך, ווי די דריי אותיות מיינען, באַטייט תּורה, נביאים, כּתובֿים. די תּורה וואָס משה רבינו האָט מקבל געווען פֿון סיני און איבערגעגעבן דעם פֿאָלק. דאָס פֿאָלק האָט געהערט מפּי הגבֿורה די עשׂרת הדיברות, דאַן האָט ער געבראַכט די צוויי לוחות, די משפּטים, דינים און חוקים. דאָס זענען די פֿינף חומשים וואָס ענדיקן זיך מיט משה רבינוס פּטירה. אָבער די ייִדישע געשיכטע האָט זיך נישט געשלאָסן מיטן טויט פֿון משהן. מיר האָבן די היסטאָריע פֿון יהושע בן־נון, משהס נאָכפֿאָלגער, וואָס פֿירט אַריין דאָס פֿאָלק אין ארץ כּנען, כּיבוש הארץ; דאַן די שופֿטים־תּקופֿה, די מלכים, דער אויפֿשטייג פֿון די נבֿיאים, ביז איבער דעם חורבן פֿונעם ערשטן בית המקדש, די בבֿל־תּקופֿה, און די שיבֿת־ציון.

דער תּנ״ך איז געוואָרן אַ וועלט־אייגנטום. ער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן; די גויים האָבן אים אָנגענומען ווי „דער אַלטער טעסטאַמענט״, וואָס איז ביי זיי אַ טייל פֿון זייער ביבל, וואָס זיי רופֿן אָן „הברית החדשה״. זיי ציִען טאַקע יניקה פֿון די וואָרצלען פֿון תּנ״ך, אָבער מיט צומישונגען,

פאַרקריפּלונגען און פאַלשע אויסטייטשונגען לויט די דאָגמעס און רעליגיעס פון קריסטנטום און איסלאַם.

דער תּנך איז ביי אונדז די געשריבענע תורה — תורה שבכתב. מיר האָבן אָבער אויך די תורה שבעל־פּה, די מינדלעכע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן ווי קבלה, ווי מסורה פון רבין צום תּלמיד, פון דור צו דור. דאָס איז די מישנה און די גמרא, וואָס טיילט זיך לויטן אינהאַלט אויף הלכה און אַגדה.

דאָס אַלץ איז דער תּלמוד, וואָס איז אַ המשך פון תּנך; דער תּנך איז די פונדאַמענטאַלע באַגרינדונג, דער אורשפּרינגלעכער הויפּטקוואַל, אויף וועלכן דער תּלמוד איז געבויט געוואָרן. דאָס הייסט, ס׳איז נישט קיין נייע תורה. די חז״ל זאָגן, אַז מתן תורה איז כּולל אַלץ, אינטעגראַל, תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה; נאָך מער, אַפילו „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״ — אויך דאָס וואָס אַ תּלמיד־חכם וועט באַנייען, איז אויך מסיני.

דער תּלמוד פאַרנעמט ביי ייִדן זייער אַ כּבֿודיקן אָרט, כ׳וואָלט געזאָגט: אַ העכערע מדרגה ווי דער תּנך. למשל, אין די ישיבות לערנט מען דעם תּלמוד, אָבער נישט דעם תּנך. פון תּלמוד לערנען זיך אויס די ישיבה־בחורים גאַנצע פּסוקים פון תּנך.

דער תּלמוד איז אַ גיגאַנטישע שאַפונג, אַ ריין ייִדישע. ער איז געוואָרן דער „אָח לצרה״ — אַ מיטליידנדיקער ברודער פאַרן ייִדישן פאָלק, וואָס טיילט אונדזער ביטערן גורל. די גויים האָבן אים נישט אָנגענומען, און פאַרשטייען אים נישט. זיי טראַכטן אויס שקרים, רכילות, בלבולים און געפּערלעכע עלילות־דם אויפן תּלמוד ווי אויף ייִדן. מע בויט שייטערהויפנס פאַר ייִדן און גלייכציטיק פאַרן תּלמוד; מען ברענט זיי ביידע צוזאַמען אויפן אויטאָ־דאַ־פע; אָפט מאָל זענען כּלומרשטע פריינד פון דער ביבל גרויסע שונאי־ישׂראל: זיי פאַרטיידיקן מיט פרום־פאַרגלאָצטע אויגן הייליקע פּסוקים פון אונדזער תּנך און אין דער זעלבער צייט גיסן

זיי פעך און שוועבל אויפן פאלק פון תנך, און אויפן תלמוד. אזוי האט דער „עם" און דער „ספר" („עם הספר") געליטן צוזאמען.

ווי געזאגט פריער, באשטייט אונדזער תורה פון צוויי הויפט־חלקים: תורה שבכתב און תורה שבעל־פה — די געשריבענע און אויסנווייניקע. דער תלמוד איז אזוי וויכטיק, אז אפט מאל וואלט מען נישט פארשטאנען דעם זין און דעם מיין פון געוויסע פסוקים פון חומש אן די דערקלערונגען פון דער גמרא.

וואס פאר א ריזיק קולטורעלער אוצר דער תלמוד איז! ער האט פארשיידענע געביטן, לערעס, פילאסאפיעס, יוריספרודענץ, אסטראנאמיע, היגיענע און מעדיצינישע אנווייזונגען; לעגענדעס (די אגדתא), פאנטאזיעס און מאראליש־עטישע לערעס.

עס רעדט זיך דארט וועגן גאט און מענטש, וועגן נאטור און וועלט, וועגן יחיד און כלל, וועגן פאלק און לאנד. מע רופט אים אן מיט רעכט „ים התלמוד", און דער, וואס טויגט זיך אוים אין אים, זאגן מיר אז ער שווימט אין די טיפענישן פון דעם ים־תלמוד און פאנגט ארוים פון אים זעלטענע פערל.

דער צוזאמענשטעל פון תלמוד פארנעמט א ציטשניט פון א טויזנט יאר מיט אן אנטייל פון טויזנטער חכמים, סופרים, שרייבערם, תנאים און אמוראים, וועלכע רופן זיך אן די ארכיטעקטן פון אונדזער אמונה. זיי האבן געלעבט אין פארשיידענע לענדער, אין ארץ־ישראל, אין בבל, פרס, יון און רוים.

דעם תלמוד האט מען נישט פארשריבן אין משך פון א לאנגער צייט. ס'איז געווען אן אנגענומענער כלל, אז „דברים שבעל־פה אין אתה רשאי לתנם בכתב", דאס הייסט, מינדלעכע תורה טאר מען נישט פארשרייבן.

ווי קען מען דאס אלץ געדענקען און וויסן נאר פון אויסנווייניק? ס'איז געווען א גרויסע סכנה, אז א סך פון די לערעס זאלן פארגעסן ווערן, די תורה זאל, חלילה, פארגעסן ווערן.

האָט געלעבט דאָן רבי יהודה הנשׂיא — דער אָנערקענטער פֿאָרשטייער פֿון די ייִדן אין ארץ-ישׂראל — ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער תּנא וואָס האָט מיט זיין פּראַקטישן פֿאַר־אויסזען געוואָגט צו טאָן עפּעס קעגן דעם אָנגענומענעם כּלל — און זיך נישט געהאַלטן אין די ראַמען פֿון געזעץ; ער האָט זיך גענומען צו דער ריזיקער אַרבעט צונויפֿצוקלייבן די משניות, סאָר־טירן זיי לויט די ענינים, צעטיילן אין סדרים (טראַקטאַטן) און אויפֿשרייבן זיי. אַזוי אַרום האָט ער געראַטעוועט די משניות פֿאַר די קומענדיקע דורות.

מיטן מסדר זיין די מישנה האָט רבי יהודה הנשׂיא אויפֿגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. ער איז אָנערקענט געוואָרן ביי זיין פֿאָלק און ווערט אָנגערופֿן מיטן נאָמען רבי הקדוש, אָדער סתּם „רבי".

דאָס איז געווען בערך אין יאָר 200 פֿון דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג. מיר האָבן זעקס סדרים — ששה סידרי משנה: (זמן נקט=זרעים, מועדים, נזיקין, נשים, קדשים, טהרות). דער ש"ס טיילט זיך אין קלענערע אָפּטיילונגען — מסכתות — לויט זייער אינהאַלט. פֿאַראַן 63 אַזעלכע טיילן און איינע פֿון זיי איז די מסכתא „פּרקי אָבות".

דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון רעליגיעז-עטישע קורץ געפֿאַסטע טעזיסן, וועגן ייִדישקייט, מאָראַל, דרך־ארץ און גוטע זיטן; שפּרודלדיקע חכמות, אַרויסגעזאָגט פֿון די אָנגעזעענע חכמים פֿון דורות זינט עזרא הסופר און אַנדערע פֿון אנשי הכּנסת הגדולה, וואָס האָבן געלעבט אין אָנהייב פֿון דער צייט פֿון צווייטן בית המקדש ביז די לעצטע תּנאים פֿאַרן אָפּשלוס פֿון דער מישנה.

דאָס הייסט „פּרקי אָבות", ווייל די גרויסע ייִדישע פֿירערס ווערן באַטראַכט ווי די פֿאָטערס. די גייסטיקע אָבות ווייזן ווי זיך צו פֿירן אין לעבן און זענען משפּיע אויף די קינדער. דער נביא

אלישע שרייט אוים צו זיין רבין אליהו הנביא: „אבי, אבי״ (מלכים ב).

אינעם מענטשלעכן באוווסטזיין פון רעליגיע האָבן מיר צוויי קאַטעגאָריעס, איינע הייסט די באַציִונג פון דעם מענטש צו גאָט, דאָס הייסט, פליכטן בין אדם למקום, און די צווייטע באַהאַנדלט די באַציִונג פון דעם מענטש צו זיין מיטמענטש — בין אָדם לחברו.

אַ סך מענטשן האַלטן, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן, מע קען זיין אַ פרומער ייִד, מע קען דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, אָפּהיטן די תּרי״ג מצוות און אין דער זעלבער צייט זיך נישט באַנעמען פיין מיטן חבר, באַעוולען אים און נישט אַכטונג געבן אויף גוטע מידות. דאָס איז אַ פאַלשער געדאַנק. באמת קען מען נישט אָפּטיילן פרומקייט פון ערלעכקייט, ביידע זענען איינס, מען קען נישט זאָגן: וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט. ווען מיר קוקן אַריין אין אונדזערע מקורות, אין חומש, אין די נביאים, און מישנה און תּלמוד, וועלן מיר זען, אַז אַלע אָנזאָגן און פאַרזאָגן — די „מצוות עשׂה״ און „מצוות לא תעשׂה״, זיי אַלע זענען באַזירט אויפן געדאַנק, אַז רעליגיע מוז פירן צו אַ מאָראַלישן אויסדרוק אין לעבן — „סור מרע ועשׂה טוב״.

די מכילתּא אין יתרו פרעגט: „כיצד נתּנו עשׂרת הדיברות?״ — ווי זענען געגעבן געוואָרן די צען געבאָט? און זי ענטפערט: „ה׳ על לוח זה וה׳ על לוח זה״, די עשׂרת הדיברות זענען איינגעטיילט גלייך אויף גלייך: אויף איין טאָוול — פליכטן פון מענטש צו גאָט, אויף דעם צווייטן — פליכטן פון מענטש צום מענטש, און ביידע זענען ענג פאַרבונדן צוזאַמען, נישטאָ קיין רעליגיע אָן מענטשלעכקייט, ביידע זענען הלכה למשה מסיני. ווען מען וויל זיי אָפּטיילן, איז עס „שבירת הלוחות״.

די נביאים ווייזן אָן בפירוש דעם אָנשפּאַר פון יהדות אויף עטיק. שטיצנדיק זיך אויפן ערשטן קוואַל, אויפן חומש, באַגרינדן

זיי די יסודות פון דער ייִדישער סאָציאַלער עטיק און שטורעמען קעגן דעם פֿאָלק ווען זיי זעען עוולות אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. זייערע נבואות זענען מערסטנס וועגן גערעכטיקייט, וועגן שלום און חסד בין אָדם לחברו.

ישעיהו הנביא זאָגט קלאָר, אַז דער פּרינציפּ אין יהדות איז „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה" (א' כז) — ציון וועט דערלייזט ווערן דורך גערעכטיקייט און אירע צוריקגעקערטע דורך רעכטס־פאַרכטיקייט: „ואָשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה". דאָס זעלבע זאָגט עמוס: „זאָל קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט און רעכטספאַרכטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער".

נאַטירלעך, ווען מיר רעדן וועגן תּלמוד, טאָר מען נישט פאַר־געסן די הלכה וואָס איז זיין יורידישער טייל, געווידמעט ריטועלע, ליטורגישע און לעגאַלע ענינים אינעם ייִדישן לעבן. ער באַשטייט פון אייזערנע, פעסטגעשטעלטע באַשלוסן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, וואָס זענען ענדלעך געוואָרן אַ דין, נאָך אַ שטרענגער דעבאַטע, אַ שקלא וטריא, אויסהערנדיק טענות פון פּראָ און קאָנטראַ.

„פּרקי אָבות" באַשטייט פון פינף פּרקים, צו וועלכע מען האָט צוגעגעבן אַ זעקסטן פּרק, וועלכער איז נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער מישנה. עס איז אָן אָנגענומענער מינהג ביי ייִדן צו לערנען דעם פּרק אין די זומער־חדשים. גלייך נאָך פּסח, דעם ערשטן שבת, פאַר מינחה, הייבט מען אָן צו לערנען פּרק ביז שבועות — זעקס וואָכן. דעם שבת פאַר שבועות לייענט מען דעם זעקסטן פּרק, קנין תּורה, אין איינקלאַנג מיטן מתּן תּורה. דער מינהג איז איינ־געפירט געוואָרן נאָך אין די ישיבות פון בבל.

„פּרקי אָבות" איז זייער אַ פּאָפּולערע מסכתּא. אַלע לערנען דעם „פּרק", אַזוי די לומדים וואָס זענען באַהאַוונט אין די שווערערע מסכתּות, ווי דאָס פּשוטע פאָלק. די אַלע מימרות און אַפאָריזמען

זעען אוים אַזוי פּשוט, אַזוי לייכט, אָבער אין דער אמתן קען מען פון יעדן מאמר אַרויסנעמען טיפע געדאַנקען.

„פרק" האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ ליבע כּמעט ווי דער תּהלים; ער איז אויך אַריין אין סידור ווי דער תּהלים. תּהלים ווערט געזאָגט יעדן טאָג, אַ גאַנץ יאָר און „אָבות" זאָגט מען אַ גאַנצן זומער, יעדן שבת־נאָכמיטאָג. דאָס איז טאַקע זיך סומך אויפן געדאַנק, אַז רעליגיע מוז האָבן אַ מאָראַלישן יסוד. דאָס פאָלק האָט עס מיט ליבע אָנגענומען און „פּרקי אָבות" איז געוואָרן די פּאָפּולערסטע מסכתּא פון אַלע 63 פון דער מישנה, מער ווי די מדרשים און ילקוטים.

אין דער זאַמלונג פון הויך־מענטשלעכער עטיק באַטייליקן זיך 72 חכמים וואָס דריקן אוים דעם תּמצית פון דער יידישער מאָראַל אין זייער אַ קאָנדענסירטער פאָרעם, אין קורצע זאַצן, געציילטע ווערטער; זיי האָבן געוואָלט לערנען דעם מענטש, מאַכן אים גרינגער זיין גאַנג איבער די שווערע קאָמפּליצירטע לעבנס־וועגן. זיי גיבן איבער פּראַקטישע חכמה אין אַ לייכטער פאָרעם, אָן שטרענגע מוסרדיקע, שרעקעוודיקע פּחדים, נישט מיט קיין זויערן פּנים און שאַרפן, דורכדרינגלעכן קוק, נאָר פאַרקערט, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אַ מילדן, גוטהאַרציקן קוק.

ווען איך בין געגאַנגען אין ביבליאָטעק, כּדי אַריינצוקוקן אין דער ביבליאָגראַפיע פאַר דער טעמע, בין איך נשתּומם געוואָרן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיק רייכע ביבליאָגראַפיע „פּרקי־אָבות" פאַרמאָגט: הונדערטער גדולי ישׂראל האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער מסכתּא, און יעדער איינער פון זיי ברענגט זיינע פּרושים, זיינע פאַרטייטשונגען מיט משלים, ווי אַן אילוסטראַציע צו פאַרגרינגערן דעם מוסר השׂכל. גענוג צו דערמאָנען דעם רמב"ם, ר' ישׂראל בעל שם טוב, דעם ווילנער גאון, ר' ישׂראל סאַלאַנטער, דעם חפץ חיים.

יעדער איינער דערקלערט עס אויף זיין אופן, מיט זיינע

אײגענע אָריגינעלע בײַשפּילן, יעדער אײנער ברענגט מפרשים, אַרויסקוקנדיק פֿון זײַן אײגענעם קוקווינקל, וואָס אים איז נאָענט, אָבער אַלע זענען אינטערעסאַנט און פֿאָלקסטימלעך. אונדזערע חכמים האָבן דאָך געזאָגט אין במדבר רבה — שבעים פּנים לתּורה, בפֿרט, ווען עס איז נישט קײן הלכה, נישט דין, נאָר באַזירט אויף אײגענער דערפֿאַרונג און לעבנס־אָנשויונג.

„אָבות" הײבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפֿיר, אַ מישנה, וואָס געפֿינט זיך אין מסכתּא סנהדרין און ווערט געזאָגט אין אָנהײב פֿון יעדן פּרק:

„כּל ישׂראל יש להם חלק..." — אַלע ייִדן האָבן אַ חלק... מען שטופּט קײנעם נישט אָפּ, אַז אַלע ייִדן קענען און דאַרפֿן לערנען פּרקי אָבות.

די מסכתּא הײבט זיך אָן מיט „משה קבל תּורה מסיני ומסרה ליהושע..." די הקדמה האָט רבי יהודה אַרײַנגעשטעלט, כּדי אָנצו־ווײַזן, אַז די אַלע שײנע מידות, וועגן וועלכע די חכמים רעדן דאָ האָבן זײער וואָרצל אין דער תּורה שבכּתב, וואָס משה האָט מקבל געווען אויפֿן באַרג סיני; ער האָט געוואָלט אונטערשטרײַכן די וויכטיקײט פֿון דער טראַדיציע, פֿון מסורה און קבלה, און פּראָקלאַ־מירט דורך דעם, אַז די מישנה איז דער המשך פֿון תּורה שבכּתב — אײן גאַנצע תּורה אין אַלע אָפּצווײַגן.

דער ערשטער מאמר פֿון די אַנשי כּנסת הגדולה איז: „הוו מתונים בדין" — איר זאָלט זײַן, פּאַרזיכטיק אין מישפּט, זײַט געלאַסן און אויסגערעכנט לגבי משפּטים, ווײַל אין אײַלעניש איז מען עלול זיך טועה צו זײַן.

דער מישפּט האָט דרײַ אויפֿגאַבן: 1 — געבן דעם פֿאַרברע־כער אַ לעקציע; 2 — אַ וואָרענונג פֿאַר אַנדערע — למען ישמעו ויראו; און 3 — צו געפֿינען דעם ריכטיק שולדיקן, זײַן זיכער, אָן שום צווײפֿל.

דאָס איז דער ערשטער מאמר, ווייל די לעגיסלאַטיווע, געזעצ־געבנדיקע קערפּערשאַפטן פון אַ לאַנד זענען די גרונטשטיינער אויף וועלכע דאָס סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן ווערט געבויט.

דאָ, אין „פּרקי אָבות", ווערן אָנגעגעבן מאָראַלישע פּונקטן וועגן דער פאָרעם, ערנסטקייט און עטיק פון די ריכטער, ווי אַזוי עס זאָלן געפירט ווערן משפטים, אָנווענדן גרויס פאָרזיכטי־קייט, מקפּיד זיין נישט געשטרויכלט צו ווערן, נישט מחייב זיין אַ זכאי (אומשולדיקן) און זען מיט אַלע מעגלעכקייטן, מיט דער פולער אחריות, דער מישפּט זאָל זיין אַ גערעכטער.

ערשטנס — „אל תהיה דן יחידי, שאין דן יחידי אלא אחד"; עס טאָר נישט זיין אַ געריכט, ווו נאָר איין מענטש זאָל משפּטן, ווייל נאָר גאָט קען משפּטן אַליין. ער איז דער באַשולדיקער, ער איז דער פּראָקוראָר, ער איז דער פאַרטיידיקער, ער איז דער עדות און ער אַליין איז דער שופט. צו באַשולדיקן עמעצן דאַרפן זיין לכל הפּחות צוויי עדות „והוי מרבה לחקור את העדים" — זאָלסט אַ סך און גרינטלעך נאָכפאָרשן די עדות. די שטרענגע חקירה־ודרישה ווערט אָנגעזאָגט אין „אָבות" נישט אין קיין פאָרם פון הלכה, נאָר ווי אַ וועגווייזער פון פּרינציפּן פון אמת, דין און שלום.

דער תּנא הלל זאָגט (פּרקי אָבות ב, ה) „אל תּדון את חברך עד שתּגיע למקומו" — אורטייל נישט דיין חבר צום שלעכטן, ביז דו שטעלסט זיך נישט פאַר, אַז דו ביסט אויף זיין פּלאַץ; „והוי דן את כּל האדם לכף זכות" — זאָלסט יעדן מענטשן אורטיילן צום גוטן.

„לא תכּירו פּנים במשפּט, כּקטן כּגדול תּשמעו" — ווען די בעלי־דין שטעלן זיך צום מישפּט, זענען אַלע גלייך, ווער עס זאָל נישט זיין, גרויס אָדער קליין, נישט וויכטיק וואָסער זייער סטאַטוס איז אין דער געזעלשאַפט.

דער ריכטער טאָר נישט אורטיילן לויט זיין אינטערעס, דאָס הייסט, זיין באַאיינפלוסט פון זיין פּערזענלעכער, עגאָיִסטישער טענדענץ.

אין אַ מישפּט קען דער אורטייל זיין אַ שטרענגער אָדער אַ מילדער, דאָס הייסט, דער ריכטער קען אָנווענדן „מידת הדין" אָדער „מידת הרחמים" — לפנים משורת הדין.

מידת הדין — דאָס איז דער דין — „יקוב הדין את ההר". צום ביישפּיל פאַרן גנבענען קומט אַזאַ און אַזאַ שטראָף. אָבער ביי מידת הרחמים נעמט דער ריכטער אין אַכט די באַדינגונגען, אין וועלכע די זינד איז באַגאַנגען געוואָרן, די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו דער זינד, און דאָס ווייך מאַכן דעם פּסק־דין.

די חז"ל זענען ספּעציעל אָפּגעהיט געווען אין דיני נפשות, אין טויטאורטיילן. ביי ייִדן איז געווען איינגעפירט טויטשטראָף, ווי עס זאָגט זיך אין חומש, „השופך דם אדם דמו באדם ישפך", כּדי אָפּצושרעקן פון רציחה. אָבער זיי שטרייכן אונטער די הומאַנישע לאַזונג, אַז ווען אַ בית־הדין האָט ארויסגעגעבן אַ טויטאורטייל איין מאָל אין 70 יאָר, איז ער באַצייכנט געוואָרן ווי אַ מערדעריש געריכט — „סנהדרין חובלנית" (מכות ז).

דאָס ווייזט, אויף וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה דאָס ייִדישער געריכט איז שוין דאַן געווען.

חינוך

ווען מיר נעמען צונויף די אַלע אַפּאָריזמען, וואָס זענען צעשפּרייט אין די זעקס פּרקים פון „אָבות" וועגן חינוך, וועלן מיר זיך אויסבילדן אַ סיסטעם פון דערציִונג, וואָס קען גילטן אויך היינט, אין אונדזערע צייטן.

מיר מוזן געדענקען, אַז כּדי צו דערגיין צו דער העכסטער

מדרגה פון מהר״ל, פּרעדיקט יהדות דעם חוב פון לערנען תּורה, דאָס הייסט, חומש, מישנה און גמרא, ווייל כּדי אָפּצוהיטן די מצוות, דאַרף מען אויך זיין אַ יודע ספר, ווי עס זאָגט זיך: „אין בוך ירא חטא ולא עם הארץ חסיד״ (אָבות ב׳ 5). אונדזערע קדמו־נים האָבן געפילט אַ חוב צו לערנען קינדער אין זייער אַ יונגן עלטער, ווען זיי הייבן נאָר אָן צו עפענען דאָס מויל צו זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, ווייל דאַן איז דאָס יונגע נפש אָפן פאַר אַלע איינ־דרוקן, נאָך נישט אָנגעפּאַקט מיט אַנדערע זאַכן. עס זאָגט זיך אין מסכת סוכּה (דף מ״ב ע״ב): „קטן היודע לדבר, אביו לומדו תּורה וקריאת שמע״.

קומט אלישע בן אבויה און זאָגט (אין אָבות ד): „הלומד ילד למה הוא דומה? לדיו כתובה על נייר חדש״ — דער וואָס לערנט אַ קינד, איז געגליכן צו טינט געשריבן אויף ניי פּאַפּיר.

ענלעך צו דעם זאָגט רבי שמעון בן אלעזר: „הלומד תּורה בילדותו, דברי תורה נבלעין בדמיו״... דאָס הייסט: ווער עס לערנט אין זיין קינדהייט, ווערט די תּורה איינגעשלונגען אין זיין בלוט...

די קאַטוילישע קירכע האַלט שטאַרק פון דעם פּאָסטולאַט און זאָגט: גיב מיר דיין קינד אין אַ פריִען עלטער, פון פינף־זעקס יאָר, און עס וועט שוין זיין אַ גלויביקער קאַטאָליק אויף שטענדיק.

די תּנאים האָבן איינגעשטעלט אַ סדר, אַ פּראָגראַם און קוריקולום, לויטן עלטער פונעם תּלמיד און לויטן ניוואָ פון קעגנ־שטאַנד (אָבות, 5, כא): „בן חמש למיקרא, בן עשׂר למישנה, בן חמש עשׂרה לגמרא״ — צו פינף יאָר איז שוין צייט צו לערנען חומש, צו צען יאָר — מישנה, און צו פופצן יאָר — גמרא.

קומט שמאי און זאָגט: „עשׂה תּורתך קבע״ — באַשטים אַ שטענדיקע צייט צו לערנען, יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה. און הלל גיט צו: זאָג נישט אַז דו וועסט לערנען, ווען דו וועסט האָבן צייט, לייג נישט אָפּ דאָס לערנען, ווייל טאָמער וועסטו האָבן

אַנדערע זאַכן צו טאָן און ס׳וועט נישט קלעקן קיין צייט צו לערנען.

הלל גיט אויך אַן עצה דעם תּלמיד זיך נישט צו שעמען צו פרעגן דעם רבין אַ שאלה, אויב ער פאַרשטייט נישט — „לא הבישן לומד״. נאַטירלעך, די שאלה דאַרף זיין אין שייכות מיט דעם ענין, וואָס ווערט געלערנט. דער רבי, דער לערער, האָט אויך פליכטן לגבי דעם שילער — ווי הלל זאָגט (2, 6) „לא הקפּדן מלמד״ — אַ לערער דאַרף זיין געלאַסן, געדולדיק און טאָר זיך נישט אויפרעגן ווען דער תּלמיד פאַרשטייט נישט אַזוי שנעל, נישט פאַרלירן זיין געדולד און זיך נישט אַנטוישן אין אים, „כּי התּורה נקנית בארך אפּים, בלב טוב״; און אויך: „דברי חכמים בנחת נשמעין״ — די רייד פון די לערערס ווערן אָנגענומען נאָר דעמאָלט, ווען זיי ווערן געלערנט מיט ישוב הדעת, באַזאָכט, דורכגעטראַכט. דער רבי דאַרף קענען פאַרשטיין דעם תּלמיד, זיך פאַרנעמען מיט יעדן איינעם לויט זיין פעיִקייט, לויט זיין מעגלעכקייט און לערנען אים לויט זיין כאַראַקטעריסטיק; ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: „חנך לנער על פּי דרכּו — גם כּי יזקין לא יסור ממנה״. ברענגט דאָך אָבות (ה׳) אַ גאַנצע ליסטע פון פיר פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון תּלמידים אַזעלכע וואָס כאַפּן אויף גלייך וואָס דער לערער לערנט, זיי פאַרשטייען און געדענקען דאָס אויף שטענדיק — „מהיר לשמע וקשה לאבד״, אָדער אַזעלכע קינדער וואָס לערנען שנעל און פאַרגעסן גלייך, „מהיר לשמוע ומהיר לאבד״ און אַזוי ווייטער.

נאַטירלעך, האָבן זיי שטאַרק געהאַלטן פון תּורה־לערנען — „תּלמוד תּורה כּנגד כּולם״. מע דאַרף לערנען דאָס גאַנצע לעבן, ווייל „דלא מוסיף יוסיף״, אויב מען גיט נישט צו, אויב מען וואַקסט נישט, פאַרלירט מען, מע פאַרגעסט.

האָסטו וויסן — וואָס פעלט דיר? אַן וויסן — וואָס האָסטו? וויסן באַרייכערט דעם גייסט. דערפאַר די וויכטיקייט פון דער ביל־

דונג פאַר דערוואַקסענע. מיין נישט, אַז די תורה קומט בירושה, דאָס הייסט, אויב דיין פאָטער איז אַ בן־תורה, וועסטו שוין אויך זיין במילא אַ בן־תורה, דורך ירושה פון דיין טאַטן. ניין, דו אַליין דאַרפסט זיך אָנשטרענגען און לערנען.

אָבער לערנען אַליין איז אויך נישט גענוג, מע דאַרף טאָן גוטע מעשׂים, עס דאַרף זיין אַ באַלאַנס פון ביידע, און דאַן איז מען געגליכן צו אַ בוים פאַרפלאַנצט לעבן אַ וואַסער, וואָס האַלט זיך אויף פעסטע וואָרצלען.

רבי מאיר גייט נאָך ווייטער, ער זאָגט: „יותר מלימודך, עשׂה" — טו נאָך מער ווי דו לערנסט.

בכלל האַלטן די תנאים, אַז „התלמוד מביא לידי מעשׂה", דאָס לערנען ברענגט צו מעשׂים. גוטע מעשׂים זענען זייער וויכטיק: „לא המדרש הוא עיקר אלא המעשׂה"; „אמור מעט ועשׂה הרבה" (שמאי).

צדקה

דאָס וואָרט צדקה, עטימאָלאָגיש גענומען, שטאַמט פון צדק, גערעכטיקייט.

צדקה איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַ נדבה, וואָס באַטייט גוטוויליקייט, טשאַריטי בלע"ז — נישט קיין מוז, נישט געצוווּנגען געזעצלעך, נאָר אַ פרייוויליקער אַקט.

צדקה אָבער איז אַ חוב, אַ פאַרפליכטונג צו דער געזעלשאַפט און פאַרן יחיד. דאָס מיינט, אַ פליכט צו זיין גוט פאַרן אָרעמאַן, פאַרן נויטבאַדערפטיקטן, פאַרן הונגעריקן, קראַנקן און שוואַכן. ס'איז אַ שטייער, קעגן וועלכן דער נישטגעבער איז עובר אויפן דין.

קומט רבי אליעזר בן ברתותא און זאָגט (אבות 3): „תן לו

משלו שאתה ושלך שלו", דאָס הייסט, ווען דו גיסט צדקה, גיסטו פון גאָט, פונעם זייניקן, ווייל דו און דיין פאַרמעגן געהערן צו אים. דאָס וואָס דו האָסט איז נאָר אַ פּיקדון — ווי רבי עקיבא זאָגט: „הכל נתון בערבון".

צדקה איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער קאָלעקטיווער אַחריות און איז איינע פון די זיילן אויף וועלכע די וועלט שפּאַרט זיך אָן, ספּעציעל ביי אונדז יידן. די פליכט פון צדקה געבן, אָדער די מצווה (אויב איר ווילט) פון קעגנזייטיקער הילף, גייט דורך ווי אַ רויטער שנור דורך אונדזער טראַדיציע, דורך אונדזער רע־ליגיע און מאָראַל, פּונקט ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תּורה וועגן לקט שיכחה און פּיאה פאַרן אָרעמאַן, יתום און אַלמנה, ווי מעשׂר פאַרן לוי, ווי תּרומה.

דער נביא ישעיהו זאָגט אין קאַפּיטל נ"ח: „פּרוס לרעב לחמך, ועניים מרודים תביא בית, כי תראה ערם וכיסיתיו ומבשׂרך לא תתעלם" — שנייד אָפּ פון דיין ברויט פאַרן הונגעריקן און די פאַרוואָגלטע אָרעמע זאָלסט אַריינברענגען אין דיין הויז, אַ נאַקעטן זאָלסטו אָנטאָן און פון דיין אייגענעם זאָלסטו זיך נישט פאַרהוילן. יוסי בן יוחנן זאָגט אין „פּרקי אָבות": „יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני־ביתך" — מאַך די אָרעמע זיך גוט פילן אין דיין שטוב ווי דיינע משפּחה־מיטגלידער, באַזאָרג דעם אָרעמאַן מיט אַ ברייטער האַנט, מיט כּבוד און רחבות.

פון צדקה געבן ווערט מען ניט אָרעמער, פאַרקערט — „הנותן פרוטה לעני מתברך בעשׂר ברכות".

אין אונדזערע שטעטעלעך מיט יאָרן צוריק און נאָך פריִער, איז געווען אַ מוז אָנטייל צו נעמען אין מעשׂי צדקה, ס'איז געווען אַ צוואַנגצאָלונג אויסצוהאַלטן די פאַרשיידענע חברות: ביקור חולים, לינת הצדק, גמילות־חסד־קאַסעס, הכנסת־כּלה און תּלמוד־תּורה — צו זאָרגן פאַר דער דערציִונג פונעם אויפוואַקסנדיקן דור.

די קהילה האָט געהאַט די רעכט צו באַשטימען שטייערן און איינמאָנען זיי מיט געוואַלט.

ס'איז קלאָר, דער וואָס געהער צו דער געזעלשאַפט, גענייסט פון דעם איינגעאָרדנטן, אין אַ פאַרבינדעטער גרופּע, איז ער מחויב בייצושטייערן פאַר אירע הוצאות. איז פשוט אַ פאַרברעכן אַז אַ יחיד וויל גענינסן פון אַלעמען און זיך אַרויסדרייען פון באַטייליקן זיך אין די הוצאות.

דער תנא הלל אין פּרק ב' גיט צו נאָך אַ וויכטיקע סיבה פאַר צדקה געבן: „מרבה צדקה, מרבה שלום" — אַז מען וועט אויס־האַלטן די אַלע מוסדות הצדקה, וועט זיין פרידן. אַז עס איז דאָ ברויט צו דער זעט, לעבט מען זיכער, אָן מלחמות און אָן רעוואָ־לוציעס, ווי אין פּסוק שטייט: (בחוקותי) „ואכלתם לחם לשׂבע ושבתם לבטח בארצכם". איינס ווענדט זיך אינעם צווייטן. ווי די גמרא זאָגט אין דער מסכת בבא מציעה (ט"ז): ווען עס ענדיקט זיך דער גערשטן אין קרוג, ווען ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן, הייבן זיך אָן קריגערייען אין שטוב און דער שלום־בית ווערט פאַרשטערט. די מערסטע מלחמות און רעוואָלוציעס זענען אַ פּועל יוצא פון עקאָנאָמישער אומגערעכטיקייט און פון דער נויט פון די מאַסן.

„אל תּפרוש מן הציבור", זאָגט הלל — טייל זיך נישט אָפּ פון דער געזעלשאַפט. דער מענטש איז אַ סאָציאַלע באַשעפעניש, ער עקסיסטירט נאָר אין אַ געזעלשאַפט, אין אַ קאָלעקטיוו וואָס איז אַ צוזאַמענשטעל פון יחידים, פּונקט ווי די אָברים פון מענטשן זענען טיילן פון איין קערפּער. יעדער גליד דערפילט זיינע ספּעצי־ציעלע פונקציעס, יעדער אָרגאַן טוט זיין אויפגאַבע. די פיס גייען, די הענט אַרבעטן, די אויגן זעען, דאָס מויל רעדט, דאָס האַרץ פילט, דער קאָפּ, דער מוח איז דער אַפּאַראַט פון טראַכטן, ער איז דער פירער וואָס גיט אָרויס די באַפעלן. דער קאָפּ, דער פירער,

האָט אַ ווערט נאָר ווען ער איז באַהאַפטן מיטן קערפּער, דאָס הייסט, אָן אַ גוף איז נישטאָ קיין רוחניות.

אַזוי איז אויך די מענטשלעכע געזעלשאַפט: פון איר טיילן זיך אָפּ גייסטיקע פירערס און מאַטעריעלע פאַרזאָרגערס, און אַלע צוזאַמען אַרבעטן אין אחדות פאַרן דעם וויל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — פון דער שטאַט, פון דער מלוכה; יעדער איינער טוט זיין ספּעציפישע אַרבעט, ווי הלל זאָגט (אין אבות א׳ יד): „כשאני לעצמי מה אני״ — דער יחיד אַליין האָט אַ מינדערווערטיקן באַטרעף, מעג ער זיין אפילו אַ הלל.

דער זעלבער הלל זאָגט אויך אין כתובות י״ז: „לעולם תהי דעתו של אדם מעורבת עם הבריות״, דאָס הייסט, ער זאָל נישט זיין אָפּגעשיידט פונעם כלל. „כל ישראל ערבין זה בזה״, אַלע ייִדן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן. בדרך כלל ווייסן מיר, אַז די אומות העולם האַלטן אונדז פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן. ווען איין ייִד טוט אַ שלעכטע זאַך, איז דאָס גאַנצע פאָלק שולדיק. דאַרף מען דעריבער זיין אָפּגעהיט און פאָרזיכטיק נישט צו באַגיין קיין אומאָנגענעמע זאַכן, כדי נישט מחלל צו זיין גאָטס נאָמען. פון דער אַנדערער זייט, טייטשן מיר „כל ישראל ערבין זה בזה״ אין דעם זין, אַז ייִדן זענען מיטפאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן. דאָס הייסט, ווען איינער פילט דעם צווייטנס קאָפּווייטאָג, ווען איינער ליידט פון דעם צווייטנס צרות און פּיין, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ טייל פון כלל ישראל, דאָס הייסט, ווען איין גליד ווערט אָנגעגריפן, פילט עס דער גאַנצער קערפּער. ווען עפּעס געשעט מיט אַ ייִד, ווו עס זאָל נישט זיין, פילן אַלע ייִדן דעם ייִדישן ווייטאָג. זאָגט זיך טאַקע אין דער גמרא: „כל המתאבל עם הציבור זוכה ורואה בשמחתו״ — דאָס הייסט: זיין אַ טייל פונעם כלל, אין שׂימחות און אין צער, חלילה, איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם.

שמעיה זאָגט (אָבות פרק א׳ י) : „אהוב את המלאכה ושׂנא את הרבנות״ — האָב ליב די מלאָכה און האָב פיינט דאָס רבנות, די פירערשאַפט. עס האָט זיך געשאַפן אַ פאַלשער באַגריף, אַז מלאָכה איז אַ צייכן פון דערנידערונג, אַ בעל־מלאָכה איז אַ פּסול אין דער משפּחה. עס איז אַ מאָל געווען אַזאַ פּוסטער יחוס, אַז „ביי מיר אין דער משפּחה איז נישטאָ קיין בעל־מלאָכה״. דער יחוס־באַראָמעטער לויטן תּלמודישן גייסט איז געווען דער יחוס עצמי, לומדות, ערלעכקייט און מעשׂים טובים פון דעם געגעבענעם מענטשן, דאָס זענען זיינע וואָגיקע אָפּשאַצונגען.

ווייסן מיר דאָך, אַז אַ ריי באַרימטע תּלמידי חכמים זענען געווען בעלי־מלאָכות, פּאַסטעכער, אַרבעטער. זיי האָבן געקענט זיין פון אַלע פאַלקשיכטן און האָבן געהאַט די זעלבע מעגלעכקייטן צו ווערן נשׂיאים, אָבות בית־דין, אַלץ איינס צי זיי האָבן געשטאַמט פון אַ רייכער, יחסנישער משפּחה, אָדער פון אָרעמען שטאַנד, פון פּראָסטן פאָלק און אפילו פון גרים.

ס׳זענען געווען רייכע ווי ר׳ אלעזר בן עזריה, ר׳ טרפון, ר׳ גמליאל און ר׳ יהודה הנשיא. שמעון בן שטח איז געווען דער שוואָגער פונעם מלך אלכּסנדר ינאי.

שמעיה און אבטליון האָבן געשטאַמט פון גרים, דער גרויסער רבי עקיבא איז אויך געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון גרים, אַ געוועזענער עם־הארץ, אַ פּאַסטעך.

הלל הזקן האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם שׂכר־לימוד, ער איז געווען אַ האָלץ־קלייבער ; ר׳ יהושע איז געווען אַ קוילנגרעבער, ר׳ יוחנן הסנדלר — אַ שוסטער, און ר׳ יצחק נפּחא — אַ שמיד. אַ סך פון די חכמים זענען געווען שׂכירי־יום — טאָג־אַרבעטער. דאָס אַלץ האָט זיי אָבער נישט געשטערט צו דערגרייכן זייער אַ הויכן סטאַטוס אין לומדות און פירערשאַפט, טאַקע אין **רבנות**.

זאָגט דער רײכער רבן גמליאל, דער זון פֿון רבי יהודה הנשׂיא (אָבות ב׳): „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון, וכל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה וגוררת עון" — אַ גוטע זאַך איז תורה צוזאַמען מיט אַ באַשעפֿטיקונג, װײל בײדע צוזאַמען מאַכן פֿאַרגעסן זינד, אָבער תורה אַלײן אָן מלאָכה װערט מיט דער צײט פֿאַרגעסן און פֿירט צו זינד. אין דער גמרא איז אַפֿילו פֿאַראַן אַזאַ זאָג, אַז דער, װאָס לערנט נישט זײן קינד אַ מלאָכה, איז װי ער װאָלט אים געלערנט צו זײן אַ גזלן.

דוד המלך זאָגט: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" — װײל איז צו דעם װאָס לעבט פֿון דער פּראַצע פֿון זײנע הענט, און אין מסכת נדרים מ״ט איז פֿאַראַן אַ פּסוק: „גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה" — די אַרבעט, די מלאָכה, מאַכט גרױס דעם מענטשן.

אַבֿרהם דוד גאָרדאָן האָט פּראָקלאַמירט אין זײן צײט, אַז אַרבעט איז אַ רעליגיע פֿון מענטשן. די חלוצים האָבן געזען אין דער אַרבעט דעם עיקר פֿון ציוניזם און דעם קיום פֿון אַרבעטער־קלאַס. „העבודה היא חיינו, מכל דבר תצילנו".

עס זענען געװען חבֿרות פֿון פֿאַרשײדענע בעלי־מלאָכות, די אַזױ גערופֿענע גילדעס, צעכן, װאָס האָבן אָפּגעהיט די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער. די בעלי־מלאָכות, די מיטגלידער, װאָס האָבן געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פֿלעגן צאָלן שטײערן פֿאַרן דעם.

בחירה חפשית

„הכל צפוי והרשות נתונה" — אַלץ איז פֿאָרױסגעזען, די ברירה, די דערלױבעניש איז געגעבן.

דער רבונו של עולם האָט מזכה געװען דעם מענטשן מיט אַ װוּנדערלעכער מתנה, ער האָט אים געגעבן די בחירה חפשית, דעם

פרייען ווילן, ער זאָל אַליין זיך אויסקלייבן דעם גוטן וועג אָדער דעם שלעכטן און קיינער האַלט אים נישט אָפּ. אמת, „הכל צפוי", אַלץ איז פאָרויסגעזען, גאָט זעט און ווייסט אַלע מעשים פון דעם מענטשן, ווי עס ווערט געבראַכט אין „אָבות" ב׳. רבי יהודה זאָגט: „עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים", פאַראַן אַן אויג וואָס זעט און אַן אויער וואָס הערט און אַלע דיינע מעשים ווערן פאַרשריבן אין בוך. די בוכהאַלטעריע פירט זיך. דאָס שטערט אָבער נישט אַז דער מענטש אַליין זאָל זיין דער האַר פון זיינע מעשים: ער קען זיין אַ צדיק, ווי משה רבינו, אָדער אַ רשע, ווי ירבעם בן נבט; עס ווענדט זיך אין אים אַליין און קיינער וועט אים נישט שלעפּן אהער אָדער אהין.

יאָ, גאָט גיט דעם מענטש אַן עצה — צו טאָן גוטס און אוועקגיין פון שלעכטס: „הנה נתתי לך הטוב והרע, החיים והמוות נתתי לפניך, הברכה והקללה, ובחרת בחיים". אָבער דו אַליין דאַרפסט מאַכן דעם אויסוואַל און דו אַליין ביסט פאַראַנטוואָרטלעך. פון דאַנען דער שכר ועונש, די זינד און איר שטראָף. פון דאַנען דער טריומף פון דער מאָראַלישער געזעצמעסיקייט. אַנדערש, ווי וואָלטן מיר פאַרשטאַנען, למשל, קין׳ס ברודערמאָרד? ער וואָלט געקענט זאָגן: פאַר וואָס קומט אים אַ שטראָף פאַר הרגענען הבלן? גאָט אַליין האָט אין אים איינגעטאָן אַזאַ רציחה־גלוסט. ער, קין, איז אומשולדיק, דער שולדיקער איז גאָט.

ביי די גריכן איז פאַראַן די קאָנצעפּציע וועגן דעם פאַטום, דאָס הייסט: אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דעם בלינדן ווילן, אַלץ איז אַ קאַפּריז, אַ צופאַל, קעגן וועלכן דער מענטש, און אַפילו זייערע געטער, קענען גאָרנישט נישט אויפטאָן; דער מענטש איז ביי זיי אַן אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש. יהדות קען אַזאַ זאַך נישט אָננעמען. אין פרשת בראשית, ביי בריאת העולם, זאָגט גאָט נאָכן באַשאַף פון אַלע באַשעפענישן: „וירא ה׳ כי טוב" — גאָט האָט

געזען אַז עס איז גוט. בלויז ביי אָדמען איז נישטאָ דער אויסדרוק „כּי טוב״, ווייל מען ווייסט נישט וואָס ס׳וועט פון דעם מענטש אַרויסקומען, ווי אַזוי ער וועט זיך אַנטוויקלען: די ברירה איז ביי אים אין די הענט און ער אַליין דאַרף ערשט אַרבעטן צו מאַכן פון זיך „אַ מענטש״.

רבי אלעזר הקפר אומר: „בעל כּרחך אתה נוצר ועל כּרחך אתה נולד ועל כּרחך אתה חי ועל כּרחך אתה מת״ — איבער געוואַלד ווערסטו באַשאַפן, איבער געוואַלד ווערסטו געבוירן, איבער געוואַלד לעבסטו, איבער געוואַלד שטאַרבסטו און איבער געוואַלד וועסטו אָפּגעבן דין וחשבון.

וואָס איז דער מענטש און וואָס איז דער זין פון לעבן?

ווען מיר אַנאַליזירן דעם תּנאם איינשטעל זעען מיר, אַז מיר האָבן אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט; מע שיקט אונדז אַראָפּ אויף דער ערד אויף אַ קורצער ווײַלע, און איידער וואָס און איידער ווען, איידער מיר קוקן זיך אַרום, ווערן מיר אַוועקגענומען.

פאַר דער וועלט איז נישט קיין אונטערשייד צי מיר זענען פאַראַן אָדער נישט. ווי קוהלת זאָגט: ווען מיר זענען געבוירן געוואָרן איז די וועלט געווען וועלט, און ווען מיר גייען אַוועק, וועט די וועלט בלייבן וועלט — „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת״.

אויב אַזוי, טאָ וואָס דאַרף מען איינרייסן וועלטן און ווילן פאַרזאָרגן די צוקונפטיקע דורות מיט רייכטימער? די יורשים וואָס קומען נאָך אונדז לאָזן איבער זייערע אוצרות פאַר זייערע יורשים, און אַזוי דרייט זיך די וועלט ווי אַ ראָד. מע אַרבעט דען פאַר זיך?

אַ קלוגער מענטש האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט זוכה זיין צו זען דעם אידעאַלן יורש, פאַר וועמען אַלע פריערדיקע דורות האָבן געזאַמלט די אוצרות.

לויט דער אויפפאַסונג פון יהדות, האָט זיך אפשר נישט

געלוינט געבוירן צו ווערן, ווייל די הוצאות פונעם לעבן זענען גרעסער ווי די הכנסות. פאר יעדן טראָפּעלע גליק באצאָלט מען מיט אומגליק.

די גמרא דערציילט, אַז די צוויי שולן פון הלל און שמאי האָבן דיסקוטירט איבער צוויי יאָר וועגן דעם זין און תכלית פון לעבן און זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז עס האָט זיך טאַקע נישט געלוינט געבוירן צו ווערן. דער תכלית פון לעבן איז אַ מיסטעריע. אָבער אויב מע איז שוין יאָ געבוירן געוואָרן, זענען מיר מחויב צו מאַכן שענער און בעסער דאָס לעבן.

זאָגט ווייטער רבי יעקב (פרק ד׳) אַז די וועלט איז געגליכן צו אַ פּאָדערשטוב וואָס פירט אינעם פּאַלאַץ אריין. היות ווי דאָס לעבן קוקט אוים ווי אַ ציימווייליקע שפּיל, דאַרף מען זיך דאָ, אויף דער וועלט, צוגרייטן אריינצוגיין אינעם פּאַלאַץ דורך מעשׂים טובים, כּדי איבערצולאָזן אַ שיינעם נאָמען, וואָס באַגלייט דעם מענטשן ביי זיי אַוועקגיין. און ר׳ שמעון זאָגט, אַז עס זענען פאַראַן דריי קרוינען: כּתר תּורה, כּתר כּהונה און כתר מלכות, אָבער דער כּתר שם טוב שטייט העכער פון זיי אַלע.

דאָס אויבן געזאָגטע איז בלויז אַ קליינער חלק פון די אַלע עטישע אָנווייזונגען, וואָס מיר געפינען אין דער מסכתּא „פּרקי אָבות". זיי דריקן אוים די מאָראַלישסטע פאָרמולירונגען פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט און פון מענטשלעכער גוטער אויפפירונג.

די תּנאים זענען געווען גרויסע מענטשן־קענערם און זיי האָבן געלערנט דעם מענטש ווי צו זיין גליקלעך. זיי ווייזן אויך ווי ער זאָל זיך פירן מיט זיין חבר, מיט זיין פריינד, מיט זיין לערער, מיט זיין שכן און מיט זיך אַליין, און אויך אין זיין משפּחה־לעבן — צו שאַפן שלום־בית, ווי אַזוי אויפצונעמען אור־חים, צו באַגריסן מענטשן. זיי גיבן עצות, ווי אַזוי צו צוימען

שלעכטע מידות, ווי כּעס, גייציקייט, גאווה, שׂינאה און קינאה. „פּרקי אָבות" איז אַ ספר פון גוטע מידות. מידות — הייסט מאָסן ווי צו זיין מענטשלעך; מידות — הייסט פיינקייט פון כאַראַקטער, שיינקייט פון גייסט, ריינקייט פון קערפּער, אַפילו עסטעטישקייט פון אויסזען.

און דאָס אַלץ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די תּנאים מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט, מיט אַלע זיבן חנען, מיט פּשטות און פאָלקסטימלעכקייט וואָס האָט געטראָפן צום האַרצן פון יעדן ייִד און אים באַאיינפלוסט.

שפּעטער, אין אונדזער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, האָבן מיר געהאַט אויך אַזעלכע ספרים וועגן מידות, אָדער אויב איר ווילט, רופט עס מיצוות, ווייל מיצוות זענען געגעבן געוואָרן צו פאַר־פיינערן דעם מענטשן, ער זאָל זיין צופרידן מיט זיך, צו גאָט און צו לייט, ווי עס ווערט געזאָגט „ונמצא חן ושׂכל טוב בעיני אלקים ואדם".

לאָמיר דאָ דערמאָנען: ר' יהודה החסיד פונעם צוועלפטן יאָרהונדערט מיט זיין „ספר החסידים". רבנו בחיי אבן פּקודא — אַ רעליגיעזער מאָראַל־פילאָסאָף, אויך פונעם צוועלפטן יאָרהונ־דערט, אין שפּאַניע, מיט זיין „חובת הלבבות". ר' משה חיים לוצאַטו אינעם 18טן יאָרהונדערט, אין איטאַליע, מיט זיין „מסילת הישרים".

דאָס זענען ספרים, וואָס שטיצן זיך אויף די יסודות פון דער ייִדישער עטיק און האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מיליאָנען מענטשן. צום סוף לאָמיר ברענגען דעם אַרי שבחבורה, ר' ישׂראל סאַלאַנטער (ליפּקין), דעם גרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג אין ליטע מיט אַ יאָר הונדערט צוריק. ר' ישׂראל סאַלאַנטער, אַזוי פרום, ערלעך און איידל ווי ער איז געווען, איז געווען פאַרליבט אין „פּרקי אָבות" און האָט זיך מיט זיין מוסר־שיטה געשטעלט

פאַר אַ ציל צו באַווייזן, אַז גוטע זיטן דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי די האַרבסטע דינים און אַז זיי זענען דער ערשטער תּנאַי פאַרן קיום התורה. מע דאַרף זיי לערנען און קולטיווירן, ווייל די תורה ווי דער לעבנסוועג איז אָפּהענגיק פולשטענדיק פון דעם צושטאַנד פון דעם מענטשנס מידות.

איצט, ווען מען רעדט אַזוי פיל וועגן דעם ענין „מיהו יהודי״, ווער איז אַ ייִד, איז נאָך וויכטיקער צו פרעגן, וואָלט איך געזאָגט, וואָס איז אַ ייִד?

איז דער ענטפער לויטן פרק — אַ ייִד אַ בעל־מידות.

חיים נחמן ביאַליק

אין יאָר 1873 איז אין קליינעם דאָרף ראַדי, וואָלינער גובערניע, אין צאַרישן רוסלאַנד, געבוירן געוואָרן חיים נחמן ביאַליק, אַ זון צו דעם אָרעמען קרעטשמער ר׳ יוסף. אים איז באַשערט געווען צו ווערן איינער פון די גרעסטע פּאָעטן, דער נאַציאָנאַלער דיכטער, דער אָנערקענטער שאַפער פון דער מאָדערנער העברעיִשער און יידישער פּאָעזיע. ער איז אַוועק פון דער וועלט פריצייטיק אין תּמוז 1934, אין עלטער פון 61 יאָר, אין סאַמע בלי פון זיין שאַפן, אָבער זיין גייסט איז נישט געשטאָרבן צוזאַמען מיט זיין גוף; זיינע רמ״ח־אבֿרים האָבן פאַרלאָזן די וועלט, אָבער זיין יצירה איז וואַך און לעבעדיק ביזן היינטיקן טאָג און זיין נאָמען ווערט אַרומגערעדט מיט ליבע און אַכטונג פונעם גאַנצן פאָלק.

שווער און רוישיק איז געווען זיין לעבן. ער איז געווען דאָס אַכטע קינד אין זיין משפחה, דער בן־זקונים. ביאַליק אַליין דערציילט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמעס, אַז זיין געבורט האָט נישט באַלויכטן די אָרעמע שטוב. זיין טאַטע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ביסל פריייד; להיפך, צו דער אַקושערקעס מזל־טוב־ווּנטש האָט דער טאַטע פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי איינער זאָגט: אַ קנאַפּע שׂימחה ביי מיר.

חיים נחמן האָט זיך געהאָדעוועט אין גרויס אָרעמקייט און נויט. די זכרונות פון זיינע איבערלעבונגען אין דער קינדהייט, פון

זיינע ערשטע יאָרן אין זיין עלטערנס היים, טראָגט ער מיט זיך און אין זיך זיין גאַנץ לעבן.

אָבער אויב ער האָט נישט געהאַט קיין פרייד אין דער אָרעמער שטוב, האָט ער זיך אויסגעלעבט אויסער דער שטוב. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור פון דאָרף; ער האָט זיך צוגעקוקט צום דרויסן אויף דער אַרומיקער פרייער וועלט, צום וואַלד, פעלד און טייך מיט זיינע שפּילעווודיקע וואַסערן, מיט זיין פאַנטאַזיע האָט ער געשאַפן אַן אייגענע וועלט און דאָרט איז זיין האַרץ געווען. אין דער סאַזשעלקע וואָס ליגט באַהאַלטן אין טיפן וואַלד צווישן די הויכע ביימער האָט זיך פאַר זיין נשמה אָפּגעשפּיגלט שטילער־הייט און מיט אַן אַנדער קאָליר די גאַנצע וועלט. דאָ, ווי ער זאָגט אַליין, „פלעג איך זיך מתיחד זיין מיט גאָט און מיט מיין האַרצן — פלעג איך בחוש דערפילן, ווי עס פליסט אַריין אַ נייער פרישער שטראָם אין מיין נשמה... און וואַרט און גאַרט אויף דער אַנטפּלעקונג פון דער שכינה".

אין דעם פויגלס געזאַנג האָט ער געהערט די שענסטע מוזיק. זיין געניט, פילעווודיק אויער האָט אַפילו געהערט אַ כאָר אין דעם ביינאַכטיקן גרילץ פון דער גריל אויפן בוים.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט זיך די משפחה איבערגעקליבן קיין זשיטאָמיר און דאָרט איז זיין פאָטער געשטאָר־בן, איבערלאָזנדיק דעם גאַנצן עול פון פרנסה אויף די שוואַכע אַקסלען פון דער מאַמען.

די מוטער, אַן אָרעמע אלמנה, האָט אים נישט געקענט העלפן, האָט זי אים אָוועקגעשיקט צום זיידן, ר׳ יעקב משה, אַ ייִד אַ זקן אַ קפדן, פאַרטאָן גאַנצע טעג אין לערנען און פרומקייט.

און ביים זיידן האָט דאָס ייִנגל קיין האָניק נישט געלעקט. דער זיידע האָט דעם פילבאָרן ייִנגל נישט פאַרשטאַנען און פלעגט אים פון צייט צו צייט מכבד זיין מיטן קאַנטשיק. דאָס זעלבע

האָבן געטאָן די רביים. אָבער בשתיקה האָבן אי דער זיידע, אי זיינע מלמדים באַוווּנדערט זיין פעיִקייט און התמדה.

ווי אַלע קינדער פון יענער צייט האָט ער געלערנט חומש און רש״י, און תהילים. ער איז אָבער געווען געבענטשט מיט אַ גוטן זכרון און אַ שאַרפן מוח, אַ בור סיד און אַ מעין המתגבר צוזאַמען.

צו צוועלף יאָר איז ער שוין געווען היימיש, חוץ מיט מוסר, הלכה און אַגדה, אויך מיט מורה נבוכים, כוזרי און זוהר.

דערצו האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען. ער האָט געהאַט אַ מין תאווה צו לייענען אַלץ וואָס ס׳איז געקומען אונטער דער האַנט — מעשׂיות, לעגענדעס. ער האָט אויך גענומען לערנען שפּראַכן: רוסיש, דייטש און אַלגעמיינע מאָדערנע וויסנשאַפטן.

צו זעכצן יאָר איז ער אַוועק לערנען אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה — דעם וויכטיקן צענטער פון ייִדיש וויסן, פון תורה. הגם ער האָט דאָרט קיין סך יאָרן נישט פאַרבראַכט, האָט אָבער די וואָלאָזשין־תקופה געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה. צווישן די ישיבה־בחורים זענען דאָרט געווען פעיִקע קעפּ, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען גרויסע פּאָזיציעס אין ייִדישן לעבן.

און דאָן, באַהאַלטענערהייט, בשתיקה, פאַרשטעלט פון דער שטרענגער השגחה פון משגיח און ראש ישיבה, האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אַהין די נייע אידעען פון דער תקופה, פון דער השׂכּלה און חיבת ציון־באַוועגונג, וואָס האָבן באַצויבערט דאָס יונגוואַרג. ביאַליק איז אויך מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם און פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם השׂכּלה־געדאַנק. ווען אַ גרופּע בחורים גרינדן אַ קרייז אין אחד העמס גייסט „בני משה״, שרייבט ביאַליק אָן אַן אויפרוף „צום געדאַנק פון ייִשוב אין ארץ־ישׂראל״, וואָס ווערט געדרוקט אָן זיין וויסן, אין „המליץ״ אין יאָר 1891.

אין דער זעלבער צייט דעביוטירט ער אויך מיט זיין ערשטן

העברעיִשן ליד, „אל הציפור", אין „פּרדס". דאָס ליד האָט געקראָגן די סמיכה פון אחד העם און ראַווניצקי, דעם רעדאַקטאָר פון „פּרדס". דאָס ערשטע ליד האָט באַלד אָנגעשלאָגן דעם טאָן פאַר זיין שפּעטערדיקן רייפן שאַפן — אַ טאָן פון בענקשאַפט און ליבע נאָך ארץ־ישׂראל.

פון דאַן אָן זענען אויך זיינע מערסטע שפּעטערדיקע לידער דורכגענומען געוואָרן מיט נאַציאָנאַלע געפילן.

צו צוואַנציק יאָר האָט ער חתונה. ער איז גליקלעך מיט זיין „עזר כּנגדו", מיט זיין מאַניען. דאַרף מען דאָך מאַכן אַ לעבן און זוכן פרנסה, פּרובירט ער זיין מזל אין פאַרשיידענע מלאָכות. אָבער, ווי עס זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, אַ סך מלאָכות נאָר ווייניק ברכות, ווייל קיין גרויסער בעל־מזל אין ביזנעס איז ער נישט געווען. באַשעפטיקט ער זיך צו ערשט מיט וואַלד־מיסחר, שפּעטער זעען מיר אים אין אַ שוואַרצן חושכדיקן קעלער פאַרקויפן קוילן אין אַ ווינטערטאָג, ווו ער פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. ווערט ער דאַן אַ לערער פון העברעיִש אין אַ חדר מתוקן אאַז"וו. ער מאַכט דורך פאַרשיידענע גילגולים. ער וואַנדערט אַרום פון איין שטאָט אין דער צווייטער; ער וווינט פריִער אין זשיטאָמיר, דער־נאָך אין אָדעס, ווו מע האָט געדאַרפט האָבן וווינרעכט, און דאָס איז שווער געווען צו קריגן. ער פאָרט קיין מאָסקווע, ווו ער באַקענט זיך מיט מאַקסים גאָרקי און גאָרקי העלפט אים אַרויס־צופאָרן פון רוסלאַנד. ער פאָרט קיין בערלין און האַמבורג. דאָרט שאַפט ער דעם פאַרלאַג „דביר", געווידמעט חכמת ישׂראל, וואָס האָט שפּעטער אַרומגענומען אויסגאַבעס פון דער יִדישער ליטע־ראַטור פון מיטל־עלטער ביז דער נייסטער צייט. ער פירט איבער דעם פאַרלאַג קיין ארץ־ישׂראל, ווו ער באַזעצט זיך להשתקע אין תּל־אביב אין 1924.

ער האָט געוווינט אין אָדעס, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער

צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווו ס'האָבן געלעבט די גרעסטע שרייבער פון יענער צייט, ווי אחד העם, מענדעלע מוכר ספרים, פרוג, און אַנדערע. זיי האָבן אין אים דערקענט זיינע פענאָמענאַלע פעיִקייטן, זיינע זעלטענע, געבענטשטע אייגנשאַפטן. פון זיי טאַקע האָט ער געצויגן זיין יניקה אין דער ליטעראַרישער אַרבעט.

די יאָרן פונעם אָדעסער פעריאָד צייכענען זיך אוים מיט זייער פרוכפּערדיקער אַרבעט. דאָס איז געווען די רייפסטע עפּאָכע אין זיין פּאָעזיע, אין זיינע דערציילונגען און עסייען און אויך אין זיין אַרבעט איבער דער מיטלעלטערלעכער פּאָעזיע.

פון מענדעלען האָט ער איבערגענומען די קורצקייט און שאַרפקייט פון זאַץ אין אָפּגעהאַקטן פסוק. אחד העם איז געווען פאַר אים דער מאָראַלישער כוח, וואָס האָט פאַרטיפט זיין געפיל פאַר נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין דעם ליד וואָס ער האָט געשריבן צו אחד העמען צו זיין פופציקיעריקן יובילייִ, רופט אים ביאַליק אָן: דער לערער, דער שטערן, דער וועגווייזער און דער מלאך פון אמת. ער זאָגט:

> ווען מיר, די פאַרצווייפלטע, האָבן געבלאָנדזשעט אָן גלויבן,
> געשטאַנען פאַרווירט אויפן שיידוועג ווו גייט מען? —
> געפרעגט זיך —
> האָט אויפגעלויכטט, לערער, דיין שטערן, געווונקען פון אויבן;
> פון נעפּל אַרויס אונדז גערופן, געצויגן, פאַרנומען —
> און מיר זענען אונטער דיין שטערן צוזאַמענגעקומען.

ביאַליק איז אויפגעקומען אין אַן איבערגאַנג־צייט, אין אַ שטורעם־און־דראַנג־עפּאָכע. די שרייבערס זענען געשטאַנען על פרשת דרכים און נישט געוווסט ווו זיך צו קערן. לאָמיר נעמען

ווי אַ בײַשפּיל דעם יונגן שרײַבער מרדכי זאב פײַערבערג, וואָס איז אַרויס מיט זײַן דערציילונג „לאָן", ווו ער שילדערט דעם קאַמף, דעם „ויתרוצצו", וואָס קומט פאָר בײַ אים צווישן דער טראַדי־ציאָנעלער אמונה און די פרײַע אָנשויונגען, צווישן המשך און איבעררײַס, — אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי קולטורן, פון ייִדישקייט און מערב־אייראָפּעיִשער קולטור, וואָס האָט געלאָקט און גערייצט. די יונגע מענטשן זענען געווען צעטומלט און צערודערט, פול מיט ספקות און קאָנפליקטן, און געזוכט ענטפערס אויף זייער גייסטיקער דילעמע.

ס'האָט ביאַליקן צוגעשפּילט, וואָס ער איז אויפגעקומען אין אַ צײַט, ווען די העברעיִשע און די ייִדישע ליטעראַטור האָבן זיך שטאַרק צעבליט; אויך די השׂכּלה און די חיבת־ציון־באַוועגונג זענען זיך צעוואַקסן, און ער האָט געשעפּט פון אַלע קוואַלן, גע־שאַפן אַ סינטעז פון אַלטע און נײַע מקורות. אָבער מער פון אַלץ האָט ער געשעפּט פונעם ייִדישן לעבן גופא, פון די ייִדישע אוצרות, וואָס דאָס פאָלק טראָגט אין זיך זינט טויזנטער יאָרן, פון תּנך, פון תּלמוד מיט דער הלכה און אגדה.

אין יענע יאָרן, אינעם לעצטן יאָרצענדליק פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונגען קעגן ייִדן אין דײַטשלאַנד, אין פראַנקרײַך (דער דרייפוס־פּראָצעס אין 1894) און ספּעציעל אין רוסלאַנד. מע האָט גערודפט ייִדן אויף שריט און טריט און געמאַכט פּאָגראָמען. אין 1903, פּסח־צײַט (דעם 19טן אַפּריל) איז אויסגעבראָכן דער טרויעריק־באַרימטער קישענעווער פּאָגראָם, וואָס האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון מענער, פרויען, זקנים און קינדער. די קאַטאַסטראָפע האָט טיף אויפגעטרייסלט דאָס רוסישע ייִדנטום. אַ געמישט געפיל פון צאָרן און שאַנד האָט באַהערשט די ייִדישע געזעלשאַפט; צאָרן קעגן די אָנפאַלער און שאַנד פאַר די ברידער, וואָס האָבן זיך געלאָזט שעכטן אָן אַ

ווידערשטאַנד. ביאַליק איז געווען טיף דערשיטערט, און ער האָט דאַן געשאַפן די אויפטרייסלדיקע פּאָעמע אין העברעיִש „בעיר ההרגה" („משׂא נמירוב"), און אין ייִדיש — „אין שחיטה שטאָט". ביאַליק האָט אין דער פּאָעמע אויסגעדריקט דאָס געפיל פון פאָלקס־צאָרן מיט אַן אומגעווײנלעכער קראַפט. די אַ פּאָעמע האָט אים דערהויבן צו דער העכסטער שלימותדיקייט. ער טרעט דאָרט אַרויס נישט נאָר קעגן די אָנפאַלערס, נאָר ער שליידערט שאַרפע רייד אין פּנים פון די קרבנות, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן ווי מייז, אַנשטאָט אַרויסצוגיין קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס און זיך באַשיצן. ער רופט צו אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די כוליגאַנעס, צו זעלבשוץ און פאַרטיידיקונג, צו שיצן דעם כבוד פון ישׂראל סבא.

פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום.
גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דײַנע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דײַנע אייגענע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ פאַרטריקנט בלוט מיט די געהירן
פון דײַנע ברידערס קעפּ און העלדזער.
די שאַנד איז זייער גרויס
און זייער גרויס דער ווייטאָג.
און וואָס איז גרעסער?
זאָג שוין דו, בן־אדם!
ניין, שווייג בעסער און זיי אַ שטומער עדות
אַז דו האָסט מיך אין אָרעמקייט געפונען
און צוגעזען מיין עלנט און מיין טרויער...

ער שטראָפט זײַן פאָלק װי די נביאים אין זײער צײַט, מיט האַרבע תוכחה־רײד, אָבער אין דער זעלבער צײַט פילט זיך, אַז ער רעדט דאָס פון גרױס װײטאָג, פון ליבשאַפט, פון זאָרג, פון טיפער אהבת־ישׂראל.

אַ סך פון זײַנע לײענערס, אױך ליטעראַטור־קריטיקערס, שמואל ניגער צװישן זײ, האָבן אים קריטיקירט פאַר אַזעלכע שװערע רײד; זײ האָבן אים באַשולדיקט אַז דאַן װען דאָס גאַנצע פאָלק איז געזעסן שיבעה נאָך די אומשולדיק דערמאָרדעטע ייִדן, האָט ער געדאַרפט צוטראָגן אַ װאָרט פון טרײסט, װאָס זאָל לינדער מאַכן דעם פּײַן און דעם װײ פון די אומגליקלעכע לעבן־פאַרבלי־בענע מענטשן אין זײער אבלות. װי שמואל פרוג האָט דאָס געטאָן:

> ברידער, שװעסטער, האָט רחמנות,
> גרױס און שרעקלעך איז די נױט,
> — גיט די טױטע אױף תּכריכים
> גיט די לעבעדיקע ברױט!..

דאָס פאָלק האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ביאַליק איז נישט אױסן געװען צו דערנידעריקן די ייִדן און זײ װײ טאָן, נאָר צו װאָרענען, זײ זאָלן זיך צוגרײטן צו אַלע מעגלעכע, קומענדיקע אומרװען, װאָס זענען דעמאָלט געהאָנגען אין דער לופט.

אונטערן אײַנדרוק פון דער „שחיטה־שטאָט" זענען טאַקע אַנט־שטאַנען גרופּעס, װאָס האָבן גענומען געװער אין האַנט זיך אַנט־קעגנצושטעלן די אױסבראָכן און אין אַ סך פאַלן האָבן זײ אָפּגע־שלאָגן פּרוּװן פון פּאָגראָמען.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז יצחק קאַצענעלסאָן אין די יאָרן פון אונדזער אײגענעם חורבן אין װאַרשעװער געטאָ, װען דער חלף איז שױן געלעגן אױפן האַלדז, האָט ער צו דער זעקסטער יאָרצײַט

פון ביאַליקן איבערגעזעצט „על השחיטה" און געשריבן, אַז דווקא היינט, אין דעם פינצטערסטן יאָר פון אונדזער עטלעכע־טויזנט־יעריקן לעבן, אין ת"ש (1940), דאָס גרויזאַמסטע און מוראדיקסטע אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, דאַרפן מיר פייערן די יאָרצייט פון ביאַליקן, און דאָס זאָל, אין אונדזער גרויסער דערשלאָגנקייט און אומבאַהאָלפנקייט, זיין אַ טרייסט.

אין ביאַליקס פּאָעמע „דאָס לעצטע וואָרט", וואָס איז אויך געשריבן געוואָרן אָריגינעל אין ייִדיש, קומט שוין ביאַליק מיט נייע טענער — פון טרייסט און נחמה. זי איז געשריבן געוואָרן אין אַ נביאישן טאָן. ווי דער נביא ישעיהו, שטראָפט צו ערשט דאָס פאָלק און קומט באַלד ווי אַ טרייסטער, בייט זיך איבער פון „חזון ישעיהו" צו „נחמו נחמו עמי".

אַזוי קומט איצט אויך ביאַליק מיט האָפענונג און גלויבן; ער ווענדט זיינע אויגן צום מיזרח, ווו ער זעט שטראַלן פון גאולה און האָפענונג פאַר אַ באַפרייט פאָלק.

זאָגט ער אין זיין ליד „דאָס לעצטע וואָרט" מיטן אונטערטיטל „נביאיש":

איך גיי, איך קום, כ'וועל היילן וווּנדן,
מיט אייך אין איינעם וועל איך בלוטן,
און ווו מען דאַרף וועל איך פאַרבינדן,
און ווו מען מוז וועל איך אָפּלעקן דאָס בלוט
וואָס טריפט פון אייער וווּנד,
כ'וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
און וועל נישט לאָזן גיין צו גרונט!
איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה...
איך וועל אייך שענקען מיין נשמה...

צוליב דער פּאָעמע איז ער אָנגערופן געוואָרן דער נייער נביא. די לייענערס האָבן געזען, אַז אין זיין פּאָעזיע שוועבט אַרום דער נביאים־גייסט, די גרויסע מאָראַלישע פֿאָדערונג, דער תּנכי־שער שטורעם, דער ציטער פֿאַרן גורל פֿונעם פֿאָלק.

שמעון דובנאָוו זאָגט אין זיין „וועלט־געשיכטע פֿון דעם יִדישן פֿאָלק": „ס'איז זיכער, אַז פֿון די נביאים אָן האָט דער צער און צאָרן פֿון פֿאָלק ביי קיינעם נישט אַזאַ שטאַרקן און קרעפֿטיקן אויסדרוק פֿאַר זיך געפֿונען, ווי ער האָט געפֿונען פֿאַר זיך אין דער דיכטונג פֿון ביאַליק".

ער דערהייבט זיך ביז דער העכסטער מדרגה פֿון זיין שאַפֿונג, ווען ער באַזינגט דעם הערויִזם פֿון אַלטן יִדנטום און ווען ער דריקט אויס מיט אַזאַ כּוח דאָס געפֿיל פֿון פֿאָלקסצאָרן און מאַר־טירערטום, פֿון מסירת־נפֿשהדיקער גרייטקייט צו פֿאַרטיידיקן דעם קיום פֿון פֿאָלק.

ס'בעט זיך ממש צו דערמאָנען זיין פּאָעמע „המתמיד". אַליין אַ געוועזענער וואָלאָזשינער ישיבֿה־בחור, האָט ביאַליק גוט געקענט דאָס לעבן פֿון די יונגע בחורים. מיט רחמנות באַוויינט ער דעם גורל פֿון דעם ישיבֿה־בחור, וואָס פֿאַרלירט זיין יוגנט צווישן די פֿינצטערע דלת אמות פֿון דער ישיבֿה. אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט, פֿון פֿרימאָרגן, פֿון זונאויפֿגאַנג ביז נאַכט, שטייט ער צוגעשמידט צום שטענדער ביי דער אָפֿענער גמרא, ביי אַ חלבֿ־ליכטל, און מיט דעם היימיש־טרויעריקן ניגון חזרט ער איין בהתמדה „תּנו רבנן", „אמר אביי, אמר רבא".

ביאַליק רופֿט אָן די ישיבֿה־בחורים:

נשמות פֿאַרשניטענע, שטילע, פֿאַרקלעמטע,
פֿאַרעלטערט אָן צייט, פֿונעם לעבן פֿאַרשעמטע.

אָבער פון דער אַנדערער זייט באַוווּנדערט ער דעם כּוח פון דעם זעלבן ישיבה-בחור און זאָגט:

ס'איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזן
אַ יינגל אַ ייִדישס וואָס לערנט די תּורה מיט לוסט און דורך נויט.

און ער ווייזט אויף דעם גרויסן ווערט פון דער ישיבה, וואָס היט אויף די ייִדישע אומה. דער קרבן וואָס דער יונגער בחור ברענגט איז נישט אומזיסט:

דאָ ווערט געבוירן דורך פייער און שטראַל
די נשמה פון פאָלק און דאָס אייביקע לעבן,
דאָ פליסט פון וואַרעמען פאָלקסבלוט דער קוואַל.

דעם זעלבן געדאַנק חזרט ער איבער אין אַ צווייטן ליד, „אם יש את נפשך לדעת" — אויב דו ווילסט וויסן. ביאַליק רופט אָן דעם בית מדרש „בית היוצר לנשמת האומה" — דאָס הויז וווּ עס ווערט אויסגעשמידט די פאָלקס-נשמה.

ביאַליק איז מיט זיין שאַפונג נישט געווען קיין נחבא אל הכלים, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, ווי אַ מאָל אַ דיכטער, וואָס זינגט בלויז פאַר זיך אַליין. כ'דערמאָן זיך דעם פּוילישן פּאָעט יאַן קאַכאַנאָווסקי, וועלכער האָט געשריבן אין זיינם אַ ליד: Sobie spiewam a muzom. ביאַליק שטייט אין דער מיט פון זיין פאָלק מיט זיינע ווייטיקן. ער איז פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט די ייִדן. ער שפּירט יעדן ניואַנס פון זייער לעבן, איז דורכגע־דרונגען מיט זייערע טראַגישע איבערלעבונגען און מיט זייער ווייגעשריי.

ער האָט געזען די סיבה פון די ייִדן־רדיפות אין דער היימ־לאָזיקייט פונעם ייִדישן פאָלק, דאָס זיין כסדר אָנגעוויזן צו לעבן אין פרעמדע לענדער, אויסגעשטעלט אויף „חסד לאומים" — אויפן פרעמדן גנאָד, צו זיין אומעטום אַ מינדערהייט און נישט קענען דעצידירן וועגן אייגענעם גורל. ער האָט געלייענט ד"ר לעאָן פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", אין וועלכער פינסקער רופט די ייִדן זיך אָליין צו העלפן — צו לייזן די ייִדן־פראַגע דורכן שאַפן אַן אייגענע היים אין אַן אייגן לאַנד. ביאַליק באַקענט זיך מיט ד"ר בנימין זאב הרצל, דעם אַרכיטעקט פון „ייִדנשטאַט" און ער ווערט אַ הייסער אָנהענגער פון זיין פּאָליטישן ציוניזם.

ביאַליק לעבט אין זיין צייטגייסט און זינגט וועגן גאולה און וועגן דער צוקונפט פון ייִדישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל. ער רופט דאָס פאָלק צו מעשׂים, צו נעמען דעם אייגענעם גורל אין די אייגענע הענט. אין זיין ליד „וואַנדערער פון מידבר" פאַרגלייכט ער די ייִדן מיטן דור המידבר, וואָס וואָגלט אַרום אין די וויסטענישן און שלעפּט זיך פערציק יאָר דורך די הייסע זאַמדן. ער רופט אויס:

וואַנדערער! צייט שוין דעם מידבר צו פאַרלאָזן
און צום קאַמף דעם גרויסן אין דעם וועג זיך לאָזן.

און מיט אַ טאָן פון גלויבן רופט ער אויס:

די זון וועט פריידיק מיט אַ גלאַנץ אַ נייעם
לייכטן אויף אַ דור אַ העלדישן אַ פרייעם.
ניין, נישט מן פון הימל, ברויט פון לופט געקומען,
מיטן שווייס פון פּנים וועט דיין ברויט דיר קומען.
נישט קיין לופט־פּאַלאַצן, נישט קיין שפּינגעוועבן —
וועסט אַ היים אַ פעסטע בויען זיך אין לעבן.

דעם זעלבן געדאַנק דריקט ער אויס נאָך אַ מאָל אין דער פּאָעמע „מתי מידבר", ווו ער שילדערט אין פּלאַסטישע בילדער די פּערציקיעריקע וואַנדערונגען פון די ייִדן אין מידבר, נאָכן אַרויס־גיין פון מצרים, ווען דער דור המידבר שטאַרבט אויס, און דער נייער דור, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אין פרייהייט, גייט צום צוגעזאָגטן לאַנד. ער רופט אים אָן „דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה".

ביאַליק איז אַ שטימונג־מענטש. ער בענקט נאָך גאולה; זיין האַרץ גייט אויס אין צאַרטער בענקשאַפט, ווי ר' יהודה הלוי אין זיין ציון־ליד. מיט אַ מאָל פאַלט ער אַריין אין אַ ייִאוש־שטימונג, זיין געמיט לאָזט זיך אויס פון האָפענונג און ער זינגט אין דעפּרעסיע, אין זיין ליד „שמיים בקשו רחמים עלי": הימלען, שטעלט זיך איין פאַר מיר... מיין האַרץ איז שוין טויט, פאַרשטומט איז מיין תּפילה... און שוואַך איז די האַנט, ס'איז קיין האָפענונג פאַראַן — ביז וואַנען, ווי לאַנג נאָך, ביז וואַנען?

און מיט אַ מאָל קומט ער אין זיין ליד „זונאויפגאַנג" און זאָגט:

טו תּפילה — עס גייט נישט קיין תּפילה פאַרלאָרן,
עס איז נאָך קיין האָפענונג צערונען געוואָרן,
דיין ברודער פון חושך וועט נעמען זיך וועקן,
צו שיין און צו זונליכט זיך שטרעקן.

ס'איז שווער, פּשוט אוממעגלעך אין אַ קורצער עסיי צו ברענגען און אַנאַליזירן אַלע זיינע לידער, די פּאָעמעס און די פּראָזע־שאַפונגען. ער איז אַלזייטיק און קאַלירפול אין אַלע זשאַ־נערס פון יצירה. ער באַנוגנט זיך נישט מיט שאַפן זיינע אייגענע ווערק; ער האָט געוואָלט אויך אַריינברענגען אין דער ייִדישער

און העברעיִשער ליטעראַטור דעם גײַסט פֿון די גרויסע אײראָפּעיִשע שאַפֿונגען און באַקענען דעם ייִדישן לײענער מיט דער מערבֿדיקער ליטעראַטור; ער זעצט איבער אַ סך ווערק, ווי שעקספּירס „יוליוס צעזאַר", שילערס „ווילהעלם טעל"; סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט"-איבערזעצונג פּירט אים אַריין ווי אַ מיטגליד אין דער אַקאַדעמיאַ נאַסיאָנאַל עספּאַניאָלאַ. ער זעצט אויך איבער פֿון רוסיש אויף העברעיִש די לידער פֿון פֿרוגן און בן-עמי. אַ סך צייט האָט ער פֿאַרבראַכט ביים קאָמפּלעטירן די שירת ספֿרד — די דיכטונג פֿון שלמה איבן-גבירול, יהודה הלוי, ר' משה אבן-עזרא און שמואל הנגיד.

אַ באַזונדער אָרט אין זיינע שאַפֿונגען פֿאַרנעמען זיינע פֿאָלקסטימלעכע לידער און ליבע-לידער „משירי עם", אין ייִדיש און העברעיִש. זיי האָבן אַלע חנען. מיט זייער פּשטות און נאַיִווי-טעט, מיט זייער צאַרטקייט און ליריזם זענען זיי גלייכצייטיק קינסטלערישע פּאָעזיע. „אונטער די גרינינקע ביימעלעך", „מיין גאָרטן", „נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט", אין עבֿרית: „בין נהר פּרת ונהר חידקל" — די קלאַנגען פֿון די אַלע לידער האָבן זיך געטראָגן פֿון די ייִדישע הייזער אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מיזרח-אייראָפּע.

ווי מיר זעען פֿון זיינע ווערק, איז ביאַליק אַ צווייִשפּראַכיקער שרייבער. מיט דעם איז ער נישט געווען קיין אויסנאַם, ווייל די מערהייט שרייבער אין זיין צייט זענען געווען צווייִשפּראַכיקע — אויף ייִדיש און אויף העברעיִש. אַפֿילו אונדזערע דריי גרויסע קלאַ-סיקער האָבן געשריבן אין ביידע שפּראַכן. אַפֿילו די משׂכּילים און ציוניסטן, וואָס זענען געווען קעגן ייִדיש. ס'איז געווען די צייט פֿון „ריב הלשונות", אָבער זיי האָבן באַנוצט ייִדיש ווי אַ מיטל צוצוקומען צום פֿאָלק, די מאַסן האָבן גערעדט ייִדיש.

ביי ביאַליקן איז אָבער נישט געווען קיין שפּראַכן-קריג: דער

העברעיִשער ביאַליק און דער יִידישער זענען געווען איינס. ער האָט געוועלטיקט אין מלכות העברעיִש ווי אין מלכות יִידיש אוןביידע זענען ביי אים געווען פריש, לעבעדיק און זאַפטיק, פאַרוואָרצלט אין דער שפּראַכלעכער טראַדיציע פון פאָלק. וועגן זיין העברעיִש זאָגן די שפּראַכן־קענער, אַז ער איז איינער פון די דריי גרעסטע העברעיִשע וואָרטקינסטלער: חיים נחמן ביאַליק, זלמן שניאור, שאול טשערניכאָווסקי — און ביאַליק איז אפשר דער גרעסטער.

יִידיש רעדט ער ווי זיין מאַמע־לשון און האָט הנאה. באַקאַנט איז זיין ווערטל: העברעיִש דאַרף מען רעדן און יִידיש רעדט זיך. ער רעדט אַ פאָלקסטימלעכן יִידיש, באַווירצט מיט גלייכווערטלעך און מיט זאַפטיקע אידיאָמען און מאמרי חז״ל.

שמואל ניגער זאָגט, אַז ביאַליק באַזינגט נישט די שפּראַך, ווי אַ סך אַנדערע שרייבער האָבן געטאָן, זי, די שפּראַך, זינגט אַליין ביי אים. ער דערציילט נישט, אַזוי זי איז שיין; זי איז ביי אים נישט קיין טעמע פאַר אַ שיר, זי איז די טעמע פאַר אַלע זיינע שירים.

אורי צבי גרינבערג, אויך אַ שרייבער פון ביידע לשונות, זאָגט: יִידיש איז מיין מאַמע־לשון און העברעיִש „דאָס לשון פון מיין בלוט״.

פאַר ביאַליקן זיינען ביידע לשונות דאָס לשון פון זיין בלוט. חוץ דער שיינקייט פון דער שפּראַך, אין וואָס ער איז אַן אמתער קינסטלער, זוכט ער אויסצודריקן אין איר די שיינקייט פון אינהאַלט. ביי אים איז דאָס נישט קונסט לשם קונסט; ער האַלט, אַז ליטע־ראַטור האָט אַ דערהויבענעם צוועק, לויט דער באַדערפעניש פון דער צייט. ער רופט עס אַן „תורה שבלב״. ביידע צוזאַמען, זאָגט ער, פאָרעם און אינהאַלט, שאַפן דעם צוועק פון זיין שאַפן. וואָס איז שפּראַך אָן אַן אינהאַלט? פרעגט ער „אין לה פרי כי אם

פּרחים״ — זי האָט נישט קיין פּרוכט נאָר בלומען וואָס צעשיטן זיך פון מינדסטן ווינטבלאָז.

ביאַליק איז אונדז מיינסטנס באַקאַנט פון זיין דיכטערישער שאַפונג. אָבער ער איז געווען טיף אַריינגעטאָן אין יהדות, אין אַלע אירע אוצרות. ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיי אַלע און געעפנט פאַר אונדז אַלע שליסלען צו זיי. באַזונדערס איז ער געווען אַריינגעטאָן אין דער אַגדה. ער האָט געשעפּט און געזויגן פון איר ברוסט אין שלעכטע ווי אין גוטע צייטן. אין איר האָט ער געפונען טרייסט. ער זאָגט אין שיר „די יידישע לעגענדע״:

בכם דפי תלמוד, בכם עלים בלים
אגדות נחמדות וקדומות
בימי חיי הבלי כי אהגה נכאים
בכם נפשי תמצא תנחומות.*

אין דער לעצטער צייט, אין תּל־אביב, ווען דער קוואַל פון שירים האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך מער פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַרויסצוגעבן זיין זעקסבענדיקן „ספר האגדה״, צוזאַמען מיט זיין לעבנספריינד י. ח. ראַווניצקי. דאָס איז אַ ריזיקע אַרבעט. ער האָט צוזאַמענגעקליבן טויזנטער אַגדות וואָס זענען צעוואָרפן אין דער אַלטערטימלעכער ליטעראַטור, אין צאָלרייכע ימען פון תּלמוד, מדרש און רבנישע שריפטן. ער האָט זיי באַאַרבעט און אויסגעשטעלט לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר, דערקלערנדיק אַלע שווערע

* פאַליאַנטן פון תּלמוד, איר בלעטער, איר אַלטע
לעגענדעס פון שיין און נחמה —
אין נישטיקן לעבן, ווען טרויעריק ווערט מיר,
אין אייך געפינט טרייסט מיין נשמה.

יידיש: י. י. שוואַרץ

ענינים וואָס זענען נישט לייכט צו באַנעמען צוליב דעם פּאַרציי־טיקן צימצום; ער האָט באַנייט דעם קינסטלערישן קיצור אינעם סטיל, און געשאַפן איבערזעצונגען און פּרושים אין אַן איינפאַכן קלאָרן און פּרעציזן נוסח.

ביאַליק האָט באַאיינפלוסט און באַפרוכפּערט גרויסע טאַלאַנטן מיט זיין „ספר האַגדה", אויפוועקנדיק זייער פאַנטאַזיע און ליב־שאַפט צו דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער ליטעראַטור און אירע אַלטערטימלעכקייטן. יודעי ספר זאָגן, אַז ווען ביאַליק וואָלט נישט געווען געשאַפן זיינע פּראַכטפולע פּאָעמעס, וואָלט דער „ספר האַגדה" גענוג געווען אים צו שטעלן בראש פון דער גאַנצער פּמליא שרייבער פון זיין צייט.

חוץ דעם שריפטלעכן ביאַליק איז אויך וויכטיק צו רעדן וועגן ביאַליק בעל־פּה. די שׂיחות חולין זיינע זענען טייל מאָל געווען אַזוי וויכטיק ווי די כּתבים. לעבנדיק אין תּל־אָביב האָט ער איינגע־פירט די טראַדיציע פון „עונג־שבת". יעדן שבת פאַר נאַכט פלעגט ער קומען אין בית־המשפּט צו אַ מין חסידישן פאַרברענגען. ער פלעגט רעדן מעניני דיומא, וועגן אַקטועלע ענינים ביי אַ געפּאַקטן זאַל מיט מענטשן פון אַלע שטחים פון ייִדישן לעבן, משמנה ומסלתה. צווישן זיי שרייבערס, לערערס, סטודענטן און סתם קולטורמענטשן און עסקנים. יונג און אַלט — אַלע פלעגן זיך מחיה זיין און הנאה האָבן, דערהויבן ווערן פון זיינע פּערלדיקע געדאַנ־קען. „פּה מפיק מרגליות", פלעגט מען זאָגן. זיין שאַרפער, בליצי־קער מוח האָט געפינקלט מיט שאַרפזין און איינפאַל. די אַנוועזנ־דיקע זענען דורך זיין רעדן און דערציילן אַריינגעפירט געוואָרן אין העכערע וועלטן און פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע די וואָכעדיקע זאָרגן. צו שקיעה־צייט פלעגט דער גאַנצער עולם אַרויסבאַגלייטן די שבת המלכּה מיט געזאַנג פון העברעיִשע און ייִדישע לידער, ווי ביי אונדז היינט נאָך הבדלה.

ווען מיר קוקן זיך צו צו ביאַליקס ווערק און נעמען צוזאַמען דעם גאַנצן אוצר פֿון זײַנע שריפֿטן, אין װעלכע ער האָט אויסגעדריקט זײַנע אייגענע שטימונגען און וואָס האָבן גלײַכצײַטיק געהאָלפֿן צו געשטאַלטן דעם גײַסט פֿון זײַן דור, קענען מיר זײ קלאַסיפֿיצירן אין פֿאָלגנדיקע טײלן:

1 די פּערזענלעכע־אויטאָביאָגראַפֿישע שריפֿטן (אַלמנהשאַפֿט, צעשײדונג, מאַמע ז״ל);
2 די נאַציאָנאַלע, צער־און־צאָרן־שריפֿטן („אל הציפור״, „הימלען״, „דאָס לעצטע וואָרט״, „די שחיטה־שטאָט״);
3 די ישיבה־לידער („על סף בית המדרש״, „אם יש את נפשך לדעת״, „המתמיד״);
4 נאַטור־באַשרײַבונגען („זונאויפֿגאַנג״, „ווינטערלידער״, „די סאַזשעלקע״);
5 פֿאָלקסטימלעכע שריפֿטן (פֿאָלקסלידער און קינדער־לידער);
6 די פֿאַרלעגערישע אַרבעט;
7 די איבערזעצונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור;
8 דער „ספר־האגדה״;
9 ביאַליק בעל־פּה.

אַ ריזיקע ליטעראַטור וועגן ביאַליקן איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן און יעדעס מאָל ווערן אַרויסגעבראַכט נײַע חידושים פֿון זײַנע ווערק. ביאַליק איז נישט אויסשעפּלעך. ביאַליק איז געווען באַליבט אין זײַן צײַט און וואָס מער ער דערווײַטערט זיך אין צײַטאָפּשניט פֿון זײַן דור, אַלץ מער אַנטפּלעקט ער זיך מיט זײַן טאַלאַנט. נישטאָ נאָך אַזאַ שרײַבער, וואָס האָט אַזוי באַאײַנפֿלוסט זײַן דור, אים ממש באַהערשט מיט דער קראַפֿט פֿון זײַן יצירה און מיט דעם צויבער פֿון זײַן פּערזענלעכקײט. זײַן פּאָעזיע איז געוואָרן אײנע פֿון די הויפּטפֿאַקטאָרן פֿאַרן אויפֿבוי פֿון לאַנד און פֿאַרן אויפֿלעב פֿון דער העברעיִשער קולטור.

ביאַליק האָט נישט דערלעבט צו זען די מדינה אין איר אויפ־ריכטונג, אָבער ער האָט זי געטראָגן אין זיין דיכטערישן האַרצן, ער האָט זי מיט זיינע לידער אויסגעחלומט און אויסגעזונגען.

שוין איבער פופציק יאָר ווי ער איז אַוועק אין דער אייביקייט און מען לערנט ביאַליקן, מען לייענט ביאַליקן און מען רעדט וועגן ביאַליקן. מען האָט אויך פאַראייביקט זיין נאָמען אין אַ קאָנקרעטן אופן, אין אַ בית-ביאַליק, אין אַ רחוב ביאַליק, אין אַ קרית-ביאַליק...

אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט די ייִדיש-העברעיִשע קולטורוועלט געפייערט זיין זעכציקיעריקן יובילעי. די גאַנצע פּרעסע איז אַרויס מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען, מיט תהילות ותישבחות. און ביאַליק איז אויף זיין עניוותדיקן שטייגער אַרויס מיט אַ ליד „אונ־טער דער משׂא“, ווו ער זאָגט צווישן אַנדערע:

פון משׂא, פון אייער גרויס ליבשאַפט
שטיי איך געבויגן, פאַרלאָרן;
וואָס זייט איר מיין הויז מיר באַפאַלן?
קיין טאַדל, קיין כּבוד פאַרדין איך —
נישט דיכטער בין איך און נישט נביא —
אַ פּשוטער האָלצהעקער בין איך.
...פאַרדונגען מיין טאָג איז דער קורצער,
אַ פּועל אין אייערע ערטער;
איר האָט נישט פאַר וואָס היינט צו יובלען
און איך האָב קיין צייט נישט פאַר ווערטער.

ביאַליק האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורש, ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה פאַרן גאַנצן פאָלק, אַ רוחניותדיקן אוצר, אַ קנין פאַר כּלל ישׂראל פאַר אַלע צייטן.

אַברהם רייזען — זיין לעבן און שאַפן

רייזען איז אַ וויכטיקער נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור.
זלמן רייזען איז געווען אַ ייִדישער געלערנטער, איינער פון די אָנפירערס פון ייִדישן וויסנשאַפלעכן אינסטיטוט, רעדאַקטאָר פון „טאָג" אין ווילנע, אַ פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פרעסע. די קרוין פון זיין שאַפן איז דער מאָנו־מענטאַלער פירבענדיקער „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור".

שׂרה רייזען, די שוועסטער, האָט אויך צו פאַרצייכענען אויף איר חשבון אַ ריי ליטעראַרישע שאַפונגען און ספּעציעל־אינטערע־סאַנטע באַמערקונגען וועגן איר עלטערן ברודער, אַברהמען.

אַברהם רייזען, זייער ברודער, איז געבוירן געוואָרן חול המועד פּסח, תרל"ו, אין אַ ליטווישן שטעטל, קוידענאָוו, נישט וויט פון מינסק. זיין מוטער קריינע, אַ פרומע, איידעלע און וויכהאַרציקע פרוי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף איר זון ווי אויף די אַנדערע קינדער. זי האָט באַווירקט זיין כאַראַקטער און זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור. דער פאָטער, קלמן, אַ סוחר, וועלכער האָט אויך „צוגעזינדיקט" מיט שרייבן, איז געווען אַן אַזוי־גערופענער משׂכּיל.

אַברהם, וואָס האָט געשמט ווי אַ פעיִק ייִנגל, איז געגאַנגען אין חדר, ווי אַלע ייִנגלעך אין דער ליטע, געלערנט תּנך, גמרא, און אַלגעמיינע לימודים, אויך דייטש און רוסיש.

ער האָט פּרובירט זײַן טאַלאַנט אין שרײַבן גאָר יונג, צו נײַן יאָר. זײַן ערשט ליד:

װער פֿאַרשטײט נאָך און װײס
װי דעם אָרעמאַן איז שלעכט —
ער האָרעװעט מיט שװײס,
ער שלאָפֿט נישט קײן נעכט.

אױף זײַן ביטער מזל
טוט ער נעבעך קלאָגן,
װאָס ער איז פֿאַרגעסן פֿון אַלע
און טוט נאָך צרות טראָגן.

װי מיר זען, האָט דאָס ערשטע ליד זײַנס, הגם אַזױ פּרימיטיװ, שױן גלײַך פֿון אָנהײב אָנגעשלאָגן דעם טאָן פֿאַר זײַן שפּעטערדיקן רײַפֿן שאַפֿן: אַ טאָן פֿון מיטלײד און רחמנות פֿאַרן אָרעמען, עלנטן און אײנזאַמען מענטשן.

זײַן אַלטע באָבע איז געװען די מבינטע אױף זײַנע לידער. ער האָט זיך פֿאַרטרױט פֿאַר איר. זי האָט אים צוגעגעבן קוראַזש צו שרײַבן — און באַצאָלט אים צװײ קאָפּיקעס פֿאַר יעדן ליד... אַברהם רײזען באַשרײַבט עס מיט אַ סך װאַרעמקײט אין דער דערצײלונג „מײַנע ערשטע האָנאָראַרן".

קױדענאָװ, װוּ זײַן װיגעלע איז געשטאַנען, איז געװען אַ גרױ, אָרעם שטעטל, אַזױ װי די מערסטע שטעטלעך פֿון דער ליטע אין יענער צײַט.

די זכרונות און איבערלעבונגען פֿון זײַנע ערשטע לעבנסיאָרן אין זײַן געבױרן־שטעטל טראָגט ער מיט זיך, און אין זיך, זײַן גאַנץ לעבן. ער דריקט עס אױס אין דעם ליד „פֿון דער הײם":

עס איז אַזוי ווייניק געווען —
פאַר וואָס איז אַזוי פיל געבליבן,
וואָס נערט נאָך ביז איצטער דיין ווזן
צו בענקען, געדענקען און ליבן?

איין שטוב אויף אַ בערגל געשטאַנען,
אַ צווייטע — דערביי אָנגעבויגן,
וווּ האָט זיך גענומען, פון וואַנען
די שיינקייט, וואָס שוועבט פאַר די אויגן?

פיל לידער געהערט האָסטו זינגען,
עס זענען שוין אַנדערע אַנטשוויגן —
פאַר וואָס הערט נישט אויף קיין מאָל קלינגען
און רוישן דער היימישער ניגון?

נאָכן טויט פון זיין מאַמען פאַרלאָזט ער זיין היים אין קוידענאָוו און פרוּווט מזל אין שכנותדיקע שטעטלעך און שפּעטער אין מינסק. ער ציט זיין אָרעמע חיונה פון פּריוואַטע לעקציעס, אַ פאַרדינסט, וואָס אָפט מאָל קלעקט אים נישט פאַר זיין טאָג־טעגלעכן ברויט צו זאַט. ער שילדערט זיין שווערן עקאָנאָמישן מצב פון יענער תקופה אין דער דערציילונג „דער פאַלשער פער־ציקער". איך מיין, אַז דאָס איז אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציי־לונג, הגם ער רעדט אין דער דריטער פּערזאָן און רופט אָן דעם העלד פון דער דערציילונג מיט אַן אַנדער נאָמען.

אין דער גרויסער שטאָט באַקענט ער זיך מיט דער דעמאָל־טיקער יידישער ליטעראַטור, מיט די שאַפונגען פון מענדעלע, שלום־עליכם און ספּעקטאָר. ער לייענט אויך פרעמדשפּראַכיקע ווערק אין דייטש און רוסיש און ווערט פון זיי באַאיינפלוסט. ער אַליין זאָגט עס אין זיין ליד „פאַרגענגערס":

כ׳בין מיט ווערטער נישט קיין שטיפער, נישט קיין שפּילער ;
איך בין אַ תּלמיד נאָך פון פּושקין און פון הײנע און פון שילער
און נאָך פון עלטערע — די נביאים
און נאָך פון די פריִערדיקע — די לוויִים.

ער באַקענט זיך מיט די פאַרשײדענע פּירערס פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, װעמעס אידעען האָבן באַפרוכפּערט דאָס קערנדל, וואָס זײן הײם, און ספּעציעל זײן מאַמע האָט פאַרזײט אין דעם יונגן ייִנגלס נשמה. ער ווערט דער באַזינגער פון די אָרעמע, עלנטע און נויטלײדנדיקע מענטשן. זײן אײגן שווער לעבן העלפט אים צו.

ער דריקט עס אויס אין די פערזן :

מײן לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווײניק נאַפט.
ווערן ווערט עס נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט עס נישט קײן קראַפט.

אָדער ווי אין די שורות פון דעם פּאָפּולערן ליד „דו פרעגסט מיך, מײן פרײַנד" :

אויב לעבן הײסט לײדן,
דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאָך האָב איך גענוג זיי, די יאָרן,
נאָר אויב לעבן הײסט הערן
פון גליק כאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך נישט געבאָרן.

רייזען פאַרנעמט זיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור גאָר יונג. ער גיט אַ קלאַפּ מיטן העמערל („העמערל, העמערל, קלאַפּ"), אַ קלונג מיט זיינע גלאָקן („אַך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן"), אַ הוליע מיט די ווינטן („הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן"), ער פּאַרציט דעם היימיש־טרויעריקן גמרא־ניגון פון דעם ישיבה־בחור („מאַי קאָ משמע לן") און באַקומט גלייך אַ „שטאַט" ביי דער מיזרח־וואַנט פון דער יִדישער ליטעראַטור. ער איז זייער פּרוכ־פּערדיק, ער זאָגט אויף זיך אַליין: „איך גיס מיט גראַמען". ער דרוקט זיינע לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען און צייטשריפטן. ער וואַנדערט אַרום אין די גרויסע שטעט פון איראָפּע און אַמעריקע. נאָך אַ סך וואַנדערונגען באַזעצט ער זיך אין אַמעריקע (1914), וואָס ער מאַכט פאַר זיין שטענדיקער היים.

זיינע לידער, ווי אויך די קורצע דערציילונגען, ציילן זיך אין די טויזנטער. (די זאַמלונגען פון אַלע זיינע שריפטן זענען דער־שינען אין 24 בענד).

זיינע לידער ווערן געזונגען אויף פייערונגען און אויף פאַרזאַמ־לונגען, אויף פאָלקס־קאָנצערטן און אויף שׂימחות. ער ווערט ביי די יִדישע מאַסן זייער פאָלקסדיכטער. דאָס פאָלק האָט גלייך דערקענט אין אים זיין אייגענעם דיכטער, דעם באַשיצער פון דעם ליידנדיקן מענטשן, דעם באַקלאָגער פון דעם הילפסלאָזן, רעכטלאָזן און אונטערדריקטן אַרבעטער. ער ווערט זיין שליח־ציבור צו לאָזן הערן זיין צער און וויי. מע דאַרף געדענקען, אַז דאָס זענען געווען די צייטן פון „סוועטשאָפּ" און די טעמאַטיק האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט ביי אַ סך שרייבער פון יענער תּקופה. אויך אַברהם רייזען רעדט וועגן די באַציִונגען פון דעם אַרבעט־געבער און אַרבעטער, פון דעם באַלעבאָס און בעל־מלאָכה.

*

זײַנע שאַפונגען, מיט די װאַרעמע, אינטים־לירישע שטריכן, באַשײדן און אײנפאַך בנוגע דעם סוזשעט און דעם מאָטיװ, אַנט־פּלעקן פֿאַר אונדז אי דעם דיכטער, אי דעם מענטש.

רײזען דער מענטש איז אין פֿולקאָמער האַרמאָניע מיט רײזען דעם דיכטער, און דאָס איז אַ גרויסע מדרגה, אפשר די גרעסטע. צום באַדויערן איז דאָס אַ באַגרענעצטע דערשײַנונג בײַ שרײַבערס, און גאַנץ אָפט איז פֿאַראַן אַ מחיצה, אפילו אַ תהום, װאָס טײלט זײ פֿאַנאַנדער. נישט אַזױ בײַ רײזענען. די, װאָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך, זאָגן, אַז ער איז געװען אַזאַ גוטמוטיקער, שטילער, האַרציקער מענטש אין זײַנע באַציִונגען צו מענטשן, צו פֿרײַנד און חברים, ער איז לויטער ליבשאַפֿט און פֿול מיט אומ־באַגרענעצטער רחמנות פֿאַרן קלײנעם מענטשעלע מיט זײַנע װאָ־כעדיקע דאגות און טיף־מענטשלעכע איבערלעבונגען, יעדער אײנער מיט זײַן פּײַן און מיט זײַן װײ. אַזעלכע טאָקע האָט ער באַשאַפֿן זײַנע העלדן. ער האָט זײ באַשאַפֿן אין זײַן געשטאַלט, בצלמו: גוטע, האַרציקע און גערעכטע.

מיט אַ געפֿיל פֿון װאַרעמקײט באַשרײַבט ער די גײַסטיקע לײדן פֿון אַ קלײנשטעטלדיקן עמיגראַנט, װאָס קומט אין אַ נײַ לאַנד, און דעם שװערן פּראָצעס פֿון צופּאַסונג צו די נײַע, פֿרעמדע באַדינגונגען, ער זאָגט צװישן אַנדערע אין זײַן ליד „גרינע":

אַ נײַע לאַנד, אַ פֿרעמדע לאַנד —
װער זענען דאָרטן זײ ?
װער ס'האָט אַ װײַב געלאָזט אַלײן
מיט קלײנע קינדער צװײ ;
אַ גערטנדל, אַ שטיבעלע,

א טאַטן ווייס ווי שניי...
און ס'האָט דאָס האַרץ ביי איטלעכן
געדריקט אַן אַנדער ווײ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון ווייטן האָט די שטאָט געדראָט
געשראָקן מיט איר ברום
און צווישן צענדליק שפּראַכיקע
געגאַנגען זענען מיר שטום.

ספּעציעל פילעוודיק איז אַברהם רייזען צו די לײדן פון קליינע קינדער. ממש עס פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ ווען ער זעט אַ קינד ליידט. אַזוי באַשרייבט ער אין אַ דערציילונג „די נייע לאַטע" דעם טיפן צער פון אַ זיבניאָריקן ייִנגעלע. יאַנקעלע טראָגט אַ פּאָר אַלטע, צעריסענע אויסגעוואַקסענע הייזעלעך און עס גייט אים אוים דאָס הערצעלע, ער וויל האָבן אויף פּסח אַ פּאָר נייע הייזעלעך, אַזוי ווי זיינע חברימלעך, אָבער ס'איז נישטאָ פון וואַנען צו קויפן. די מאַמע, אין איר אָרעמקייט, געפינט אַ שטיקל קראַטקעוואַטע סחורה און לייגט אוים קונציק צוויי גרויסע לאַטעס אויף ביידע צעריסענע קני. דאָס באַרויִקט יאַנקעלען, ער פילט זיך גליקלעך און באַוואונדערט די בריהשקייט פון דער מאַמען: טאַקע נישט קיין נייע הויזן, אָבער נייע לאַטעס! ביז, ביז ער ווערט אויסגע־לאַכט פון זיינע חברים, און יאַנקעלע, מיט אַ פאַרקלעמט הערצעלע, פול מיט פאַרדראָס, גייט אַוועק פון זיי אַ פאַרשעמטער.

און נאָך אַ דערציילונג: „רייזעלע".

די העלדין איז אַ שטילע, עלנטע מיידעלע, אַ יתומהלע, וואָס האָט נאָר איין איינציקע חברטע, די מאַמע. די מאַמע פאָלגט איר אין אַלץ און טוט וואָס רייזעלע בעט איר. זי הערט אויף צו וויינען און זיפצן אויף איר ביטערן מזל; נאָר איין זאַך קען זי ביי איר

נישט פּועלן — אויפהערן צו הוסטן. זי קען נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זי שטילט נישט איין איר שטענדיק שטיקנדיקן הוסט, וואָס רייסט זיך אַרויס מיט אַ כריפּ פון איר שווינדזיכטיקער ברוסט, ווי פון אַ פּוסטער פאַס.

ס׳איז שווער, פּשוט אוממעגלעך, אין אַ באַגרענעצטער מאָס צו ברענגען און אַנאַליזירן יעדע דערציילונג אָדער ליד, כּדי אויפצווייזן זיין ליבע צו זיינע העלדן. ס׳איז נישטאָ קיין שלעכטע ביי אים, נישטאָ קיין מיאוסע. ער איז אַ סניגור, אַ מליץ־יושר פאַר אַלעמען — („פאַרגעבונג״):

כ׳האָב אַ האַרץ פול מיט ליבע,
כ׳בין מיט ליבע רייך;
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זענען גלייך.

אמת, עס איז פאַראַן רישעות אויף דער וועלט; נו, אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ מענטש, און אַ מאָל דאָס אויך נישט, ווערט ער אַ מאָל געשטרויכלט. דערפאַר איז דאָ פאַרגעבונג. דאָס איז אַזאַ טיף יידישער שטריך, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט אונדזער ראש־השנהדיקער תּפילה: „כּי לא תחפוץ במות המת כּי אם בשובו מדרכּו וחיה״.

ער וויל זען אַ וועלט פון לויטער גוטסקייט, אָבער ער רייסט זיך נישט צו די הימלען צו דערגרייכן דאָס אומדערגרייכלעכע, צו צעשטערן די וועלט אַרום אים. ער וויל נישט צעשטערן, ער וויל נאָר בויען; נישט אפילו צו שרעקן — „נאָר צו וועקן גאָר די וועלט פון אַלע עקן״. דורך אַ טאָן פון לירישן טרויער, פון אומעט, פון תּפילה און פון רחמים, דריקט ער אויס זיינע רחמים, די ליידן פון זיינע העלדן און ליידט אַליין מיט זייער צער. כ׳וואָלט

געזאָגט, נישט מיט אַ פּאַטאָס־געשריי, נאָר מיט אַ קול פון „דממה דקה", פון אַ שטילקייט, וואָס שרייט העכער ווי די העכסטע הימל־שרייענדיקע קולות, ווייזט ער אויף דעם אומרעכט פון דער וועלט. יאָ, ער בענקט נאָך גאולה, ער שטרעבט צו דערלייזונג פאַר די אָרעמע, באַליידיקטע, אונטערדריקטע, פאַר דעם יחיד, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ער ווערט טרויעריק ווען ער הערט די בייזע ווינטן בלאָזן. ער זאָגט „זומער איז נאָך ווייט", נאָך ווייט צום גליק. ער ווערט אומגעדולדיק און איילט צו משיח:

אַ גיכער, משיח, אַ גיכער שוין קום,
עס רינגלט די גאַנצע וועלט שוין אַרום
ווי גיפטיקע שלאַנגען, דער הונגער און נויט,
און הפקר און פחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין נישט אַלעמען שפּייזן די ערד.
אַ קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן פערד.

און דאָך איז נישטאָ קיין יִיאוּשדיקייט אין זיינע פערזן. ער קען נישט זאָגן ווי ביאַליק: „מיין האַרץ איז שוין טויט, פאַרשטומט איז מיין תּפילה".

אַברהם רייזען פאַרלירט נישט דעם בטחון, אַז דאָס גוטע מוז זיגן. אין זיין אַזוי טיף־ייִדישן אָפּטימיזם זינגט ער:

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום —
דאָך קומען וועט, צי פרי צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום.

אָדער:

דאָס ליד פֿון גלויבן

איך גיב זיך נאָך נישט אונטער.
גאָטס גײַסט אויף מיר נאָך רוט:
די וועלט וועט זײַן נאָך מונטער,
דער מענטש וועט ווערן גוט.

ווי געזאָגט, ווײַטיקט רײַזען נישט נאָר פֿאַרן לײַדנדיקן ייִד, נאָר אויך פֿאַרן נישט־ייִד, און זײַן דערציילונג „פֿאַרשפּעטיקט" איז אַ גוטער בײַשפּיל; זי איז פֿול מיט רחמנות פֿאַר דעם אָרעמען פּויער אַנטאַש, וועלכער גייט אום נאָך אַ פּאָר גראָשן צו קויפֿן אַ ביסל קעראָסין צו באַלײַכטן זײַן פֿינצטער שטיבל און אַ פֿונט זאַלץ צו באַטעמען זײַן דאַר שטיקל ברויט. ער ברענגט אין שטעטל אַרײַן צו די ייִדן אַ ביסל סכך פֿאַר די סוכּות. דאָס איז דער איינ־ציקער קוואַל פֿון זײַן פּרנסה און זײַן איינציקע האָפֿענונג.
צום אומגליק מאַכט ער אַ טעות אין דעם ייִדישן לוח, ער פֿאַרשפּעטיקט, עס איז שוין יום־טוב בײַ ייִדן, אַלע סוכּות זענען שוין באַדעקט מיט גרינעם סכך. צו שפּעט, נישטאָ שוין קיין קונים. און איר זעט אַנטאָשן פֿאַרלאָרן און אומבאַהאָלפֿן. ווען ער וואָלט געקענט זאָגן תּהלים, וואָלט ער אויסגעשריגן „מאין יבוא עזרי?". אַבֿרהם רײַזען אָבער פֿאַרלאָזט אים נישט אין זײַן אַנגסט, ער טוט אַרײַן גאָטס רחמנות אין די הערצער פֿון די שטעטלדיקע ייִדן, זיי פֿילן מיט זײַן פֿיין און גיבן זאַלץ און קעראָסין, און אַ מוציא חלה מיט אַ שנאַפּס דערצו. אַנטאָש איז פֿול מיט דאַנקבאַרקייט, וויל עפּעס זאָגן, אָבער פֿאַר גליק דינט אים נישט דאָס לשון, ער פּרעפּלט אויס שטיל: „כ׳וועל געדענקען, כ׳וועל געדענקען".

ס'איז כּדאַי אויך אַריינצוקוקן אין רייזענס וווּנדערלעכער דערציילונג „דער בוים". ער מאָלט דאָס קליינע שטעטל, דאָס ייִדישע געסל מיט די הויקערדיקע שטיבלעך, וואָס האָט פאַרמאָגט אָן איין־איינציקן בוים, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור־דורות צו חיים־יאַנקלען דעם שניידער. די בעלי־בתים פון שטעטל, פון וועלכן ראַנג זיי זאָלן נישט זיין, שיינע בעלי־בתים, גבאים מיט אָרעמע בעלי־מלאָכות, תּלמידי־חכמים און גראָבע־יונגען — אַלע פלעגן קומען זומערצייט, שבת נאָכן טשאָלנט, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אונטער חיים־יאַנקלס בוים. די לופט האָט געשטיקט און ס'איז געווען שווער צו אָטעמען. צווישן די באַזוכערס איז אויך געווען ר' זרח, דער נגיד פון שטעטל. נייען בגדים פלעגט ער דווקא ביי אַן אַנדער שניידער, אָבער חיים־יאַנקל פלעגט נישט אויסנוצן זיין תּקיפות אים אַוועקצוטרייבן. ער איז נישט געווען קיין נוקם ונוטר, פאַרקערט, ער פלעגט אים אויפנעמען פריינדלעך, אים דווקא אָפּצאָלן מיט גוטסקייט, און דאָס איז געווען די שטראָף — דורך מענטשלעכקייט און גוטסקייט אים געבן אַ מוסר־השׂכּל.

אַזעלכע זענען זיינע דערציילונגען. ער שרייבט וועגן קליינע, פּשוטע זאַכן, וועגן איינפאַכע געשעענישן, וואָס קיינער, דוכט זיך, באַמערקט נישט, וועגן אַלטעגלעכע, אָבער טיף מענטשלעכע דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די הערצער פון זיינע העלדן. די קליינע זאַכן מאַכן דאָס לעבן. אַברהם רייזען דערשפּירט זיי, דערפילט זיי, און כאַפּט זיי אויף אויף דער קאַנווע פון זיינע סקיצן. ער ווערט דער שאַפער פון דער קורצער דערציילונג און דער ייִדישער ליטעראַטור, פּונקט ווי ער איז דער פאָטער פון דער ייִדישער ליריק.

זיינע קורצע סקיצן שרייבט ער מיט אַ ווייכן, צאַרטן, דינעם הומאָר. אַזוי באַשרייבט ער אַ קליין מיידעלע אַ נאַשערקע. הערט און שטוינט: זי האָט אויפגעגעסן אַ גאַנצע ציבעלע! אָדער

„דער אַמאַליקער סאָציאַליסט" וואָס באַקלאָגט זיך אויף דעם אַמע־ריקאַנער סאָציאַליזם, ער איז צו רייך. אין דער אַלטער היים, ביי אים אין שטעטל אין גאַליציע, דאָרט איז געווען דער אמתער סאָציאַליזם; מע האָט געקענט אים איינפירן אָן אַ קאַמף, ווען נישט די דריי־פיר רייכע, אַלע וואָלטן געווען גלייך — אָרעמעלייט...

זיינע העלדן זענען נישט קיין גרויסע מלחמה־גיבורים, רעוואָ־לוציאָנערן וואָס קערן איבער אַ וועלט, אָדער גאָר מלכים און הערשער וואָס שאַפן נייע עפּאָכעס. ניין, זיינע העלדן זענען פּשוטע, היימישע, רעכטלאָזע קליינשטעטלדיקע ייִדן, האָרעפּאַשנע מענטשן, אַרבעטערס מיט זייערע וואָכעדיקע זאָרגן, אָדער קינדער.

דאָס אַמאַליקע שטעטל ווערט אויפגעלעבט אין זיינע דער־ציילונגען אויף אַ קינסטלערישן אופן. ער באַלעבט די אַמאַליקע סביבה. די קרומע הייזלעך, די שמאָלע געסלעך און די טרוקענע לאַנדשאַפט. ער ברענגט אַרויס די אַלע טיפן פון דער שטעטלדיקער פאַרגאַנגענהייט, פון אַ וועלט, וואָס געווען און מער נישטאָ.

אוודאי שרייבט וועגן דעם אויך מענדעלע און שלום עליכם, פּרץ און אַנדערע, דאָס איז דאָך די הויפּטטעמע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין יענער צייט. אָבער ווי אַנדערש און פאַרשיידן איז דער צוגאַנג פון יעדן איינעם פון זיי.

מענדעלע שרייבט וועגן די איינוווינערס פון זיין קאַבצאַנסק מיט אַ טאָן פון ביטול. ער שילדערט זייער אָרעמקייט און שיפלות דורך בייסנדיקער סאַטירע, ממש, ער שמייסט מיט ריטערס זיינע אביונים. שלום־עליכם לערנט די מענטשן פון זיין כּתרילעווקע צו לאַכן. ער לאַכט מיט זיי מיט, און מיט אַ געלעכטער דורך טרערן ווייזט ער אויף זייער פינצטערער דאָליע.

פּרץ האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די קליינלעכקייט און גע־פאַלנקייט פונעם ייִדישן לעבן אין יענער צייט. ער האָט אויפגעוויזן די טראַגיק, געמוסרט און געזוכט יום־טובדיקייט און נשמה־

יתירהדיקייט אין זיינע ייִדן. אָבער אַפילו די דאָזיקע ריזן האָבן פאַרזען און נישט אָפּגעשאַצט דאָס אינערלעכע ליכט, וואָס שפּאַרט זיך דורך די שפּאַרונעס פון זייער חושכדיקן לעבן.

אַנדערש, גאָר אַנדערש שילדערט רייזען זיינע העלדן. ער שטרעקט אויס זיין אָרעם, נעמט זיי אַרום און דריקט זיי שטאַרק צו זיין האַרצן. ווי זאָגט דאָס ייִדישע ווערטל: אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, אָבער אויך נישט קיין גרויסער יִיחוס. רייזען האָט אַנטפּלעקט יִיחוס דווקא אין דער אָרעמקייט. ער געפינט נשמה־יתירהדיקייט אַפילו אין געפאַלנקייט און דערהויבט דעם בזיון צו יום־טובדיקייט.

רייזען האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט שאַפן אייגענע ווערק. ער האָט אויך געוואָלט אַריינברענגען אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור דעם גייסט פון די גרויסע אייראָפּעיִשע שאַפונגען און באַקענען דעם ייִדישן לייענער מיט דער מערבדיקער ליטעראַטור. ער זעצט אַליין איבער אַ סך ווערק. ער רעדאַגירט אַ וואָכנשריפט וואָס הייסט „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור", ווו אַ סך פון די גדולים פון יענער צייט נעמען אַנטייל, ער פאַרנעמט זיך אויך מיט פאַר־לעגעריי. ער איז אַ מיטאַרבעטער אין דער ייִדישער צייטונג „דער פריינד". ער גיט אַרויס „קונסט און לעבן", אויך „דאָס ייִדישע וואָרט", אַ קאָנטראָווערסאַלע שריפט, וואָס רופט אַרויס אַ סך בייז בלוט ביי די העברעיִסטן. (דאָס איז געווען די צייט פון דעם אַזוי גערופענעם „ריב הלשונות"). אברהם רייזען איז געווען אַ ליבהאָבער פון ייִדיש. ער האָט געשטרעבט אַז ייִדיש זאָל ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם ייִדישן פאָלק. ער האָט, חלילה, נישט פיינט געהאַט העברעיִש, אָבער נאָך מער האָט ער ליב געהאַט דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק האָט גערעדט ייִדיש. דערפאַר טאַקע נעמט ער אַזאַ אַקטיוון אַנטייל אין דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ. ער שרייבט וועגן ייִדיש אין זיין ליד:

ייִדיש שפּראַך, און לשון מיין,
וווּנדער פון מיין בלייבן זיין!
צווישן פרעמדע, דאָ צי דאָרט,
ביסט מיין היים אין יעדן אָרט.

ווי באַקאַנט, האָט אַברהם רייזען נישט געהאַט קיין מזל צו דער קריטיק. די ליטעראַטור־קריטיקערס, אויך די גרויסע צווישן זיי, ווי ש. ניגער און בעל־מחשבות, האָבן אים געמאַכט צו קליינגעלט: ער איז פלאַך, איינטאָניק, צו איינפאַך. עס איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס לידל פון קבצן, פון רחמנות, דער נייער טיפּ ייִד וויל מעשׂים; די נייע לאָזונגען און רעוואָלוציאָנערע מאָנונגען רופן צו אַקטיוון קאַמף. — דאָס זענען געווען זייערע טענות.

אָבער אַברהם רייזען האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן און האָט אויסגעמיטן די שאַרפע, שפּיציקע פיילן פון דער קריטיק. דאָס פאָלק מיט זיין געזונטן חוש איז אים געקומען צו הילף. די מאַסן האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ליבע און אַכטונג און אים באַשיצט. גלייך ווי ער איז אַרויס אויפןברייטן שליאַך פון דער ליטעראַטור האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דווקא מיט זיין פשטות, מיט זיין האַרציקייט, מיט זיין ערלעכקייט און אינערלעכן כּוח, מיט זיין אמתדיקער מענטשלעכער וואַרעמקייט, וואָס האַלט אָן און לעשט זיך קיין מאָל נישט אויס. זיי האָבן אין אים געזען דעם טרעגער פון פאָלקס־צער, וואָס טראָגט אויף די פליגלען פון זיין ליד דאָס שווערע פּעקל צרות און פאַרגרינגערט זייער געמיט.

ביי ייִדן איז פאַראַן אַ מיינונג: „קול המון כקול שדי” — די שטימע פון פאָלק איז ווי די שטימע פון גאָט. דאָס פאָלק האָט זיך נישט צוגעהערט צו די קריטיקערס — און אַברהם רייזען האָט געזיגט.

אַברהם רייזען, ווי מיר האָבן געזען, שוועבט טאַקע נישט

אין די הימלען, אָבער אויף דער ערד טוט ער אוים די שיך און פילט זי, די ערד. פאַר אים איז הייליק די ערד: „של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת-קודש הוא".

אַברהם רייזען איז געשטאָרבן אין מאַרץ 1953. דאָך קלינגט נאָך אָפּ דער ווידערקול פון זיין ליד ביזן היינטיקן טאָג מיט דער מעלאַדישקייט און צאַרטקייט, וואָס נאָר רייזען האָט געקענט שאַפן. זיינע דערציילונגען באַשיינען די ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס און קינדער-כרעסטאָמאַטיעס, ווו נאָר אַ יידישע שול געפינט זיך.

מוזיק ביי ייִדן

לאָמיר מאַכן קלאָר גלייך ביים אָנהייב: איך וויל דאָ זיך נישט אָפּגעבן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טערמינאָלאָגיע פון מוזיק און מיט דער פאַכמענישער נאָטן־וויסנשאַפט, ווייל גאָר פּשוט, איך בין גאַנץ ווייט פון מוזיקאַלישער קונסט. איך האָב נישט קיין מוזיקאַלישע ערודיציע. איך וויל דאָ נאָר געבן אַן איבערבליק אין אַלגעמיינע טערמינען איבער מוזיק ביי ייִדן, און באַווייזן, אַז עס מאַכן אַ גרויסן טעות די, וועלכע אונטערשאַצן די פּראַקטיק פון מוזיק ביים ייִדישן פאָלק, זאָגנדיק, אַז דער ייִד לעבט זיך אויס נאָר אין אַבסטראַקטן סאָרט דענקען.

אויב מאָלעריי און אַנדערע פּלאַסטישע קונסטן האָבן זיך אָנ־גענומען שפּעט ביי ייִדן צוליב דעם פאַרזאָג פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" אין עשׂרת הדיברות, כּדי אָפּצוהיטן זיי פון געצנדינערייַ — ווי דאָס דינען צו פאַרהייליקטע בילדער, איז מוזיק דווקא געווען זייער חשוב פון די קדמונים־יאָרן אין אונדזער לעבן און זייער שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן אַלע שיכטן פון אונדזער פאָלק. מע קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ייִדן זענען נישט געווען אָפּגעשטאַנען אין מוזיק־קונסט פון די אומות העולם.

מיר זעען, אַז גלייך ביים אָנהייב פון אונדזער ספר הספרים, נאָך אין בראשית (ד' 21) ווייזט די ביבלישע טראַדיציע, אַז דער דערפינדער פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן איז געווען יובל, אַן אוראייניקל פון אָדם הראשון. „יובל... אבי תופש כינור ועוגב" —

יובל איז דער פֿאָטער פֿון די וואָס האַלטן אַ פֿידל און אַ האַרף. און אַז מע האָט די אינסטרומענטן, האָט מען דאָך געוויס געשפּילט.

מוזיק איז געווען איינע פֿון די דריי ערשטע הויפּט־מלאָכות אין דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, און דאָס זעלבע ביי ייִדן.

נגינה איז געווען צווישן די דאָמינירנדיקע פֿאַקטאָרן אין אונדזער גייסטיקן לעבן, אַן אינטעגראַלער טייל פֿון קולטור־געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן אין אַלע לענדער, ווו ייִדן האָבן זיך געפֿונען.

פֿון די אַלטע צייטן אָן איז מוזיק געווען אַ ייִדיש פֿאַך. ייִדן זענען געווען באַקאַנט און באַוווּסט ווי זינגערס און כּליזמרים. דער תּהילים־קאַפּיטל קלז זאָגט עדות אויף דעם. „איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת ניכר" — ווי קענען מיר זינגען אין גלות. די אַרויסגעטריבענע ייִדן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען, ווען זיי זענען דערצו געבעטן געוואָרן פֿון די בבלים. דער ווייטאָג פֿון חורבן־בית המקדש איז געווען צו פֿריש אין זייער האַרץ.

ס׳איז אויך פֿאַלש די מיינונג, אַז ייִדן האָבן זיך אויסגעלעבט נאָר אין אומעט, ווי מע זאָגט: „נאָר מע וויינט און נאָר מע קלאָגט". דער אמת איז, אַז ייִדן האָבן געזונגען סיי ווען זיי זענען געווען צופֿרידן און סיי ווען זיי זענען געווען פֿאַרצאַרנט און אומעטיק. זיי האָבן געזונגען אין פֿריידן און אין ליידן. דאָס ליד האָט אויס־געדריקט זייער אומעט און צער, זייער פֿרייד און דאַנקבאַרקייט, זייער בענקשאַפֿט און זייער האָפֿענונג, זייער גליק און לעבנסלוסט.

עס האָט געזונגען דער יחיד און עס האָט געזונגען דער כּלל; עס האָט געזונגען דער פּאַסטעך ביי זיינע שאָף, שפּילנדיק אויף זיין חליל, און דער פֿאַרליבטער צו זיין געליבטער, שפּילנדיק אויף דער האַרף; עס האָט געזונגען דער פֿאַרמער ביי זיין אַקער און דער אַרבעטער ביי זיין וואַרשטאַט.

גלייך ביים פּראָלאָג צו גאולת ישׂראל, ווען די ייִדן, אַרויס־גייענדיק פֿון מצרים, זענען געשטאַנען ביים ים־סוף אין דער

וויסטעניש, האָבן זיי פּלוצלונג דערזען, ווי די מצרים מיט זייערע חיילות יאָגן זיי נאָך, זענען זיי שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, אָפּ־אָפּט, און זיי ווערן געכאַפּט און אומגעבראַכט. אין לעצטן מאָמענט, ווען נחשון בן עמינדב איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, האָט דער ים זיך געשפּאָלטן דורך אַ געטלעכן נס, למעלה מדרך הטבע; די ייִדן זענען דורכגעגאַנגען דורך יבשה און זענען ניצול געוואָרן, און די ביזן האַלדז באַוואָפנטע מצרים זענען דערטרונקען געוואָרן. אין דעם מאָמענט איז משה, צוזאַמען מיט די ייִדן, אַרויס אין אַ לויבהימען אויסצודריקן דאַנקשאַפט פאַר דער געטלעכער ישועה. דאָס „אָז ישיר"־געזאַנג האָט אָפּגעקלונגען אין דער לופט, און אַזוי זינגענדיק האָבן זיי פייערלעך פּראָקלאַמירט די מלכות־שמים־אידעע, דעם „ה' ימלוך לעולם ועד".

לאָמיר דאָ באַטאָנען, אַז די פרויען האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל צוזאַמען מיט דעם מענער־פאָלק. מרים, די שוועסטער פון משה רבינו, איז אַרויס בראש פון די פרויען מיט פּויק און טאַנץ, „בתופים ובמחולות", און מיטגעזונגען דעם הלל־געזאַנג: „שירו לה' כי גאה גאה".

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָבן פרויען געזונגען. אָט האָבן מיר אין דער שופטים־תקופה דבורה הנביאה. צוזאַמען מיט ברק בן אבינועם האָלט זי אָפּ אַ גרויסן נצחון איבער דעם שווער באַוואָפנטן סיסראָן, דעם פעלדמאַרשאַל פון יבין מלך כנען, וואָס האָט געדריקט די ייִדן אַ לאַנגע צייט. זי באַזינגט אים און זי זינגט אויס די שירה, דאַנקענדיק און לויבנדיק גאָט פאַר דער רעטונג. „ותשר דבורה וברק בן אבינועם ביום ההוא"... אין איר אָדע לויבט זי די שבטים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קריג און ווי חלוצים זענען זיי געקומען צו הילף דעם פאָלק: „המתנדבים בעם ברכו ה'". זי שטראָפט אָבער שטאַרק די שבטים, וואָס האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון העלפן זייערע ברידער, צוליב זייער ענגהאַר־

ציקייט. ספּעציעל זאָגט זי מוסר דעם שבט ראובן: „למה ישבת בין המשפתים לשמע שריקות עדרים?" וואָס ביסטו געזעסן צווישן דיין שאָף צו הערן דאָס מעקן פון די סטאַדעס, ווי אין שטילע נאָרמאַלע צייטן?

דבורה נעמט נישט דעם קרעדיט פון זיג פאַר זיך, זי ווייסט, אַז גאָט אַליין האָט געבראַכט צום נצחון; זינגט זי צו גאָט פון ישׂראל: „אנוכי לה' אנוכי אָשירה אזמר לה' אלהי ישׂראל".

זי הילכט אוים איר געזאַנג אין די אויערן פון די מאַכטהאָ־בערס, זי וויל זיי זאָלן וויסן פון דעם יִדישן נצחון, כּדי אַרויפוואַרפן אַ מורא אויף זיי, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן צו באַפאַלן די יִדן: „שמעו מלכים האזינו רוזנים".

אין ספר שמואל א' זינגט חנה צו גאָט אין אַ טיפער בקשה. זי זינגט שטיל איר האַרצרייסנדיקן ניגון אָן ווערטער, און בעט, גאָט זאָל עפענען איר טראַכט און איר שענקען אַ זון.

זי געפינט זיך אין משכן שילה אין דער אָנוועזנהייט פון דעם אַלטן כּהן עלי. ער זעט אירע ליפּן באַוועגן זיך, אָבער קיין קול הערט ער נישט; ער נעמט זי אָן פאַר אַ שיכּורע. ער מוסרט זי: גענוג שוין צו טרינקען.

חנה דערקלערט אים, אַז ער איז זיך טועה. נישט פון שיכּרות זינגט זי, נאָר פון האַרצווייטיק, ווייל זי וויל האָבן אַ קינד. זי זאָגט אים צו אין אַ נדר, אַז ווען זי וועט געהאָלפן ווערן, וועט זי ווידמען איר קינד צו גאָט: „וחנה היא מדברת על לבה, רק שפתיה נעות וקולה לא יִשמע". אַזוי גיסט זי אוים איר האַרץ פאַר גאָט. (שמואל א' א).

ווען זי ווערט געהאָלפן און געבערט דעם אויסגעווייגטן, אוים־געחלומטן זון שמואל, איז צו איר גליק קיין גרענעץ נישטאָ. איר האַרץ איז איבערגעפולט מיט דאַנקבאַרקייט צו גאָט און זי זינגט אוים איר מוטערלעכע צופרידנקייט אין איינער פון די שענסטע

געזאַנגען אין תּנך. חנה אַנטוויינט איר קינד, וועלכן זי רופט אָן שמואל (שמע אלי), ווייל גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר בקשה, און זי ברענגט אים צו משכּן שילה, צו ווידמען זיין לעבן צו גאָט. דאָס איז שמואל הנביא, איינער פון די ערשטע נביאים ביי ייִדן, וואָס איז געווען אַ שופט און אַ מנהיג, און דער, וואָס האָט געזאַלבט דעם ערשטן מלך ביי ייִדן, שאול בן קיש.

דער זעלבער שמואל האָט אויך געהאַלטן זייער שטאַרק פון מוזיק, ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין תּנך; ער האָט געשאַפן אַ שול פאַר מוזיקאַלישער קונסט און געוואָלט אויסבילדן שפּילערס און זינגערס פון אַלע שבטים, אויסצובררייטערן די פּראַקטיק פון געזאַנג צווישן פאָלק; מוזיק איז געווען דער הויפּט־עלעמענט פון קוריקולום. שמואל האָט געגלויבט, אַז מוזיק האָט אַ ספּעציעלן, מיסטישן כּוח צו טראַנספאָרמירן אַ מענטשן און מאַכן פון אים אַ נייע יצירה. די תּלמידים האָבן זיך אָנגערופן בני הנביאים.

זיי האָבן זיך באַנוצט מיט די כּלי זמר, מיט דער האַרף, מיטן פּויק און מיטן פידל, און די קלאַנגען פלעגן אויפהייבן זייער גייסט, זיי ברענגען צו אינספּיראַציע, צו אַן אינערלעכן ציטער, ווי דער פּסוק אין שמואל א י׳ ווייזט: „וצלחה עליך רוח ה׳ והתנבאת ונהפכת לאיש אחר" — שמואל זאָגט צו שאולן: ס׳וועט קומען אויף דיר דער גייסט פון גאָט... און וועסט ווערן אַן אַנדער מענטש.

צו מוזיק האָט מען אויך צוגעשריבן פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן, ווי אַ רפואה פאַר דעפּרעסיע. ווען דעם ערשטן ייִדישן מלך, שאולן, איז באַפאַלן אַ מרה־שחורה, אַ מעלאַנכאָליע, האָט מע אים געראָטן צו ברענגען אַ פידלשפּילער כּדי אים צו היילן פון זיין אומעט. מע האָט געבראַכט דודן. ער פלעגט שפּילן פאַר אים און פאַרטרייבן דעם בייזן גייסט, ווי דער פּסוק זאָגט (שמואל א טז כג): „והיה בהיות רוח... ולקח דוד את הכנור ונגן בידו ורווח לשאול וטוב לו וסרה מעליו רוח הרעה".

נאָך שאָולן איז דוד בן ישי געוואָרן מלך, דער גרינדער פון דער קיניגלעכער דינאַסטיע מלכות בית דוד. ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ קריגספירער. ער האָט געפירט מלחמות מיט די אַרומיקע שכנים, עמון, מואב און פלישתים. פון איין זייט איז ער אַ מיליטערישער העלד און ער דאַנקט גאָט פאַר דער הצלחה אויפן שלאַכטפעלד: „המלמד ידי לקרב ואצבעותי למלחמה". פון דער צווייטער זייט האָט ער געלערנט זיינע פינגער צו שפילן פידל פון זיין יוגנט אָן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פאַסטעך ביי זיין פאָטער.

ווען דוד המלך נעמט איין ירושלים ביי די יבוסים און מאַכט זי פאַר זיין רעזידענץ־שטאָט, פירט ער איבער דעם אָרון־הברית קיין ירושלים פון בית יערים און די שטאָט ווערט דער מיטלפונקט פון דער נאַציאָנאַלער מלוכה. מיר האָבן שוין אויבן דערציילט אַז ביים אַקט פון אַריינפירן דעם אָרון, איז פאָרגעקומען אַ גראַנ־דיעזע פייערונג אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסער פאָלקסמאַסע, באַגלייט מיט שפילן, געזאַנג און טענץ.

דברי הימים (א' י"ג ח) גיט איבער די פריידיקע פייערלעכ־קייטן וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען מיט געזאַנגען, מיט האַרפעס, מיט גיטאַרעס און פויקן, מיט צימבלען און טרומייטן.

די גמרא אין ברכות דערציילט, אַז ביי קיניג דוד אין צימער איז געהאָנגען אַ האַרפע אויף דער וואַנט, וואָס פלעגט יעדן חצות, פונקט צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט, אָנהייבן אַליין צו שפילן, און ווי אַן אַלאַרם־זייגער אויפוועקן דעם מלך פון זיין שלאָף. דוד פלעגט אויפשטיין און ביים שפילן פלעגט ער זיך נעמען לערנען תורה, ווי עס זאָגט זיך: „חצות לילה אָקום להודות לך על משפטי צדקיך" (תהילים קי"ט ס"ב).

אפילו דאָס יידישע פאָלקסליד האָט אַריינגענומען דודן, ווי דעם פאַרווילער ביי דער סעודה ווען משיח וועט קומען. (דוד

המלך וועט אונדז פידל שפילן). דוד ווערט אָנגערופן אין תּנך „נעים זמירות ישראל" — דער זיסער זינגער פון ישׂראל. די מסורה נעמט אָן, אַז דוד האָט געשאַפן דעם גרעסטן טייל פון ספר תּהילים. דאָס איז אַ ציקל פון 150 געזאַנגען, פון וועלכע דוד האָט געשאַפן 73 מזמורים. דער אינהאַלט פון די קאַפּיטלעך איז אַ פאַרשידנאַר־טיקער. דאָס זענען מיינסטנס לויבגעזאַנגען, וואָס דריקן אויס די גרויסקייט פון גאָט און די באַוווּנדערונג פון געטלעכן באַשאַף.

דאָס זענען לירישע שאַפונגען, ווו דער מענטש טענהט זיך אויס מיט זיין באַשאַפער, און רעדט זיך דורך מיט אים אין אַן אינטימען אופן ווי מיט אַ טאַטן. ער גיסט אויס זיין האַרץ און גלייכצייטיק דריקט ער אויס זיין שטאַרקן בטחון אין גאָט. „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע כי אתּה עמדי" (תּהילים כ"ג ד). — אַפילו אַז איך גיי אין טאָל פון שאָטן, האָב איך נישט קיין מורא פאַר קיין שלעכטס, ווייל דו, גאָט, ביסט מיט מיר.

עס קומט פאָר אַ מין דיאַלאָג צווישן דעם טיף גלויביקן מענטשן מיט גאָט; „אשירה ואזמרה לה'", זיין נשמה שטרעבט צו אים. מיינסטנס בעט ער נישט ביי גאָט קיין מאַטעריעלע נוצן, נאָר ער גאַרט גאָט זאָל אים געבן גליק, ער זאָל קענען הנאה האָבן מזיו השכינה. ער לעכצט נאָך אים, „צמאה לך נפשי", ער זינגט עס אויס און עס ווערט אים גרינגער אויף דער נשמה, ווייל ער ווייסט, אַז גאָט הערט זיך צו צו אַלע די וואָס רופן אים. די תּהלים־געזאַנגען זענען געוואָרן אַ קשר צווישן דעם פאָלק און זיין גאָט און אַ קוואַל פון אמונה צו דערלאַנגען צו די הימלישע הויכקייטן און געהאַלפן ווערן.

דער תּהלים איז זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי ייִדן. ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין סידור און ווערט באַנוצט אין די טעגלעכע תּפילות. גלייך ביי שחרית הייבט מען אָן מיט די פסוקי דזימרא און אין די יום־טובים זינגט מען הלל, קמ"ה־ק"ן.

די אַלע מזמורים זענען אויסגעזונגען געוואָרן און אויסגע־שפּילט ווי עס באַווײַזט אין מערסטע פון זיי דאָס וואָרט „למנצח", וואָס מיינט דער דיריגענט, דער אָנפירער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די זינגערס.

דער ספר תהלים איז איינער פון די שענסטע ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער ספר תהלים איז אַ ריין יידישע יצירה, אָבער אַלע רעליגיעס האָבן אים אָנגענומען און נוצן אים זינגענדיק אין זייערע גאָטדינסטן.

נאָך דוד המלכם טויט נעמט זיין זון שלמה איבער די מלוכה. אין זיין צייט האָט דאָס פאָלק געגאָסן פון שלום. דאָס איז געווען דער גלאַנץ־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם ישׂראל־קיניגרייך.

שלמה האָט פאַרשענערט די שטאָט ירושלים, ער האָט איינ־געפירט גוטע באַציִונגען מיט די פעלקער אַרום, דער האַנדל האָט געבליט און די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אויסגעצייכנט. ער נעמט זיך צום בויען דעם בית המקדש, ווי ס'האָט אים אָנגעזאָגט זיין פאָטער דוד. דאָס בויען האָט געדויערט זיבן יאָר. שלמה האָט געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב, אַ פייערונג פון פערצן טעג, מיט תפילה און מיט זימרה.

פון דאַן אָן איז איינגעשטעלט געוואָרן אַז די לוויים פלעגן שטענדיק זינגען אין כאָר ביי דער עבודה אין בית המקדש, באַגלייט מיט פאַרשיידענע אינסטרומענטאַלע כלי שיר. דברי הימים א׳ (כג ה׳) באַטאָנט, אַז פיר טויזנט לוויים האָבן זיך באַטייליקט אין דעם גאָטדינסט מיט זייערע אינסטרומענטן און געזאַנגען. די באַטייליקונג אין דעם כאָר איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ הויכן סטאַטוס, און די מלוכה האָט אויסגעהאַלטן די אַלע לוויים־זינגערס.

אינעם לעצטן קאַפּיטל פון תהלים ווערן אויסגערעכנט די אַלע כלי זמר, וואָס זענען גענוצט געוואָרן אין בית המקדש. די אַלע מכשירים זענען מיט דער צייט אַרויסגענומען געוואָרן פון דער

עבודת ה׳, עס איז געבליבן נאָר דער שופר, זיין שאַלן האָט אַ מיסטישן קלאַנג און איז אַ סימבאָל צו פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געשעענישן.

דער חומש דערציילט, אַז ביי מתן תורה אויפן באַרג סיני האָט זיך שטאַרק געהערט דאָס שופר בלאָזן צוזאַמען מיט די דונערן און בליצן. אין די ימים נוראים, ראש־השנה אין יום־כיפור, באַנוצט מען זיך מיטן שופר. ראש־השנה ווערט אָנגערופן „יום תרועה״ — דער טאָג פון שאַלן. וועגן יום־כיפור ווערט געבראַכט: „בחודש השביעי, בעשׂור לחודש, ביום הכיפורים תעבירו שופר בכל ארצכם״ (ויקרא כ״ה ט).

געבלאָזן שופר האָט מען ביים אויסרופן דעם יובל־יאָר און דעקלאַרירן פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט „**וקראתם דרור לכל יושביה**״. דאָס שופר־בלאָזן איז אַ קול פון וואָרענונג און סכנה, ווי פאַר אַ מלחמה, און אויך פאַר אַ שימחה און פרייד. ווען משיח וועט קומען, ביי דער ענדגילטיקער גאולה, וועט מען אויך זיך באַנוצן מיטן שופר אָנצוזאָגן די פריידיקע בשׂורה פון ביאת המשיח און דאָס פאָלק וועט אַרויסגיין אים באַגעגענען.

אין אונדזער צייט, ווען דער כותל מערבי איז איינגענומען געוואָרן דורך די צנחנים, איז דער מיליטערישער רב, הרב שלמה גאָרן, אַרויף אויפן הר הבית און מיטן שופר־בלאָזן פייערלעך דעקלאַרירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ירושלים מיטן הר הבית איז אין אונדזערע הענט.

נאָכן חורבן פונעם ערשטן בית המקדש, ווען די ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות בבל, קיין מזבח איז שוין נישט געווען און קרבנות האָט מען שוין נישט געקענט מקריב זיין, איז דער גאַנצער גאָטדינסט באַשטאַנען נאָר פון געבעט, פון תפילה, ווי דער נביא הושע ברענגט: „ונשלמה פרים שׂפתינו״ (י״ד ג) — אַנשטאָט דעם אָקס וועלן מיר באַצאָלן מיט אונדזערע ליפּן.

עזרא הסופר, דער גייסטיקער פירער פון די ייִדן אין יענער תקופה פון שיבת ציון, איז געווען אַ גרויסער רעפאָרמאַטאָר. ער האָט איינגעפירט אַ סך תקנות אין ייִדישן לעבן. ער האָט איינגעשטעלט דעם בית הכנסת פאַר עבודת ה׳ און פאַר עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. דאָס איז געווען אַ מין רעליגיעזער און געזעלשאַפטלעכער קלוב אין דעם מאָדערנעם לשון, ווו די גולי יהודה פלעגן אין אסיפות זיך צוזאַמענקומען אויף צו באַהאַנדלען קהלישע ענינים, דאַווענען און לערנען. ער האָט איינגעפירט דאָס לייענען די תורה דריי מאָל אַ וואָך, חוץ שבת אויך מאָנטיק און דאָנערשטיק. — דאָס זענען געווען די מאַרקטעג, ווען ייִדן פלעגן קומען אין שטאָט אַריין און האָבן אויסגענוצט גלייכצייטיק די זעלבע טעג צו לערנען. די תקנה איז אָנגענומען ביזן היינטיקן טאָג.

די קריאת התורה און אויך די הפטורה ווערט דורכגעפירט מעלאָדיש, זינגענדיק לויט די טעמי הנגינה, אָדער ווי עס ווערט אָנגערופן דער טראָפּ. דאָס זענען די אַזוי גערופענע נאָטן צו לייענען די תורה. די ייִדן פלעגן זיך אָנשטרענגען אויסצולערנען די אַלע סימנים פאַר לייענען, ד״ה מעביר זיין די תורה דורך דער וואָך צו זיין צוגעגרייט פאַרן שבת.

אין די צייטן פון די תנאים און אמוראים, ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט דער סדר התפילות מיט די פאַרשיידענע צוגעגעבענע פיוטים, ווערן די מערסטע תפילות נישט געזאָגט סתּם, נאָר אויסגעזונגען מיט אַ ניגון. דער חזן אָדער דער בעל־תפילה פירט אָן מיטן דאַווענען פאַרן עמוד. ער זינגט אוים די ברכות און די עדה ענטפערט „אָמן״.

דער חזן איז דער פירזאָגער און פאָרזינגער פאַרן ציבור, אָדער ווי מען פלעגט אים אָנרופן, דער זינגמייסטער. הגם ביי ייִדן דאַרף מען נישט קיין ספּעציעלן פאַרמיטלער צו גאָט, יעדער ייִד קען זיך דורכרעדן אַליין מיט זיין באַשאַפער און תפילה טאָן

צו אים. אָבער ווען מען דאַוונט אין אַ מנין איז דער חזן, דער וואָס פירט אָן מיטן דאַווענען, און ער איז דער שליח ציבור, ער פּרעזענטירט די גאַנצע עדה. ער איז איינער פון די „כּלי קודש”, גלייך נאָכן רב פון דער קהילה.

אַ סך תּפילות ווערן אויסגעזונגען מיט באַשטימטע אָנגענומענע מעלאָדיעס, אָדער מיט פאַרשיידענע וואַריאַציעס. דער חזן נייגט אָפּ אָפּט מאָל פון די טראַדיציאָנעלע ניגונים און גיט צו זיין אינדיווידועלן נוסח. ער שאַפט אָפט מאָל נייע מעלאָדיעס צו געוויסע רעליגיעזע אָדעס, לויט זיין פעיִקייט און מוזיקאַלישן וויסן. אַוודאי זענען דאָ אויך פרעמדע השפּעות אין דער יידישער מוזיק פון די פעלקער צווישן וועלכע די יידן לעבן, פונקט ווי זיי, די גויים, האָבן איבערגענומען פון אונדז געוויסע ניגונים. אַ חזן דאַרף אַרויסרעדן שאַרף און קלאָר יעדעס וואָרט פון דער תּפילה, און זעלבפאַרשטענדלעך, דאַרף ער האָבן, צו אַלע אַנדערע מעלות, אַ שיינע אָנגענעמע שטימע.

יידן האָבן ליב חזניש זינגען אפילו ווען זיי פאַרשטייען נישט די ווערטער. מיר האָבן געהאַט אַ סך גרויסע חזנים, וואָס האָבן געשאַפן קאָמפּאָזיציעס פאַר באַשטימטע תּפילות, ווי צום ביישפּיל פאַר קדיש, פאַר קידוש און פאַר קדושה, פאַר עלינו לשבח און דער גוט באַקאַנטער ניגון פון כּל נדרי, ערב יום כּיפּור. באַליבט איז דער חזנישער סאָלאָ־געזאַנג פון „הנני עני ממעש”. דער חזן זינגט אים אוים מיט גרוים מתיקות, ער פילט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עדה און בעט רחמים פאַר זיך און פאַרן קהל.

הרב משה גידעמאַן אין זיין בוך „התורה והחיים” דערציילט, אַז אין מיטל־עלטער, אין די דייטשע קהלות, איז דער חזן געווען אַן אָנערקענטער אָפיציעלער באַאַמטער און באַטראַכט געוואָרן אַזוי חשוב, אַז ער איז באַפרייט געוואָרן פון צאָלן שטייערן צו דער מלוכה.

לאָמיר דאָ דערמאָנען עטלעכע פֿון די חזנים פֿון דער לעצטער צײַט, וואָס האָבן באַרײַכערט מיט זײער טאַלאַנט און שטימע די חזנישע ליטעראַטור.

דער באַרימטער יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכן די ווינער אָפּערע־קאָמפּאַניע האָט אײַנגעלאַדן צו זינגען אין דער אָפּערע און ער האָט עס נישט אָנגענומען; זאַוול קוואַרטין, חזן פּינטשיק, לײבעלע גלאַנץ, משה קוסעוויצקי און אַנדערע. זײ אַלע האָבן זיך אויסגעצײכנט מיט זײער מוזיקאַלישן וויסן, מיט זײערע פֿענאָמענאַלע שטימעס און ווונדערלעכע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ווערן נאָך געזונגען פֿון די הײַנטיקע חזנים.

ווען דער ייִד קומט אַהײם פֿונעם דאַווענען שבת אָדער יום־טוב און זעצט זיך בײַם שבתדיקן סעודה־טיש, באַגלײט ער דאָס עסן, צווישן אײן מאַכל און אַ צווייטן מיט זמירות. ער פֿילט די נשמה־יתירהדיקײט אין זײַן גאַנצן וועזן, אין זײַן געמיט, און די שבתדיקע מאַכלים באַקומען גאָר אַן אַנדער טעם. פּאַרציט ער אַ ניגון און זינגט זמירות. ווי קען גאָר זײַן אַן עונג־שבת אָן זמירות און אָן פּיוטים? מיר האָבן אַ סך אַזעלכע זמירות, וועלכע זענען אַרײַנגעגעבן געוואָרן אין סידור. אַ באַקאַנטער זמר איז „יה רבון עלם ועלמיא" אין אַראַמעיִש פֿון רבי ישראל נגארה פֿונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, אין וועלכן ער דריקט אויס די שטאַרקע בענקשאַפֿט צו דער גאולה.

אַנדערע ניגונים זענען, „צור משלו אכלנו", „מה יפית ומה נעמת", „אהבה בתענוגים" און נאָך.

מוצאי־שבת, צו דער הבדלה־צערעמאָניע, זינגט אויך דער ייִד. ער באַגלײט דעם שבת מיט אַ טרויעריקן ניגון, ווײַל ס'איז אים שווער זיך צו שײדן מיט אים. אוי, דער שבת גײט אַוועק און די שווערע וואָך קומט אָן מיט אירע זאָרגן. דער ייִד זינגט און דריקט

אוים זיין בטחון און שטאַרקע אמונה, אַז גאָט וועט שיקן אליהו הנביא וואָס וועט מבשׂר זיין די גאולה און ביאת המשיח.

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן געזאַנג ביי חסידים. ביי זיי איז דער ניגון, דער בלויזער ניגון, אַפילו אָן אַ ווערטערלעכן לבוש, דער אמתער חסידישער אויסדרוק, איינער פון די עיקרים, און זיי האָבן אים אַנטוויקלט צו די העכסטע הויכן פון עבודת הבורא. זיי האַלטן, אַז דינען גאָט דאַרף מען מיט פרייד, נישט מיט קיין אומעט; עצבות איז נאָר אין זינד, האָט געזאָגט דער גרינדער פון חסידות, ר׳ ישׂראל בעל שם טוב. „השכינה לא שרויה בעצב כי אם בשׂמחה״.

דורך מוזיק דערגרייכן די חסידים צו אַ הייליקן ציטער, צו דביקות, צו עקסטאַז און צו באַהעפטונג מיט גאָט אַליין. שירה איז ביי זיי אַזוי וויכטיק ווי תפילה. זענען דאָך טאַקע ביידע אויסדרוקן אידענטיש אין גמטריא. תפלה=שירה — 515. און ווען מע גייט דאַווענען, איז עס „לשמוע אל הרינה ואל התפילה״.

די חסידישע מעלאָדיעס זענען האַרציק און זיי ברענגען נשמה־יתירהדיקייט צום עולם צוהערערס. איר פילט אַרוים פון דעם ציטער דעם טיפסטן זיפץ פון פיין, פון בענקשאַפט און דורשט צו גאולה, אָבער גלייכצייטיק פילט איר די טיפע אמונה און בטחון, אַז קומען וועט זי זיכער. דער חסידישער ניגון וואַרעמט, שטאַרקט, מוטיקט און ברענגט נייע האָפענונג פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

געזונגען האָט דער בעש״ט און געזונגען האָט ר׳ נחמן בראַסלאַווער, און אַלע רביים פון פאַרשיידענע גזעס, און זיי האָבן געשאַפן הונדערטער ניגונים.

באַרימט איז די דינאַסטיע פון די מאָדזשיצער, וואָס האָבן אַליין געזונגען און אינספּירירט אַנדערע חסידים־מנגנים. לאָמיר דאָ דערמאָנען:

ר׳ שאול ידידיה טאַוב ז״ל, זיין זון, ר׳ שמואל אליהו טאַוב ז״ל, און דער אייניקל ר׳ ישׂראל דן שליט״א. זיי האָבן געשאַפֿן טויזנטער ניגונים צו יעדער געלעגנהייט. דער איצטיקער מאָדזשיצער רבי, ר׳ ישׂראל, לעבט אין מדינת ישׂראל, אין תּל־אביב אויף דיזענגאָף גאַס וווּ ער האָט זיין בית־מדרש, און די קלאַנגען פֿון זיינע ווונדערלעכע ניגונים פֿילן אָן די לופֿט פֿון תּל־אביב.

די חסידישע קאָמפּאָזיציעס פֿאַרכאַפּן דאָס האַרץ אַרויסרופֿנדיק אַ ציטער איבערן גאַנצן קערפּער. דאָס חסידישע זינגען האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פֿריידיקייט אין לעבן און געהאָלפֿן איבערצולעבן די שווערע חושכדיקע צייטן.

נישט נאָר די חסידים, נאָר אויך די מתנגדים זינגען. ווען דער למדן זעצט זיך אַוועק ביים בלאַט גמרא און דער ישיבה־בחור, דער מתמיד, הייבט אָן זיין „תּנו רבנן״, לערנען זיי די סוגיא מיט אַ ניגון, ווייל דאָס העלפֿט איינצוקריצן דעם לימוד אין זכּרון.

און איצט — וועגן די ייִדישע פֿאָלקסלידער, וועלכע דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן און זענען געזונגען געוואָרן ביי פֿאַרשיידענע געשעענישן. דאָס איז אַן אמתער אוצר, וואָס האָט אַ גרויסן היסטאָריש־קולטורעלן און געזעלשאַפֿטלעכן ווערט.

פֿון די לידער קען מען לערנען וועגן דעם אַרט לעבן פֿון אַלע דורות ייִדן, אין פֿאַרשיידענע לענדער און אין פֿאַרשיידענע קולטורן, זייערע מנהגים, זייערע צערעמאָניעס, זייערע שׂימחות, זייערע טרויערס, זייערע אַנטוישונגען, זייער שבת און זייער יום־טוב.

ס׳האָבן געזונגען די תּימנער, און ס׳האָבן געזונגען די מאַראָקאַנער; ס׳האָבן געזונגען די ספֿרדים אין זייער לאַדינאָ־לשון און אוודאי די אשכּנזישע ייִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע, אין ייִדיש.

דאָס זענען די וויגלידער, וואָס די ייִדישע מאַמע האָט געזונגען פֿאַרוויגנדיק איר קינד צום שלאָף. מיטן פּוס האָט זי געשאָקלט דאָס

וויגעלע און מיט די הענט געשטריקט אַ זעקעלע פאַרן קינד און אויסגעזונגען אירע חלומות. דאָס זענען די ליבעלידער און די חתונה-לידער, ווו דער בדחן האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פאַר־ווײלער. דאָס זענען די אַזוי גערופענע לידער פון שער און אייזן — די אַרבעטער-לידער, געזונגענע פון שניידערס, שמידערס און באַ־לעגאַלעס. דאָס זענען די בונדישע לידער, וואָס האָבן מיט זייער רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס געוועקט צום קאַמף קעגן די אונטער־דריקערס. דאָס זענען די ציוניסטישע לידער פון די „בילוצעס״ און „חובבי ציון״, פון דער „צווייטער עליה״, וואָס האָבן געוואַרעמט דאָס האַרץ און געוועבט דעם צוויי-טויזנטיעריקן חלום און האָפע־נונג צוריקצוקומען קיין ארץ-ישׂראל און בויען דאָס לאַנד.

אַפילו בעת אונדזער לעצטן חורבן, אין די חושכדיקע געטאָס, פאַרשפּאַרט פון די רוצחישע דייטשן צווישן די הויכע מויערן, אין הונגער און קעלט, האָבן ייִדן ווייטער געזונגען לידער — אויסגעוויקטע אין טרערן, אָבער דורכגענומענע מיט האָפענונג: „אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח״. אין די וועלדער, אין שאָטן פון טויט, נאַקעטע און באָרוועסע, האָבן די פּאַרטיזאַנער געזונגען — „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג... מיר זענען דאָ!״

נאָך די אַלע שחיטות און פּאָגראָמען, נאָך אַלע בלבולים און חורבנות, איז ישׂראל ענדלעך געקומען צו אַ ניי, שטענדיק מלוכה־לעבן, זינגט דאָס פאָלק אַ ניי ליד: „שירו לנו שיר חדש״, אַ ליד פון העלדישקייט, פון נסים ונפלאות, פון מלחמת השיחרור, פון בויען, פלאַנצן און אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

פון וואַנען אַזאַ כּוח צו זינגען? עס דערמאָנט אונדז דעם פּסוק פון שירת הים: „שמעו עמים וירגזון, חיל אחז יושבי פלשת...״ — די פעלקער האָבן זיך דערשראָקן, אַן אימה איז זיי באַפאַלן... אָבער דו, ישׂראל, זינג ווייטער.

דער סטאַטוס פון דער פרוי ביי ייִדן

אין אַן אַלטער לעגענדע ווערט דערציילט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט בערך אַזוי:

די געטער האָבן זיך געפילט לאַנגווייליק, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַשאַפן די פרוי. אָבער ווי אַזוי? האָט יעדער איינער פון זיי געבראַכט עפּעס צושטייער צו די באַשטאַנדטיילן פון דער דאָזיקער שאַפונג. איינער האָט געבראַכט אַ שטראַל פון דער זון און האָט אַריינגעטאָן אין אירע אויגן, כּדי זיי זאָלן שיינען און ברענען מיט גלוסטעניש און תּאווה; אַ צווייטער האָט געבראַכט די רויטקייט פון אַ קאַרש און באַפאַרבט מיט דעם אירע ליפּן, כּדי זיי זאָלן זיין סענסועל און רייצנדיק; אַ דריטער האָט צוגעטראָגן די ווייסקייט פון שניי און ווייכקייט פון גענדזענעם פוך און עס אַריינגעטאָן אין אירע הענט און לייב; פאַר איר כאַראַקטער האָט איינער זיך געפלייסט צו שענקען דעם שוים פון די ברויזנדיקע ים-כוואַליעס; פאַר איר אינטעלעקט האָט זיך איינער דערטראַכט צו ברענגען גאָר אַ געהויבענע מתּנה — אַ מאַרך פון אַ פויגל... דאָס זענען די הויפּט-באַשטאַנדטיילן פון דער בריאה, וועלכע די געטער האָבן אָנגערופן „פרוי".

עס איז אַ חנעוודיק מעשׂהלע, וואָס רעדט וועגן דער פרויס געשטאַלט און קלוגשאַפט און וועגן איר ראָלע בכלל אין דעם באַשאַף.

נאָר לאָמיר צוגיין צו דער ווירקלעכקייט.

די טעמע פרוי פאַרנעמט היינט צו טאָג אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אין פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, אין דיסקוסיעס און קולטור־לעקציעס, זי גייט נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג אין די צייטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע. די טעמע איז זייער אַ קאָנטראָווערסאַלע. אַזוי איז עס געווען אַ מאָל און נאָך מער היינט, ווען די אַזוי גערופענע „באַפרייונג”־באַוועגונג פון דער פרוי האָט אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען און גייט נישט אַראָפּ פון סדר־היום.

אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער איז די פרוי תּמיד געווען אַ טעמע פאַר באַשרייבונגען. פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן האָבן זי באַזונגען, באַוווּנדערט איר שיינקייט, גלאָריפיצירט די ליבע צווישן מאַן און פרוי, מאָלערס האָבן זי געמאָלן, סקולפּטאָרן האָבן זי געפורעמט. אייניקע פאַרהערלעכן זי און פאַרגעטערן זי, אַנדערע דעגראַדירן זי און רייסן זי אַרונטער; אייניקע שטעלן זי פאַר ווי אַ מלאך און דער מקור פון אַל דאָס גוטס, ביי אַנדערע איז זי אַ טייוול און די אָנרעגונג צו אַלעם שלעכטן. זי איז שולדיק איז אַלץ: „Cherchez la femme” אָדער „She makes you, she breaks you” דאָס זענען אָפט באַנוצטע אויסדרוקן.

אויך ביי ייִדן איז פאַראַן אַ שלל פון קעגנגעזעצטע אויסדרוקן וועגן דער פרוי. לאָמיר ציטירן נאָר עטלעכע:

„בנות ילדו להם, מריבה באה לעולם” (מיטן געבורט פון טעכטער קומט קריגעריי אויף דער וועלט). „נשים דעתן קלה” (פרויען זענען לייכטזיניק). „שוין בעסער פאַרברענען תּורה־ווערטער און ניט איבערגעבן זיי צו פרויען”. „פרויען האָבן ניין מאָס רייד”; „פרויען רעדן און באַרעדן”.

פון דער אַנדערער זייט זענען דאָ אַ סך פיינע ווערטער און אָנווייזונגען ווי דער מאַן דאַרף זיך באַציִען צו דער פרוי. למשל: „אַ מאַן איז מחויב צו רעספּעקטירן זיין פרוי מער ווי זיך אַליין”. „די ברכה אין הויז איז נאָר אַ דאַנק דער פרוי”. „אויב דיין פרוי

איז אַ נידעריקע, בייג זיך אַראָפּ צו איר". „די יִידישע פרוי דאַרף ווערן געשעצט און געליבט מיט די כ"ב אותיות פון א"ב".

בכלל זאָגן אויך יִדן, אַז די פרוי איז אַ מיסטעריעזע באַשעפעניש, און דער מאַן פאַרשטייט זי נישט, זי איז אַ רעטעניש — „נשים עולם בפני עצמן" (פרויען זענען אַ וועלט פאַר זיך).

דאָס זענען אַלץ סוביעקטיווע מיינונגען פון יחידים, וואָס דער תלמוד און אַנדערע קוואַלן האָבן טאַלערירט. נאָר לאָמיר זען ווי אַזוי אונדזערע יִידישע ערשטע מקורות דריקן זיך אויס וועגן דער פרוי.

ביים אָנהייב — ווערט דערציילט אין חומש — זענען ביידע, אָדם און חוה, באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, בצלם אלקים, דאָס הייסט: ביידע דאַרפן האָבן די אַטריבוטן פון גאָט. „איש ואישה ברא אותם" — צוויי גלייכבאַרעכטיקטע מענטשן פון אָנהייב אָן.

אַ ביסל ווייטער, אין דער צווייטער ווערסיע, ווו עס רעדט זיך וועגן דער ריפּ, וואָס גאָט האָט אַרויסגענומען פון אָדמען און פון איר באַשאַפן חוהן, זאָגט זיך: „לא טוב היות האדם לבדו" — עס איז נישט גוט צו זיין אַליין, אָדם פילט זיך אומעטיק, עלנט, נידערגעשלאָגן און דאַרף אַן עזר כנגדו, און ווי דאָס יִידישער שפּריכוואָרט זאָגט: „אַפילו אין גן־עדן איז נישט גוט צו זיין אַליין". אָדם איז אומבאַהאָלפן. ער האָט, דוכט זיך, די גאַנצע וועלט פאַר זיך, און ער קען זיך מיט איר קיין עצה נישט געבן. די גרויסע וועלט ברענגט אים נישט קיין פריידן און נישט קיין נחת־רוח. ווען אָבער ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און דערזעט לעבן זיך די נייע, שיינע באַשעפעניש, רופט ער אויס אין עקסטאַז, מיט באַגייסטערונג: דאָס איז פון מיין ביין און פלייש — „והיו לבשׂר אחד"... „זכר ונקבה בראם, ויקרא את שמם אדם" — דאָס הייסט, נאָר דורך דער פרוי קריגט דער מאַן זיין שלימותדיקייט

און ביידע האָבן אַ גלייכן חלק אין דער יצירה. זי, די פֿרוי, איז די ערשטע, וואָס איז גרייט צו געבן הילף, זי ווערט די לעבן־באַגלייטערין פֿון איר מאַן און די מוטער פֿון דורות.

עס איז אַ פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז די פֿרוי פֿאַרנעמט אַ נידעריקערע מדרגה פֿון דעם מאַן אין טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. דער אמת אָבער איז, אַז דאָס איז אַ בילבול, אַן אויסטראַכטעניש און אַ מיטאָס, וואָס האָט בשום אופֿן קיין באַגרינדונג נישט.

אמת, די ראָלן פֿון דעם מאַן און דער פֿרוי אין דער געזעל־שאַפֿט און אין דער היים זענען איינגעטיילט געוואָרן צווישן זיי. נאַטירלעך, האָט צו דעם צוגעהאָלפֿן דער פֿאַקט, וואָס מען לעבט אין אַ פּאַטריאַרכאַלישער איינשטעלונג, אין אַ מענער־הערשאַפֿט, מיט דעם פּרינציפּ „הוא ימשול בה", מער אָבער צוליב נאַטירלעכע פֿיזיאָלאָגישע אונטערשיידן פֿון ביידע מינים, האָט יעדער מין גענומען אויף זיך באַזונדערע פֿונקציעס: דער מאַן — די פֿיזישע פֿונקציעס, ווי גיין אין מלחמה, די באַשיצונג פֿון דער משפּחה, אַריינברענגען דאָס עסן. די פֿרוי האָט גענומען אויף זיך די באַלע־באַטישקייט, די אָנהאַלטונג פֿון פֿאַמיליע־לעבן, און דאָס וויכטיקס־טע — די קינדער־דערציִונג. „אַל תיטוש תורת אימך" — פֿאַרלאָז נישט די תורה פֿון דיין מוטער, זאָגט „משלי".

און ווייל זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט היים, קינדער און פֿאַמיליע־לעבן, איז זי, די פֿרוי, ביי ייִדן, באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַ סך רעליגיעזע פֿליכטן, מצוות. דאָס זענען די „מצוות עשה שהזמן גרמה", דאָס הייסט די פּאָזיטיווע פֿאַרזאָגונגען, וועלכע דאַרפֿן אויסגעפֿירט ווערן אין אַ באַשטימטער צייט. פֿון זיי איז זי פּטור. אָבער דאָס איז נישט דערפֿאַר ווייל זי איז מינערווערטיק, נאָר ווייל אירע פֿאַמיליע־פֿליכטן דערלויבן איר נישט דאָס אָפּצוהיטן.

די מצוות „לא תעשה" איז זי יאָ מחויב אָפּצוהיטן אַזוי ווי דער מאַן. אויך די מצוות „עשה", וואָס זענען באַזירט אויף

וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען, איז זי מחויב אַפּצוהיטן, ווי אַרבע כּוסות, קריאת המגילה, נר־חנוכּה, ווייל זי איז געווען פאַר־טראָטן ביי די געשעעניש — „שאַף הן היו באותו הנס".

עס איז אָנגענומען, אַז די פרוי איז דער שוואַכערער מין. דוכט זיך מיר, אַז עס איז גאָר פאַרקערט. כאָטש עס איז אַפּיקורסיש פון מיין זייט, האַלט איך אַז דווקא זי ווייזט זיך אַרויס צו זיין די שטאַרקערע. דער פאַקט אַפילו וואָס די פרוי איז אָפּגעטיילט געוואָרן ביים דאַווענען פון דעם מאַן, אין עזרת נשים, ווייזט דווקא, לויט מיין מיינונג, איר שטאַרקייט איבער דעם מאַן; עס ווייזט, אַז די פרוי באַאיינפלוסט אים און באַצויבערט אים; אַפילו ווען ער דאַוונט, אין דער קעגנוואַרט פון גאָט אַליין, ווענדט אָפּ איר נאָענטקייט זיין כּוונה פון די תּפילות. ס'איז אַ מין פאַר־מעסט צווישן יראה און אהבת השם און דער גלוסטונג צו דער פרוי.

גייענדיק צוריק צום חומש זעען מיר אין די ערשטע אַנאַלן פון אונדזער געשיכטע די געוואַלדיקע ראָל וואָס די פרוי האָט געשפּילט. לאָמיר נעמען די אימהות: די ערשטע פון זיי, שׂרה, זי איז אַ גלייכע שותּפטע פון אַברהמען ביים פאַרשפּרייטן דעם מאָנאָטעיִזם און געווינען נאָכפאָלגערס ביים דינען גאָט פון צדק און יושר. (רש"י שטיצט זיך אויפן פּסוק „ואת הנפש אשר עשׂו" — עשׂו — מספּר רבים, דאָס הייסט, ביידע האָבן דאָס געטאָן).

דער תּלמוד ברענגט אויך, אַז שׂרה איז געווען גרעסער פון אַברהמען אין נביאות. זי, מיט איר אינטויִציע און שאַרף אויג פון אַ מאַמען, באַזאָרגט פאַרן קיום האומה און איר גורל, האָט פאַר־שטאַנען, אַז זי טאָר נישט דערלאָזן אַז יצחק, איר זון, זאָל באַאיינ־פלוסט און פאַרפירט ווערן פון דעם ווילדן ישמעאל, און זי טרייבט ישמעאלן אַרויס צוזאַמען מיט זיין מוטער הגר. ווען אַברהם געפינט זיך איבער דעם אין פאַרלעגנהייט הערט ער גאָטס סאַנק־ציע: „את אשר תּאמר אליך שׂרה שמע בקולה" (אַלץ וואָס שׂרה

וועט דיר זאָגן הער זיך צו צו איר). שׂרהס אינטויִציע איז שטאַרקער ווי זיין לאָגיק.

דאָס זעלבע זעען מיר שפּעטער ביי דער מוטער רבקהן, וואָס שטעלט זיך איין פאַר איר איידעלן זון יעקב און באַשיצט אים קעגן זיין ברודער עשׂו, דעם פּרא־אָדם.

לאה און רחל, יעקבס ווייבער, „אשר בנו שתיהן את בית ישראל" (רות ד' י"א), פון זיי שטאַמען אַרויס די צוועלף שבטים און דאָס יידישע פאָלק. לאה איז די עקרת הבית, און מיט רחלען איז פאַרבונדן די ענדגילטיקע גאולה, וועגן וועלכער ירמיהו הנביא זאָגט אַזוי שיין אין קאַפּיטל ל"א: „קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה..." זי באַוויינט אירע קינדער, זי שטורעמט דעם כּסא הכּבוד און פאָדערט גערעכטיקייט און דערלייזונג פאַר אירע קינדער, און מיט אירע טרערן קריגט זי אַרויס די הבטחה פון גאולה פאַרן פאָלק: „...מנעי קולך מבכי... כי יש שׂכר לפעולתך"... — עס איז דאָ אַ באַלוינונג פאַר דיינע מעשׂים, דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער היים.

ווען מע רעדט וועגן גלות מצרים, ווערט עס אין גאַנצן פאַרצייכנט ווי די פּעולה פון דער פרוי, וואָס דורך איר מסירת נפש איז מקויים געוואָרן די גאולה — ווי עס ווערט געזאָגט: „בשביל נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים", דער טייטש איז: אין זכות פון די גערעכטיקע פרויען פונעם דור זענען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרישן יאָך. און דאָס איז, ווייל זיי האָבן מער פאַר־שטאַנען דעם באַטייט און ווערט פון גאולה. און ווען די גזירה אומצוברענגען יעדן יידישן יינגעלע איז געווען אין פולער קראַפט, האָבן די יידישע הייבאַמס איינגעשטעלט זייער לעבן און פאַרשוויגן דאָס געבוירן־ווערן פון די קינדערלעך — קעגן דעם שטרענגן באַפעל פון פּרעהן.

עס איז כּדאַי צו באַמערקן אויך די מסירת־נפש פון מרים

הנביאה, די שוועסטער פון משה און אהרן, וועלכע האָט ארויסגע־האָלפן די הייבאַמס אָפּצונעמען די קינדער. אַזוי איז געראַטעוועט געוואָרן דער גרויסער מחוקק און נביא הנביאים, משה רבינו.

אין איר זכות האָבן די בני ישׂראל געהאַט וואַסער אין מידבר (באר מרים).

בכלל, ביי יעדער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, ווערט באַמערקט די ראָלע פון דער פרוי. ביים מעמד הר סיני שטייט די פרוי גלייך מיטן מאַן צו הערן און פאַרשטיין די געזעצן, וועלכע מאַכן זיי פאַר אַן עם קדוש, אַ הייליק פאָלק. די עשׂרת הדיברות זענען געגעבן געוואָרן צו ביידע גלייך. אין די געזעצן פון שקלאַפעריי איז די שקלאַפין גלייך מיטן שקלאַף. נאָך מער, ווען מען קויפט אַ ייִדישע שקלאַפין, דאַרף דער באַלעבאָס זי נעמען פאַר אַ ווייב, אָדער זי געבן צו דעם זון פאַר אַ ווייב, און אירע קינדער האָבן די זעלבע ירושה־רעכט ווי די אַנדערע קינדער. ביי פּידיון שבויים האָט די מאַמע די בכורה פאַר דעם טאַטן. אמת, אויך אין די נעגאַטיווע געשעענישן פון פאָלק באַטייליקט זיך די פרוי גלייך מיטן מאַן (מעשׂה עגל).

ס'איז ווערט צו באַטראַכטן די שטאַרקע פּערזענלעכקייט פון דבורה הנביאה, וועלכע איז אַזוי פּראָמינענט אין דער שופטים־תקופה. זי, אַ פרוי, ווערט אָנגערופן די ערשטע נביאה נאָך דעם נביא־הנביאים, משהן, און נישט נאָר איז זי נביאה, נאָר אויך אַ פּאָליטישע פירערין, וואָס פאַראייניקט די ייִדישע שבטים, געשטעל־טע אין סכנה דורך דעם כּנעניש שׂונא, מלך יבין. זי וועקט זיי צום קאַמף און באַאיינפלוסט דעם שׂר צבא ברק בן אבינועם זיי צו פירן אין מלחמה.

חנה, די מוטער פון שמואל הנביא, אויך פון דער שופטים־תקופה, איז אין קעגנזאַץ צו דבורה, אַ באַשיידענע פרוי, וואָס מיט איר שטילן געוויין בעט זי אויס ביי גאָט אַ זון, שמואלן, וואָס

פאַרפולט איר לעבן. אויך איר לויבגעזאַנג צו גאָט ווערט פאַרעכנט צווישן די צען פּאָעמעס פון תנך.

צוויי פרויען האָבן אַפילו זוכה געווען צו האָבן מגילות אויף זייערע נעמען און זיי זענען באַליבט און פאַרהייליקט ביים פאָלק פונקט ווי די אַנדערע העלדן פון תנך: די מגילות רות און אסתר. דער אינהאַלט איז באַקאַנט. פון רותן שטאַמט אַרויס דוד המלך און די אַלע שפּעטערדיקע מלכי יהודה, און אַ דאַנק אסתרן האָבן מיר געהאַט דעם נס פון פורים.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די חתונה־מינהגים, וואָס ווייזן ווי די ייִדן באַציִען זיך צו דער פרוי. אין דער תורה און אין תלמוד איז די משפּחה דער עיקרדיקער, קאַרדינאַלער באַשטאַנדטייל אין דער געזעלשאַפט. חתונה האָבן איז אַ סובלימאַציע, אַ דערהויבונג פון אַן עגאָצענטרישן לעבן צו אַן אַלטרויִסטישער באַציִונג צו אַ צווייטער פּערזאָן, אַ לעבן־שותּף, און יהדות קוקט אויף חתונה ווי אויף אַ השלמה, אַ דערגאַנצונג פון באַשאַף.

די ערשטע מיצווה צום מענטשן איז „פּרו ורבו" — פּרוכפּערט זיך און מערט זיך און פילט אָן די ערד. דורך דעם זיווג, די עכטע ליבע, ווערט דער מענטש אַ שותּף צום באַשעפער אין דעם מעשׂה בראשית, דורך ממשיך זיין יצירה און קיום המין. דערפאַר האַלטן ייִדן, אַז חתונה האָבן איז אַ הייליקער אַקט, דערהויבן דורך אהבה, רעות, אחווה. און די חכמי התלמוד האָבן געטאָן אַלץ כּדי צו שטאַרקן שלום־בית. עס ווערט געבראַכט: „איש ואשה זכו, שכינה ביניהם" — אויב מאַן און פרוי,ביידע צוזאַמען גייען אין גלייכן וועג, פירן זיך אָנשטענדיק, שוועבט צווישן זיי די שכינה — „יה", די יוד פון איש און די הא פון אשה שאַפן צוזאַמען גאָטס נאָמען, די שכינה פאַרבינדט זיי און מאַכט ס׳זאָל הערשן שלום־בית. אָן דעם איז דאָס: „אש" — פייער...

דער שלום־בית איז אויך באַזונגען געוואָרן אין דער ייִדישער

ליטעראַטור. ווי, למשל, אין דער דערציילונג „שלום־בית" פון פּרצן, ווו חיים, דער אָרעמער טרעגער, בונטעוועט זיך קעגן דער רבני־שער שטעלונג, אַז דאָס ווייב איז אַ פוסבענקעלע. ניין, ער וועט נישט דערלאָזן אַזאַ זאַך, זיין חנה וועט מוזן זיין מיט אים צוזאַמען אויפן שטול, אויף יענער וועלט...

דאָס שיינע ייִדישע פאַמיליע־לעבן ווערט אויך באַוווּנדערט אפילו דורך גויים. נאָך אין חומש זעען מיר ווי אַ שׂונא ישׂראל, בלעם, האָט עס באַמערקט און באַוווּנדערט און בעל כּרחו געזונגען אַ לויבגעזאַנג: „מה טובו אוהליך יעקב" (ווי גוט זענען דיינע געצעלטן, יעקב).

ווי געזאָגט פריִער, האָבן חז"ל באַשיצט די ייִדישע פרוי, דערפאַר טאַקע האָבן זיי נישט דערמוטיקט פּאָליגאַמיע, הגם אין יהדות איז עס נישט געווען פאַרבאָטן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס פון דעם קומט נישט אַרויס; עס איז אַ מקור פון קריגערייען, פון קינאה און שׂינאה, און צעשטערט דעם שלום־בית און פרידלעכן צוזאַמענלעבן. בכלל האָט דאָס פאָלק נישט פּראַקטיצירט קיין פּאָליגאַמיע. חוץ צרות האָט עס אויך געשמעקט מיט גרויסע הוצאות. מלכים האָבן זיך יאָ דערלויבט דעם לוקסוס.

מיר ווייסן, אַז אָדם הראשון האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן מיט איין ווייב, מיט חוהן, און דווקא דערגאַנגען צו אַ טיפן עלטער (930). דער ערשטער וואָס האָט געהאַט צוויי ווייבער איז געווען למך (און קיין נחת פון זיי האָט ער אויך נישט געהאַט). דערפאַר אפשר הייסט ער למך... עס איז דאָ אַ תּלמודיש ווערטל: ווען אַ מאַן האָט צוויי ווייבער, איינע אַן אַלטע און איינע אַ יונגע, צופּט די אַלטע זיינע שוואַרצע האָר פון קאָפּ און די יונגע צופּט די גרויע האָר — און דער מאַן בלייבט מיט אַ פּליך (קרח מכאן וקרח מכאן).

אין תּלמוד איז דאָ אַ גאַנצע אָפּטיילונג וואָס הייסט „נשים".

דאָס הייסט, אַ זעקסטל פון ש״ס באַהאַנדלט פּרויען־אַנגעלעגנ־הייטן, ווי חתונה, קדושין, גטין. און די חכמים האָבן אַלץ געזוכט צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דער פרוי; זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר אירע רעכט און האָבן איינגעפירט תקנות צו פאַרבעסערן איר לאַגע. שוין אין ערשטן יאָרהונדערט פלעגט די פרוי באַקומען אַ כתובה — אַ געשריבענעם קאָנטראַקט, וואָס האָט מחייב געווען דעם מאַן זי צו באַזאָרגן מיט חיונה, קליידונג און אַפילו צירונג.

דער גרעסטער באַשיצער פון פרויענרעכט איז געווען רבנו גרשם מאור הגולה, אין צענטן יאָרהונדערט. ער האָט איינגעפירט די תקנה וואָס טראָגט זיין נאָמען: חרם דרבנו גרשם, וואָס האָט פאַקטיש אָפּגעשאַפט ביגאַמיע ביי יידן. ער האָט אויך פאַרבאָטן גט בעל כרחה, דאָס הייסט, גטן אַ ווייב קעגן איר ווילן, וואָס לויט דער תורה איז עס יאָ דערלויבט. אַלע אַשכנזישע קהילות האָבן די תקנות אָנגענומען מיט דער גרעסטער האַרבקייט. אין די אַראַבישע קהילות, און ספּעציעל ביי די תימנער יידן, איז נאָך אָנגעגאַנגען פּילוויבערייַ ביז דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. אין 1951 האָט ישראל אָנגענומען דעם איסור פון פּאָליגאַמיע.

עס איז אויך כדאי אַריינצוקוקן אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע און זען דעם קאָלאָסאַלן אָנטייל, וואָס די פרוי האָט גענומען אין מאָמענטן פון קריזיסן, ווען דאָס פאָלק איז געווען אין סכנה. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זי זיך דערהייבן בפועל ממש ביז מסירת נפש. אונדזער מאַרטיראָלאָגיע ווייסט צו דער־ציילן פון חנה ושבעת בניה, וועלכע האָט דערמוטיקט אירע זיבן זין אומצוקומען אויף קידוש השם איידער צו בוקן זיך צום גרי־כישן אָפּגאָט.

ווי לעגענדאַריש קלינגט די קרבנות־גרייטקייט פון אַזאַ דאָנאַ גראַציאַ, די רייכע, שיינע אלמנה דע לונאַ פון פּאָרטוגאַל, וועלכע

פאַרשטעלט זיך ווי אַ קריסטין און ראַטעוועט צענדליקער ייִדן ביז זי אַליין פאַלט אַריין אין די הענט פון דער אינקוויזיציע און שטאַרבט אויף קידוש השם; דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון פראַנ־ציסקאַ ניגועיראַ, וועלכע וואַרפט זיך אין פייער מיט שמע־ישׂראל אויף די ליפּן; די מסירת נפש פון די ייִדישע פרויען אין כמיעל־ניצקים צייטן, ביי די גזירות ת״ח ות״ט, איז אַ גלאַררייכער קאַפּיטל אין אונדזער מאַרטיראָלאָגיע (שלום אַש באַשרייבט עס אין „קידוש השם״).

און אַז מיר קומען צו דער איצטיקער צייט, די פינצטערע עפּאָכע פון ייִדישן אומקום אין די גרויליקע נאַצי־יאָרן, זעען מיר אַ גרויסע צאָל ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן, אין אָנבליק פון טויט, געפירט אַ מסירות־נפש־קאַמף קעגן די רוצחים. זייערע נעמען וועלן אויף תּמיד באַשיינען די בלעטער פון אונדזער געשיכטע.

ווער קען זיי אויסרעכענען, אָט די טויזנטער העלדישע פרויען, אָן אונטערשייד פון באַוועגונג, ריכטונג און אידעאָלאָגיע? פון די וואָס מ׳ווייסט יאָ, וועל איך פּרוּוון דערמאָנען נאָר עטלעכע: צביה לובעטקין, די פרוי פון געטאָ־העלד יצחק אַנטעק צוקערמאַן, וועלכע האָט מיט אומצאָליקע פרויען און יונגע מיידלעך געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ טראַגישן פאַרמעסט מיטן שׂונא; די לערערקע מירע, וועמען דער פּאָעט אַ. סוצקעווער פאַראייביקט אין אַ ליד אונטער דעם זעלבן נאָמען; די 93 ייִדישע טעכטער, בית־יעקב־מיידלעך, וואָס זייער אויפפיר קלינגט ווי אַ לעגענדע — זיי האָבן אויסגעקליבן זעלבסטמאָרד איידער זיך איבערגעבן צו די טמאים.

ווי קען מען אויסלאָזן דעם שטראַלנדיקן נאָמען פון חנה סענעש, וועלכע האָט זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון גאולה און הצלה? זי איז געכאַפּט און געפּייניקט געוואָרן, אָבער נישט אויסגעגעבן קיין סודות. „ניין, נישט קיין רחמנות ביי די שׂונאים וועל איך בעטן, כ׳וועל בעסער שטאַרבן און מיט מיין טויט אָנצינדן

הערצער", זאָגט זי. יאָ, זי האָט אָנגעצונדן אַ פלאַם אין די הערצער פון די פרייהייט־קעמפערס פאַר מדינת־ישראל. (אשרי הגפרור שנדלק והצית לבבות).

אויך אין דער באַנייטער מדינה, אויף די פעלדער פון גליל און יהודה, אויף די הייסע זאַמדן פון נגב, אין שטאָט און אין קיבוץ, אין פאַבריק, אין אוניווערסיטעט, אויף די פראָנטן פון סיני און רמת הגולן, אין כנסת און אין היכל התרבות — אומעטום שטייט די פרוי גלייך מיטן מאַן אין אַלע אונטערנעמונגען, אָן אונטערשייד — שטענדיק אין די ערשטע רייען, אין פריידן און אין ליידן, אין שׂימחות און אין טרויער, אין חורבן און אין אויפבוי — אומעטום איז זי פאַרטראַטן. זי איז אַן אמתע אֵשת חיל.

נישט קיין וווּנדער, וואָס עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַזאַ שיינער מינהג, און דווקא די פרומע היטן אים אָפּ, אַז פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען דער מאַן קומט אַהיים פון שול, זינגט ער לכבוד זיין פרוי אַ לויבגעזאַנג, אַ סערענאַדע „אֵשת חיל מי ימצא" (משלי ל"א), וואָס ווערט צוגעשריבן צו שלמה המלך. דאָס ליד לייענט זיך אַזוי אין דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ:

ווער קען אַן אֵשת חיל, קרוין פון איר מאַן געפינען,\
אַ פרוי אַ פרומע, פול מיט מעשׂים טובים געווינען.\
דאָס גאַנצע הויז האָט זי אויף אירע פּלייצעס געטראָגן,\
אַז איר מאַן זאָל אין בית מדרש גאָטס וואָרט קענען זאָגן.\
האָט ציצית געשפּונען פאַר רייך און פאַר אָרעם\
און פאָדעם געוועבט אויף צונויפניייען ספרים.

אַ בריוו און אַן ענטפער

דעם 25סטן סעפטעמבער 1978

טייערע מלכּה טוזמאַן,

זענען מיר שוין צוריק פון אַ לאַנגער, שווערער רייזע און מע הייבט אָן צו מאַכן אַ חשבון הנפש און זיך „גרייטן אויפצונעמען מיין שבת שבתון". ס'ווילט זיך פאַרריכטן עוולות, פאַרבעסערן און פאַרענדיקן דאָס נישט פאַרענדיקטע. אוי, ס'איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן! מע אײַלט זיך, מע לויפט... „נאָר צו וואָס דאַרף מען לויפן? איך גיי דאָך פּאַמעלעך". היום קצר? — ניין; „היינט איז אייביק" — זאָגט מלכּה טוזמאַן.

לייענען מיר דאָס טאַקע מיט גרויס הנאה, און מע ווערט נישט מיד; מע קען דאָס לייענען און לייענען און יעדעס מאָל געפינען נאָך אַ חידוש, און ווידער הנאה האָבן. נישטאָ די שווערע העקסאַמעטערס און נישט די האַמעטנע יאַמבן. קורצע, אָפט מאָל אָפּגעהאַקטע שורות, הייבן זיך אַליין פלינק און גראַציעז אין דער לופטן, ווי צום טאַנץ, און מיר טאַנצן מיט...

כ'וויל זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קריטיק; איך — אַ ליטעראַטור־קריטיקער? „הנני העני ממעש". כ'האָב גאָר מורא זיך צוצורירן, צעדריבלען און קאַליע מאַכן. כ'האָב מורא כ'וועל „בלאָנדזשען אויף וועגן טונקעלע און קרומע פון אַ לאַבירינט", אַריין אין דעם פּרדס און חלילה נישט אַרויס. נאָר רבי עקיבא האָט

באַװיזן די קונסט. אַז בײַ אײַך „שטילקײט" האָט אַזױ פּיל פּנימער, אַזױ פּיל אַטריבוטן: אָט איז זי גוט, אָט איז זי קלוג, אָט איז זי גאָר „פאַרטיפט", און אפשר איז די „שטילע שטילקײט", דער קול דממה דקה, װאָס שרײַט העכער װי די קולות־וברקים װאָס װעלן הימל אױפרײַסן, פון שװײַגעניש די געװאַלדן? אװדאי װײס איך װי איר לאַכט הינטער מײַנע פּלײצעס פון מײַנע רײד... איז אָט־אָט און דער זײגער שלאָגט שױן באַלד חצות, איז איצט אַ שפּאַן אין נײַעם יאָר און מען הײבט אָן שפּינען אַ נײַעם חלום.

װינטשן מיר אײַך כּל טוב צום נײַעם יאָר תּשל"ט. תּשלט מײַנט: הערשן און באַהערשן. אונדזער װוּנטש צו אײַך: באַהערשט די צײַט און די נאַטור און האָט נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן צו זינגען אײַער ליד.

מיט אַ האַרציקן גרוס און אַ דאַנק פאַר אַ בוך לידער.

אײַערע שמחה און שרה לײַנער

*

דעם 30סטן סעפּטעמבער 1978

טײַערע שמחה און שרה לײַנער,

כ'װעל אָנהײבן פון אײַער בריװ אין מיטן: איר זאָגט, „איך — אַ ליטעראַטור־קריטיקער?" גלײבט מיר, אַז אַזאַ לײענער װי איר איז אױף אַ האָר נישט װיניקער קריטיקער װי דער צעפּויקטער סקאַרבאַװער קריטיקער...

און אַז מען לײענט „מיט גרױס הנאה" איז די קריטיק אַ נאַטירלעכע און רופט אַרױס אַ שטילע, פרומע פרײד בײַם דיכטער, װאָס װיל דורכױס פאַרשאַפן הנאה. און אַז מען זאָגט „מ'קען עס

ליינען און יעדעס מאָל געפינען נאָך אַ חידוש" איז דאָס נישט קיין קריטיק? אָדער:

„קורצע, אָפּט מאָל אָפּגעהאַקטע שורות הייבן זיך אַליין פלינק און גראַנדיעז און לויפן ווי צום טאַנץ" — איז דאָס דען ווינציקער קריטיק ווי „דער קריטיקער?"

און ווייטער „אַז ביי אייך ,שטילקייט' האָט אַזוי פיל פּנימער און אַזוי פיל אַטריבוטן" — איז דאָס ווינציקער ווי איידעלע פּאַרטיפּטע קריטיק?

און ווייטער: „שוין באַלד חצות, איז איצט אַ שפּאַן אין נייעם יאָר און מען הייבט אָן שפּינען אַ נייעם חלום" — איז דאָס ווינציקער ווי פּאָעזיע?

פאַר וואָס זשע זענט איר און שׂרה נישט צוגעקומען צו מיר, אַז איך זאָל אויך אייערע פּנימער דערקענען? דאָס איז מיר אַ שאָד.

צי ווייסט איר נישט ווי עלנט ס'איז איצט אַ יִדיש־דיכטער?

ווייסט איר נישט, אַז אַזאַ בריוו ווי אייערער טוט אָן פליגלען דעם ליד?

דאַנקט און בענטשט אייך צום נייעם יאָר — פון האַרצן — אייער —

מלכּה חפץ טוזמאַן

אינהאַלט

אַריינפיר פון העשיל קלעפּפיש 9

א

פּסח, דער ייִדישער פרייהייט־יום־טוב 15
משה רבינו, אונדזער פאַרהייליקטער פאָלקסהעלד 35
שבועות, דער פאַרגעסענער אָבער וויכטיקסטער יום־טוב 59
געדאַנקען וועגן די ימים־נוראים־תּפילות 71
סוכּות — אַ קראַנץ פון יום־טובים 77
בראשית אין מיטן 91
דער יום־טוב חנוכּה אַ מאָל און היינט 111
חמישה עשׂר בשבט 133
פּורים — דער הצלה־יום־טוב 149
חג שׂמח 171

ב

דער משיח־אידעאַל ביי ייִדן 187
דאָס אייביקע ירושלים 207
לאָמיר לערנען פּרק 225
חיים נחמן ביאַליק 249
אַברהם רייזען — זיין לעבן און שאַפן 269
מוזיק ביי ייִדן 285
דער סטאַטוס פון דער פרוי ביי ייִדן 301
אַ בריוו און אַן ענטפער 313